STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02371

# BARIMTE YIDISHE FROYEN

Samuel Leib Zitron

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ל. ציטראָן

# באַרימטע יידישע פרויען

## זייער לעבן און ווירקן

פאַרלאַג „אחיספר"
ביי געז. „צענטראל",
ווארשע, נאוואליפּקי 7.

K

Zakł. Graf. „Stereotyp"
Warszawa, Nowolipki № 7

yi 838, c. 1

# אינהאַלט:


| | | זייט |
|---|---|---|
| 1) | נאהידא רות לאַצאַרוס | 5 |
| 2) | דאָנאַ גראַציאַ מענדעס | 25 |
| 3) | ביילע אַשכּנזי | 48 |
| 4) | אסתּר קיידאַ | 53 |
| 5) | הענריעטע הערץ | 58 |
| 6) | פייגעלע אָרנשטיין | 76 |
| 7) | הענריעטע מענדעלסאָן | 85 |
| 8) | „פּרינצעסין" סידאָניע | 90 |
| 9) | גליקעל פאָן האַמעלן | 95 |
| 10) | אסתּר כּהן | 105 |
| 11) | חוה בכרך | 110 |
| 12) | דינה יחייא | 115 |
| 13) | חוה פּראַנק | 120 |
| 14) | חיה וואָלאָווסקי (שור) | 130 |
| 15) | סאַראַ מייער | 135 |
| 16) | דינה וואָל | 140 |
| 17) | שרה קאָפּיאַ-סולאַם | 145 |
| 18) | עמאַ לאַצאַרוס | 155 |
| 19) | רחל מאָרפּורגאָ | 160 |
| 20) | ראַשעל | 166 |
| 21) | פאַני לעוואַלד | 175 |
| 22) | חנה-רחל ווערבערמאַכער | 184 |
| 23) | יהודית מאָנטיפיאָרע | 189 |

# נאַהידאַ רות לאַצאַרוס.

## I

די יידישע פרוי האָט נאָך נישט געפונען איר היסטאָריקער. דאָס יידישע פאָלק האָט כמעט אין אַלע תקופות פון זיין פירטויזנטיעריקער געשיכטע, פון די עלטסטע צייטן ביז דער קעגנוואַרט, געהאַט אויפצוווייזן אַ היבשע צאָל אויסערגעוויינלעכע פרויען, וועלכע האָבן זיך דערהייבן הויך איבער דער מאַסע און דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע פון קונסט און וויסנשאַפט, פון פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, פון מוסר און זיטלעכקייט. עס זענען געווען ביי יידן גייסטרייכע פרויען, וואָס זייער השפעה האָט זיך נישט באַגרענעצט נאָר אין זייער סביבה און אין זייער צייט, און האָט פאַרכאַפּט פיל גרעסערע קרייזן, אָפטמאָל אויך גאַנצע לענדער, און זיך געצויגן דורות-לאַנג. און דאָך האָבן דידאָזיקע מוסטער-פרויען, וואָס אַנדערע פון זיי זענען געוואָרן אַרומגעשפונען פון פאָלק מיט אַלערליי לעגענדעס און וואונדער-מעשיות, געפֿאָזט נאָך זיך נאָר זייער קנאַפּע שפורן אין אונזער ביאָגראַפישער ליטעראַטור, און זענען אַזויאַרום פאַרבליבן דעם ברייטן יידישן עולם גאַנץ אומבאַקאַנט. עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז דערדאָזיקער אומשטאַנד האָט אַ סך צוגעהאָלפן צו יענעם, לגמרי אומבאַרעכטיקטן ביטול, מיט וועלכן מען באַציט זיך אין מאַנכע יידישע קרייזן צו דער פרוי, און אויך צו יענער אַגיטאַציע, וואָס ווערט ביי אונז אָנגעפירט דאָ און דאָרט צו פאַרשמעלערן אירע רעכט און אָוועקצושטעלן זי געזעלשאַפטלעך אַ סך נידעריקער פונם מאַנספערשוין. עס איז, ווי באַוואוסט, אין דעם

פונקט געקומען אַזוי ווייט, אַז מען טרעטירט די פרוי זאָגאָר ביי דעם אויפבוי פונם יידישן לאַנד. אַלס ביישפיל איז גענוג אָנצוווייזן אויף דעם פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער פרוי, וואָס האָט זיך נאָך אָט דאָ גאָרנישט לאַנג פאַנאַנדערגעפלאַקערט אין ארץ-ישראל מצד אַ געוויסן טייל פון דער דאָרטיקער יידישער באַפעלקערונג, אַרויסשטעלנדיק דערביי פאַר אַן אַרגומענט נישט בלויז דעם רעליגיעזן דאָגמאַט, נאָר אויך די אָרעמע אינטעלעקטועלע כוחות פון דער פרוי. אַזעלכע פאַלשע באַגריפן זענען פאַרשפרייט אין אונזערע מאַסן וועגן דער יידישער פרוי.

אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען וועל איך דורכפירן פאַרן לעזער אַ גאַנצע גאַלעריע באַרימטע, אויסטערלישע פּרויעקטיפן פון די פאַרשידנסטע שיכטן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין לעבן פונם יידישן פאָלק און געהאַט אַ דעצידירנדיקן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

אַלס אַריינפיר צו מיין מאָנאָגראַפיע, וויל איך מיך אָפּשטעלן אויף דער ליכטיקער געשטאַלט פון אַ הויך אָנגעזעענער פּערזענלעכקייט, אַ געבוירענע קריסטין און אַ שפּעטערדיקע גרקע, וועלכע האָט די ערשטע מאַניפעסטירט פאַר דער וועלט איר גרויסע באַגייסטערונג פאַר דער יידישער פרוי. אַ בעלעטריסטין פון פאַך, און זייער אַ באַגאַבטע, מיט אַ גרויסן נאָמען אין דער דייטשער ליטעראַטור, האָט זי זיך, אויף דעם וועג פון אירע זוכענישן נאָך מאָראַלישער שיינקייט און פולקומענהייט, אָנגעשטויסן אויף דער יידישער פרוי, פאַר וועלכער זי איז געבליבן שטיין, ווי פאַרבליפט און פאַרכישופט. איר האַרץ איז געוואָרן געפאַנגען פון דער טוגנט און צניעות פון דער יידישער פרוי און פון אַלע אירע איבעריקע מעלות און מדות טובות, וואָס שטעלן זי אַוועק מיט פיל שטאַפּלען העכער פון דער פרעמדער, נישט יידישער פרוי. פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך גענומען גריבלען אין דער געשיכטע פון דער יידישער פרוי, האָט דורכשטודירט אַ דור נאָך אַ דור, אַ תקופה נאָך אַ תקופה, לויט די ווערק פון די גרעסטע היסטאָריקער, און ווי אַ לאַנגער שנור פּערל האָבן זיך פאַר אירע אויגן געצויגן כסדר העלדינס פון ווילן און טאַט, פון גייסט און וואָרט, אַז זי איז געוואָרן אַזש פאַרבלענדט. יעדע פון אירע ליטעראַרישע שאַפונגען ווערט אַ התלהבותדיקער לויב-הימן,

אַ באַגײסטערטער אַפּאָטעאָז פֿאַר דער ײדישער פֿרױ; עס גײט אַװעק אַ קורצע צײט, און זי װערט אַלײן אַ ײדישקע...

איך רעד דאָ װעגן נאַהידאַ־רעמי, די פֿרױ פֿון דעם באַװאוסטן גרױסן ײדישן געלערנטן פּראָפֿעסאָר משה לאַצאַרוס.

װי אַזױ האָט זיך דידאָזיקע שטרענג גלױביקע קריסטין צוגע־קלעפּט מיט אַזאַ פֿײערדיקער ליבע צום ײדישן פֿאָלק? — דאָס װעט דעם לעזער דערקלערט װערן דורך איר זײער אינטערעסאַנטער לעבנסגעשיכטע.

# II

נאַהידאַ־רות לאַצאַרוס איז געבוירן אין 1849 אין אַ קלײן פּרײסיש שטעטל מיט אַ פּױלישער און דײטשער באַפֿעלקערונג. איר מײדלשע פֿאַמיליע איז שטורעמהעפֿעל. פֿון איר מוטער, װעלכע איז געװען אַ געבילדעטע און באַגאַבטע פֿרױ, האָט זי גערירשנט גלענצנ־דיקע פֿעאיקײטן צו קונסט, אַ דיכטערישע פֿאַנטאַזיע און אַ ליטעראַ־רישן טאַלענט.

נאַהידאַ לאַצאַרוס איז געװען פֿון דער נאַטור עקספּאַנסיװ און טעמפּעראַמענטפֿול. אַלץ האָט אויף איר געמאַכט אַן אײנדרוק, און אויף אַלץ האָט זי זיך אָפּגערופֿן מיט איר האַרץ און מיט איר מאַרך.

אַ באַזונדערס שטאַרקן אײנדרוק האָט אויף איר געמאַכט איר פֿאַרברענגען אינם הויז פֿון דער ענגלישער גרעפֿין דזשערמען.

נאַהידאַס מוטער האָט געליטן פֿון אַ געפֿערלעכער קראַנקהײט, און לויט דער עצה פֿון די דאָקטוירים, האָט זי געמוזט אָפּפֿאָרן אויף דרום. נישט האָבנדיק די מעגלעכקײט צו נעמען מיט זיך איר קלײן טעכטערל, איז זי געװען געצװאונגען איבערצולאָזן זי בײ אירער אַ רײכער און אַ מיוחסדיקער קרובה, װעלכע האָט געװאוינט אין איטאַליע.

דאָס איז געװען דאָס ערשטע אומגליק אין נאַהידאַס לעבן.



Free Public Library, Newark, N. J.

דאָס צעשיידן זיך מיט דער הייס-געליבטער מוטער האָט טיף צע-טרייסלט דאָס איינדרוקספולע קינד.

די גרעפין איז געווען אַן אַלטע, קינדערלאָזע אלמנה. אין דער גאַנצער געגנט אַרום האָט זי געשמט פאַר אַ גוטהאַרציקע פרוי און אַ גרויסע בעלת-צדקה. די קליינע נאַהידאַ האָט אָבער אַרויסגעוויזן צו איר גאַנץ ווייניק סימפּאַטיע, ווייל זי האָט איר נישט געלאָזט בענקען נאָך דער מוטער, און האָט פון איר געפאָדערט, זי זאָל כּסדר לאַכן און טאַנצן און זינגען און איר פריילעך מאַכן. די אַלטע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן פאַר נאַהידאַס וואוילטעטערין, האָט גע-וואָלט, אַז אויס דאַנקבאַרקייט זאָל זי שטיין פאַר איר אויף די קני, זאָל איר קושן די האַנט, גלעטן אירע אָפּגעוועלקטע באַקן און זאָגן איר חניפה-ווערטלעך. אָבער דאָס מיידל האָט אירע קאַפּריזן נישט נאָכגעגעבן, האָט זי נישט געקושט און נישט געחנפעט, און האָט זיך באַשיידן געהאַלטן אין שאָטן.

די גרעפין האָט נאַהידאַס קאַלטקייט צו איר נישט געקאָנט לייכט אַריבערטראָגן, און האָט איר שטענדיק פאָרגעוואָרפן איר אומ-דאַנקבאַרקייט. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט זי איר אַריינזאָגן די שאַרפסטע שטעכווערטלעך. נאַהידאַ האָט זיך דערפון שטאַרק געפילט געקרענקט, און האָט פאַרביסן די ליפּן.

דידאָזיקע דערציונגס-באַדינגונגען האָבן אַנטוויקלט ביי נאַהידאַן פאַנטאַזיע און מיסטיציזם, צו וועלכע זי איז געווען גענייגט פון דער נאַטור.

בכלל אָבער איז די אויסערע סביבה, אין וועלכער נאַהידאַ האָט פאַרבראַכט ביי דער גרעפין, געווען זייער אַ גלענצנדיקע. זי האָט זיך ממש געבאָדן אין לוקסוס. טעגלעך פלעגט מען דאָס מיידל אַריינ-פירן אין דעם פּרעכטיקן זאַל, וועלכער איז געווען פול מיט געסט, און מ'האָט זי געבעייט אַרויסצווייזן אירע פעאיקייטן, איר שיינע פראַנ-צויזישע שפּראַך מיט איר מוזיקאַלישן טאַלענט. די קאָמפּלימענטן, מיט וועלכע מען פלעגט איר באַשיטן, האָבן זי אָבער נישט גע-רירט; זי האָט געקוקט מיט פאַראַכטונג אויף דער פאַראַדנער גענזעל-שאַפט, און בעת דאָס גערויש פון די סאַלאָנע געשפּרעכן פלעגט דורכפליען צו איר אויער, פלעגט זי ביי זיך טראַכטן: „דאָס איז דאָך אַלץ פאַלש, איר זענט דאָך אַלע חניפהניקעס!"

דאָס מיידל האָט נישט געהאַט אַרום זיך קיין לעבעדיקן נפש.

פאַר וועמען אויסצוגיסן איר ביטער האַרץ. די גרעפין פלעגט קאָנ־טראָלירן נאַהידאַס בריוו־וועקסל מיט איר מוטער, און דעריבער האָט זי שוין צו איר, אויסער תהלות ותשבחות וועגן איר דערציערין, קיין זאַך נישט געקאָנט שרייבן. אין דערדאָזיקער שווערער צייט האָט דאָס מיידל פאַר זיך געפונען טרייסט אין איר פריינטשאַפט מיט דער יידישער דינערין, אמאַליאַ האָט זי געהייסן.

דאָס איז געווען איר ערשטע באַקאַנטשאַפט אין דער גרעפינס הויז מיט אַ פערזאָן, וואָס געהערט צו אַ פרעמדער ספערע און מיט וועלכער מען באַגייט זיך אַנדערש, ווי מיט אַלעמען.

ביי דער אַלטער יחסנטע האָט מען געקוקט זייער נישט פריינט־לעך אויף נאַהידאַס סימפּאַטיע צו דער דינסט, וועלכע איז נאָך דערצו אַ „יידיש״ קינד. דאָס מיידל איז שוין אָבער געווען שטאַרק פאַראינ־טערעסירט נישט בלויז מיט דערדאָזיקער פרעמדער פרוי, נאָר אויך מיט די אורזאַכן, וועלכע האָבן זי אָפּגעזונדערט פון דער גרעפינס געזעלשאַפט.

און אין יענער מינוט, בעת נאַהידאַ האָט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן דערזען פאַר זיך אַ מענטשלעך באַשעפעניש, וועלכער מ׳האָט באַליידיקט נאָר דערפאַר, וואָס עס איז אַ יידיש קינד, האָט זיך אין איר נשמה דערוועקט דער אינטערעס צו אַלץ, וואָס עס איז יידיש.

דערווייל איז דאָס מיידל אונטערגעוואַקסן, און די גרעפין האָט זיך גענומען ערנסט פאַר איר דערציונג. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמ־קייט האָט זי געלייגט אויף נאַהידאַס רעליגיעזע דערציונג. די גרעפין אַליין איז געווען זייער אַ רעליגיעזע און מ׳האָט זי געהאַלטן כמעט פאַר אַ הייליקע. שטענדיק האָבן זיך אַרום איר געדרייט גלחים.

מ׳האָט נאַהידאַן געניייט צו דאַווענען כסדר. און אויך דערין האָט די אַלטע גרעפין געהאַט אירע באַזונדערע ווילדע קאַפּריזן. זי האָט געצוואונגען דאָס מיידל איבערצוחזרן דאָס דאַווענען אויף פאַר־שידענע לשונות, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט דאָ אויסן געווען די שפּראַך־איבונג און נישט דאָס רעליגיעזע באַדערפעניש. נאַהידאַן האָט עס זייער פאַרדראָסן און זי האָט עס באַטראַכט אַלס אַ געוואַלד־טאַט איבער איר נשמה.

אַזוי זענען אַריבער נאָך עטלעכע יאָר. בשעת נאַהידאַ האָט גע־האַלטן ביים עלפטן יאָר, איז אין איר לעבן פאָרגעקומען אַ צופאַל,

וועלכער האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקן איינפלוס אויף איר ווייטער־דיקער גייסטיקער אַנטוויקלונג.

## III

אין אַ זאַל, וועלכער האָט זיך געפונען פאַררוקט אָן אַ זייט און פאַרצויגן מיט מיסטישע האַלבע שאָטנס, האָט נאַהידאַ אַמאָל דער־זען דער גרעפינס ביבליאָטעק. עס האָט זיך דאָרט פאַר איר אַנט־פּלעקט אַ רייכער מאַטעריאַל צום לעזן: אַ מאַסע מאָדנע ראָמאַנען, באַזונדערס פראַנצויזישע, ווי אייזשען סיו, זשאָרזש זאַנד, דיומא און אַנדערע, און אויך פּאָעטישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק. זי האָט זיך אויף דידאַזיקע ביכער אַרויפגעוואָרפן מיט גרויס תשוקה; מיט גרויס התלהבות האָט זי איבערגעלייענט „ראָבינזאָן קרוזאָ", „דאָס הייזל פונעם פעטער טאָם", רוסאָ און אַנדערע שאַפונגען פון דער וועלט־ליטע־ראַטור. ענדלעך האָט זי גענומען לייענען אויך היסטאָרישע ראָמאַנען, און אפילו די פירבענדיקע געשיכטע פון די גריכן און די רוימער.

איינמאָל האָט זי זיך גאַנץ צופעליק אָנגעשטויסן אין דער גרעפינס ביבליאָטעק אויף אַ תנכ"ל. דאָס נייע בוך האָט איינגאַנצן פאַר־שלונגען איר אויפמערקזאַמקייט. זי האָט קיינעם נישט דערציילט וועגן איר „אַנטפּלעקונג", ווייל זי האָט מורא געהאַט, מ'זאָל ביי איר דעם „אוצר" נישט אָוועקנעמען. זי האָט געפונען אין איר בלוי־בעטל אַ באַשיידן ווינקעלע, וואו זי האָט זיך גאַנץ רואיק געקאָנט באַהאַלטן פון די וואַכזאַמע בליקן פון דער גרעפין מיט איר דינער־שאַפט. דאָרט, אין איר „גן־עדן", פלעגט זי אָפּזיצן, פון קיינעם נישט באַמערקט, גאַנצע שעהן מיט דעם תנכ"ל אויף די קני.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דאָס נייע בוך האָט באַ־הערשט איינגאַנצן איר מוח און איר פאַנטאַזיע. פון דאַן אָן האָט זי זיך שוין מיט דעם תנכ"ל מער נישט געשיידט, און ער איז געוואָרן איר ליבלינגסווערק. אין די שעהן פון איר איינזאַמקייט (און דאָס מיידל איז געווען תמיד איינזאַם, נישט האָבנדיק לעבן זיך נישט

קיין חברטעס אין אירע יאָרן, און נישט קיין שפּילצייג), פלעגט זי זיך פאַררוקן מיט דעם תּנכ״ל אויף די קני אין אַ ווינקל, און געפינען פאַר זיך טרייסט אין די הויכפּאָעטישע קאַפּיטלעך תהלים.

אמת איז, אַז נישט אַלע געדאַנקען, און אפילו ווערטער, האָט דאָס מיידל פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט מיט אַ באַזונדער דאָרשט אויפגעכאַפּט אַלע יענע ערטער, אין וועלכע עס האָט זיך גערעדט וועגן דעם אומעטום און אייביק עקזיסטירנדיקן, וועגן דער גערעכטיקייט און דער גענאָד פון דעם באַשעפער. ס׳איז געקומען אַזוי ווייט, אַז זי האָט זיך פון דעם תּנכ״ל מער נישט געקאָנט אָפּרייסן. באַזונדערס טיף האָט זי זיך אַריינגעטאָן אין דער ביבל. וואָס אַזוינס האָט דאָס מיידל אַזוי צוגעשמידט צו דער ביבל? אויף דעם ענטפערט נאַהידאַ-רעמי אַליין:

„נישט די העלקייט פון די דערציילונגען, וועלכע צינדן אָן און פלאַקערן פאַנאַנדער דעם קינדס פאַנטאַזיע און רופן אַרויס אין זיין אויפוואַכנדיקן מוח גרויס אָנשטרענגונג, האָט אויף מיר געווירקט, ניין, נישט דאָס! איך האָב געפונען אין דער ביבל אַן אומפאַרגלייכלעך שטאַרק מוטערלעך געפיל. די רירנדיקע פיגורן פון הגר, שרה, רבקה, רחל און לאה, וועלכע פרייט זיך און שטאָלצירט מיט דעם, וואָס זי האָט געבוירן איר מאַן זעקס זין, די מוטיקע אומדערשראָקענע יוכבד און די באַשיידענע גאָטספאָרכטיקע חנה, וואָס שענקט אַוועק גאָט איר איינציקן זון, און, צום סוף, אַלע אַנדערע מוטערלעכע בילדער פון דער ביבל האָבן אין מיר געפונען אַ באַגייסטערטע און אַ פאַרשטענדלעכע לעזערין.

די ביבל האָט געשטילט מיין בענקשאַפט נאָך דער מוטער און מיין גאָטזוכעניש, און איז פאַר מיר געוואָרן אַ קוואַל פון מאָראַלישער און רעליגיעזער דערהייבונג״.

און, ווירקלעך, האָט עס די בענקשאַפט נאָך דער מוטער און נאָך מוטערלעכער ליבע געבראַכט דערצו, אַז נאַהידאַ האָט שטאַרק ליב באַקומען די ביבל און געפונען אין איר אַ טרייסט און באַצאָלונג פאַר דעם, וואָס איר האָט געפעלט אין לעבן. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט זי צוליב דער ביבל גנהאַט אויסצושטיין פעק בייזע צרות. זוכנדיק איצט נאָך מער, ווי בעוועך, צו דערווייטערן זיך פון דער גרעפינס געזעלשאַפט און צו געפינען זיך כסדר אַליין, האָט זי איר מיט דעם אַזוי דערצאָרנט, אַז נישט באַנוגנדיק זיך

מער מיט בלויזע פּאָרוואורפן און זידלערייען, האָט זי זי אָנגעהייבן אויך צו פּייניקן פיזיש און אָנצוטאָן איר די געברענטסטע ליידן.

## IV

ווי מען דאַרף משער זיין, האָט עמעץ מודיע געווען נאַהידאַס מוטער וועגן דער לאַגע פון איר טאָכטער ביי דער גרעפין, ווייל איינמאָל איז זי גאַנץ אומגעריכט אַראָפּגעקומען אין דעם אַלטן ליוואָרנער שלאָס און געפאָדערט פון דער גרעפין, זי זאָל איר אָפּגעבן צוריק איר טאָכטער. עס האָט דאַן צווישןביידע פרויען אויסגעבראָכן אַ שטאַרקער קאַמף. די גרעפין האָט אויף קיין פאַל נישט געוואָלט אָפּגעבן דאָס מיידל, צו וועלכער זי האָט זיך (אויף איר באַזונדער שטייגער) געפילט זייער צוגעבונדן, און די מוטער האָט בשום אופן נישט געוואָלט מוותר זיין אויף איר נאַטירלעכע רעכט.

נאַהידאַס מוטער האָט זיך געפונען געצוואונגען צו דראָען דער גרעפין מיט פּאָליציי. אָבער די גרעפין, וועלכע האָט געהאַט אין שטאָט פאַרבינדונגען מיט דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע, האָט זיך פון דער אָרעמער מוטער אויסגעלאַכט. צולעצט האָט די גרעפין, כּדי צו פאַרהאַלטן ביי זיך דאָס מיידל, געפּרואווט אָנווענדן אַן אויסטערליש מיטל: זי האָט געמאָלדן דער מוטער, אַז זי איז גרייט צו פאַרעכענען דאָס מיידל אָפיציעל אַלס איר אייגן קינד און אָפּשרייבן אויף איר נאָמען איר קאָלאָסאַל פאַרמעגן.

דערדאָזיקער פאָרשלאַג האָט אַרויסגערופן ביי נאַהידאַס מוטער זייער אַ העפטיקן אינערלעכן קאַמף. עס האָבן אין איר געקעמפט פון איין זייט איר צוגעבונדנקייט צו דער טאָכטער, און פון דער אַנדערער זייט — די זאָרג וועגן איר צוקונפט. זי האָט געבעטן, מ׳זאָל זיך איר לאָזן זען מיט דער טאָכטער; מ׳האָט איר אָבער אין דעם אָפּגעזאָגט. ענדלעך — דאָס איז געווען אויפן פערטן טאָג—האָט ביי זיך די אומגליקלעכע מוטער נישט געקאָנט פועלן אוועקצורייבן

ביי דער טאָכטער די געלעגנהייט צו ווערן די יורשטע פון אַזאַ ריי־זיקער עשירות און צו שפּילן אַ גלענצנדיקע ראָלע אין דער גרויסער וועלט, און נעמענדיק דאָס אין אַכט, האָט זי מסכּים געווען צו דער גרעפינס פּאָרשלאָג.

די גרעפין האָט שוין באַשטימט דעם טאָג, אין וועלכן זי האָט געדאַרפט צושרייבן צו זיך דאָס מיידל אַלס איר טאָכטער, אָבער מיט אַ נאַכט פריער איז נאַהידאַ אַנטלאָפן געוואָרן פון שלאָס. נישט קיין אָנגעטוענע, אין איין העמד, אַ באָרוועסע, האָט זי זיך פאַר־גנבעט דורך אַ פאַרבאָרגענער טרעפּ און איז שטיל אַרויס פון טויער אויפן גאַס. גראָד האָט איר דאָרט אָנגעטראָפן איר מוטער. די מוטער מיט דער טאָכטער האָבן זיך ווידער געפונען צוזאַמען. די מוטער האָט אָנפאַנגס געפּרוּווט איינרעדן דער טאָכטער, זי זאָל זיך צוריק־קערן אין שלאָס, אָנווייזנדיק איר אויף דער געדריקטער לאַגע, וואָס דערוואַרט זיי ביידן, אויב זיי וועלן בלייבן אָן דער שטיצע פון דער רייכער גרעפין. אָבער דאָס מיידל האָט איר געענטפערט, טרייסלענ־דיק זיך פאַר שרעק: „אָ, ניין! קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט!"

אַ שעה נאָכדעם, בעת ביי דער גרעפין האָבן זיך צוזאַמענגעע־קליבן די נאָטאַריוסן, כּדי פאָרמעל צו פיקסירן נאַהידאַס אָנגעהעריקייט צו איר אַלס אייגן קינד, האָט שוין די שיף אַוועקגעטראָגן איבער די שטילע ים־כוואַליעס די גליקלעכע מוטער מיט איר טאָכטער צו די הערלעכע ברעגעס פון פּאַלערמאָ.

## V

די מוטער האָט אָפּגעגעבן נאַהידאַן אין אַ קאַטוילישן מאָנאַסטיר אונטער דער השגחה פון מנישקעס. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט פאַרן מיידל דער אויסערלעכער קאַמף; עס האָט זיך אָבער איצט אָנגעהייבן פאַר איר אַ גרויזאַמע אינעווייניקסטע מלחמה. אין מאָ־נאַסטיר האָט מען געלייגט, געוויינלעך, די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אויף דעם למוד פון רעליגיע. אָבער אויך דאָס סיסטעם פונם דאָזיקן

למוד איז געווען ריין מאַ־אַסטיריש: מ׳האָט די קינדער באַשווערט מיטן אויסלערנען אויף אויסווייניק רעליגיעזע און קאַטעכיזישע פאַר־מולעס. אָבער אַלע רעליגיעזע ביכער, וועלכע מ׳האָט געצוואונגען גאַהידאַן זיי צו לייענען, זענען פאַרבליבן אָן אַ שום ווירקונג אויף איר וועלט־אַנשויאונג. נישט די מוסר־רייד פון די מנישקעס און אפילו נישט די שיינע בארעדזאַמקייט פון דער הויפט־לערערין, האָבן זי נישט געקאָנט באאיינפלוסן אָנצוערקענען דאָס קריסטנטום. בשעת די לעקציעס פון רעליגיע פלעגט זי יעדעס מאָל פארשיטן די גלחים מיט פראַגן, פון וועלכע זיי פלעגן זיך קוים ארויסדרייען. אירע חבר־טעס פלעגט דאָס שטאַרק פאַרדריסן און האָבן איר דע־ריבער נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

ביסלעכווייז האָט זיך צווישן נאַהידאַן מיט אירע חברטעס גע־בילדעט ווי אַ טיפער תהום. מ׳האָט אויף נאַהידאַן אָנגעהייבן קוקן, ווי אויף אַ ווילדער, און מ׳האָט זיך געגומען פון איר מרחק זיין. באַלד האָט זיך נאַהידאַ דערפילט איינזאַם אונטער דערדאָזיקער מאַסע שטענדיק פריילעכע מיידלעך, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געפרואווט פילן אַפילו דעם קלענסטן אינעווייניקסטן קאַמף, אפילו די קלענסטע ספיקות. נישט געפינענדיק קיין מיטגעפיל ביי אירע חברטעס, איז זי געוואָרן אַלץ מער אָפנהערציקער מיט דער מוטער, און זייערע גע־שפרעכן האָבן באַרירט כסדר אויסשליסלעך נאָר אַזוינע פראַגן, וועלכע האָבן געשטערט נאַהידאַס רו. אָבער אויך די מוטער האָט נישט גע־קאָנט געבן קיין תשובה, מיט וועלכער עס וואָלט מעגלעך געווען צו שטילן איר טאָכטערס דורשט צו וויסן און צו באַפרידיקן איר הייסע געוויסנהאַפטיקייט.

אויף דעם אופן האָט זיך דאָס מיידל אַלץ מער געפונען אָנ־געוויזן נאָר אויף אירע אייגענע קרעפטן.

## VI

אין אַ קורצער צייט אַרום איז נאַהידאַ אַריבערגעפאָרן מיט איר מוטער קיין דייטשלאַנד אין איר געבורטשטעטל, נאַהידאַס קרובים, וועלכע זענען געווען זייער נישט צופרידן פון איר באַשלוס, צו בלייבן אָן אַ „רעליגיע״, האָבן איבערגעגעבן איר רעליגיעזע דערציונג אין די הענט פונם אָרטיקן אַלטן פּאַסטאָר טאָבאַלד. דער דאָזיקער זקן האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע כּוחות צו ווירקן אויף נאַחידאַס איבערצייגונג. ווייך, אָן דעם פּעדאַנטיזם פון אַ לערער, מיט דער פּשטות פון אַן איבערצייגטן מענטשן, האָט ער כּסדר איינגעטענהט מיטן מיידל, שפּאַצירנדיק מיט איר אין די אַרומיקע געגנטן, וועגן פאַרשידענע רעליגיעזע פראַגן. נאַהידאַ האָט אים אָבער תּמיד איבערראַשט מיט אירע תּשובות, אָדער מיט אירע פּלוצלונגדיקע פראַגן. נישט זעלטן זענען אירע שמועסן מיט דעם דאָקטאָר טאָבאַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שאַרפע ויכּוחים, וועלכע האָבן דעם אַלטן שטאַרק דערצאָרנט. נאַהידאַ איז אָבער פאַרבליבן ביי דאָס איריקע, און האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָנערקענען די לערע, וועלכע האָט נישט געקאָנט געפינען קיין אָפּקלאַנג אין איר נשמה. דאַן האָט דער פּאַסטאָר געמאָלדן, אַז ער קאָן זי נישט צולאָזן צו קאָנפירמאַציע. די דאָזיקע ידיעה האָט אויף נאַהידאַן אויפגעבראַכט איר גאַנצע פאַמיליע. באַזונדערס שווער האָט עס זיך אָפּגערופן אויף אירער אַ מומען, וועלכע איז פון עגמת-נפש קראַנק געוואָרן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז נאַהידאַ וואַרפט אַרויף אויף דער גאַנצער משפּחה אַ פלעק, פון וועלכן זי וועט זיך קיינמאָל נישט קאָנען ריינוואַשן. פון דעמאָלט אָן איז אין דעם שטענדיק רויִקן הייזל צעשטערט געוואָרן דער שלום-בית. די מומע האָט זיך גענומען די זאַך שטאַרק צום האַרצן און איז געשטאָרבן. איר טויט האָט נאַהידאַן טיף דערשיטערט און צום סוף האָט זי געמוזט אַוועקלאָזן דאָס היימישע ווינקל און אָפּפאָרן קיין בערלין. זי איז דאַן געווען גאַנץ איינזאַם, ווייל איר קראַנקע מוטער איז ווידער אַוועקגעפאָרן זיך קורירן אויפן דרום.

אין בערלין האָט נאַהידאַ געהאָפט צו דערגרייכן מאַטעריעלע אומאָפּהענגיקייט און אויסקלויבן זיך אַ באַשטימטן בילדונגס-פאַך. אין איר האָבן זיך שוין פון לאַנג אַנטפּלעקט גלענצנדיקע פעאיקייטן צו

מאָלעריי־קונסט. פון קיינעם נישט אָנגעפירט, האָט זי אַליין געאַרבעט, באַזונדערס אויף דעם געביט פון אַנאַטאָמישע צייכנונגען. איר אויג איז געווען געווייִנט צו פאַרבן און צו ליניעס, און די צייט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין איטאַליע, האָט אַנטוויקלט איר קינסטלערישן געשמאַק. נישט קלערנדיק לאַנג, איז זי אַריינגעטראָטן אין אַ שול פאַר מאָלעריי, וואו זי האָט באַלד איבערראַשט די פּראָפעסאָרן מיט אירע אומגעווייִנלעכע פעאיקייטן. די שנעלע פאָרטשריט פון דעם יונגן מיידל האָבן אויף איר געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דעם באַרימטן קינסטלער פעטער קאָרנעליוס, און זי האָט אָנגעהייבן באַזוכן יעדע וואָך כסדר זיין אַטעליע, ווערנדיק אַ פלייסיקע צוהערערין פון זיינע לעקציעס. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און נאָהידאַ האָט שוין געקאָנט מאָלן זעלבשטענדיק און באַפּוצן איר צימער מיט בילדער פון איר אייגענעם פּענזל; צום ערשטן מאָל האָט זי פאַרזוכט די שמחה פון שאַפן, און אין די מינוטן, וואָס זי איז געווען אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, האָט זי זיך געפילט העכסט גליקלעך.

## VII

דערווייל זענען אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. דער גורל פון דער יונגער קינסטלערין האָט זיך אַנטוויקלט אַ ביסל אַנדערש, ווי זי האָט גערעכנט. איר האָט זיך נישט איינגעגעבן אָפּצופאָרן קיין איטאַליע, וואו זי האָט זיך געוואָלט פאַרפולקומען אויפן קינסטלערישן געביט, און האָט געמוזט בלייבן אין בערלין. ווי פריער, האָט זי זיך פלייסיק פאַרנומען מיט מאָלעריי, באַזוכנדיק די קינסטלערישע אויסשטעלונגען. איינמאָל האָט זי זיך באַקענט אויף אַן אויסשטעלונג מיט דעם דעמאָלט באַרימטן קונסטקריטיקער און פּעליטאָגיסט מ אַ ק ס ר ע מ י. מאַקס רעמי האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור, נאָך זייענדיק אַ סטודענט, און האָט שוין באַוויזן זיך קונה שם זיין, און זיין נאָמען איז דערגאַנגען אויך צו דער יונגער קינסטלערין. שוין ביי דער

ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט ער איר זייער פאַראינטערעסירט. ער איז שוין דאַן געווען אַ קרענקלעכער.

„אַן אומגליקלעכער ליידנדיקער״,—האָט נאַהידאַ אַ קלער געטאָן, און איז תיכּף געוואָרן באַהערש פון אַ הייסן מיטגעפיל צו דעם אומגליקלעכן יונגן שריפשטעלער.

נאָך דער קורצער באַקאַנטשאַפט איז זי געוואָרן זיין כּלה. נאַהידאַ האָט „ווי פאַרויסגעפילט, אַז דערדאָזיקער נישט שיינער, קראַנקער מאַנספּערשוין וועט זיין איר אויסדערוויילטער״. געבנדיק איר הסכּם צו זיין פאָרשלאַג, האָט זי שוין געוואוסט וועגן זיין קראַנקהייט, און דווקא ד אָ ס האָט אויך איר געווירקט צו ווערן זיין פרוי.

„ער נייטיקט זיך דאָך אַזוי אין אַ זאָרגזאַם אויג, אין אַ הייס מיטגעפיל און אין גוטער פלעגע״, — האָט זי ביי זיך געטראַכט. און באַלד האָט זיך דאָס יונגע מיידל גענומען פאָרשטעלן, ווי אַ דאַנק איר וועט ער, דער שטענדיק ליידנדיקער, שלום מאַכן מיטן לעבן, און ווער ווייסט, אויב דערדאָזיקער יונגער טאַלענטפולער שריפט-שטעלער וועט נאָך נישט שאַפן קיין גראַנדיעזע ווערק לטובת דער מענטשהייט ?!

איר זיווּג האָט איר אָבער נישט געבראַכט קיין גליק. דאָס אַרומגיין אַרום דעם קראַנקן מאַן האָט פאַרשלונגען איר גאַנצע צייט, אַזוי, אַז זי האָט זיך ביסלעכווייז געמוזט אָפּזאָגן פון דער מאָלעריי און פון אירע ליטעראַרישע אַרבעטן. זי האָט ענדלעך אויפגעהערט צו נעמען אין האַנט אַפילו דעם תּנ״ך. איר גאַנצע יונגע ענערגיע איז אַוועק אין שטענדיקער זאָרג לטובת דעם מאַן, וועלכער האָט זיך געפילט ערגער פון טאָג צו טאָג. אַ בליענדיקע יונגע פרוי און איר ביי דער זייט אַ פּאַר דער צייט גרוי-געוואָרענער מאַן: וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט! גאַנצע פינף פיינפולע יאָרן האָבן זיי ביידע אַרומגעוואַנדערט, זוכנדיק רעטונג, פון איין קוראָרט צום אַנדערן. אין יאָר 1888 איז מאַקס רעמי, נאָך אַ 7-יאָריקער שיוערער לאַנג-זאַמער גסיסה, געשטאָרבן.

נאַהידאַ איז ווידער געוואָרן פריי; זי איז געבליבן אַן אלמנה, נישט קענענדיק כּמעט דאָס ווייבלעכע לעבן.

די צרות האָבן אָבער נישט פאַרביטערט איר נשמה און האָבן זי נישט הארט געמאַכט.

„איך האָב געפילט, — אַזוי שרייבט נאַהידאַ, — אַז מיין גאַנץ װעזן איז געװאָרן דערהייבענער, אַז די צרות זענען געװען בלויז אַן איבערגאַנג צו עפּעס העכערס. אָבער צו װאָס? דאָס האָב איך דער־װייל נישט געװאוסט. איך האָב אָבער געװאוסט, אַז אַלס טרײַער זעלנער װעל איך מיין פּאָסטן נישט אָװעקװאַרפן. איך האָב פאַר קיינעם און פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט געהאַט. אָבער װייניקער פון אַלץ האָב איך מורא געהאַט פאַר פעלערן. איך האָב מיך אָנגע־טרויט דעם אינעװייניקסטן קול, װאָס איך האָב אים געהאַלטן פאַר דער שטים פון גאָט, װעלכער האָט מיך געפירט פון קינדװייז אָן און װעלכן איך האָב מיך ביזן היינטיקן טאָג אונטערגעװאָרפן, נישט אָפּ־געבנדיק זיך װעגן דעם קיין דין וחשבון, נאָר געטריבן פון עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער קראַפט.

„דעמדאָזיקן קול האָב איך געװאָלט פאָלגן אויך אויף װייטער.

„איך האָב געװאָלט?

„ניין, איך האָב געמוזט".

## VIII

מיט יידן איז נאָך נאַהידאַ דערװייל נישט געװען באַקאַנט (אויסער מיט דער פריער דערמאָנטער דינסט אַמאַליאַ). קיין נאָענטע באַציִונגען מיט יידן האָט זי נישט געהאַט. דאָס פאַרשלאָסענע לעבן, װאָס זי האָט פאַרבראַכט בשעת איר מאַנס קראַנקהייט, האָט איר נישט געקאָנט געבן קיין איבעריקע צייט אויף צו מאַכן באַקאַנ־טונגען אין אַ פרעמדער סביבה.

איצט האָט זיך אָבער די צייט געביטן.

דער אַנטיסעמיטישער גיפט איז שוין אַריינגעדרונגען אין אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט און האָט אָנגעהייבן שעדלעך צו װירקן אויך אויף די געבילדעטע קרייזן. אומעטום האָבן גאַס־אַגיטאַטאָרן גע־זײַט אויפּצופלאַקערן שנאה קעגן יידן דורך פאַמפלעטן און העצ־בלעטלעך. נישט זעלטן איז אויסגעקומען נאַהידאַן צו הערן ביים טיש

פון אירע קרובים אזעלכע פיינטלעכע רייד מכוח יידן, וועלכע האָבן זי געמאַכט רויט פאַר שאַנד. דאַן האָט זי זיך גענומען צוהערן אויפמערקזאַם צו אַלץ, וואָס עס האָט זיך גערעדט קעגן יידן און פאַר יידן, האָט אָנגעהייבן לייענען די פּאָלעמישע ווערק, און האָט זיך אַלץ מער איבערצייגט, אַז די אַנטיסעמיטישע פּאַמפלעטן שטאַמען פון אומוויסנהייט און ווילדער קנאה. נאָהידאַ האָט זיך אָפן אַרויסגעזאָגט לטובת די יידן און האָט דערפאַר גאַנץ אָפט געהאַט אויסצושטיין זידלערייען מצד די קריסטן. אָבער אַלץ מער האָט זיך געשטאַרקט איר חשק זיך באַקאַנט צו מאַכן מיטן יידנטום און מיט אַ באַזונדער אינטערעס האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט דער יידישער געשיכטע. זי האָט פלייסיק שטודירט די ווערק פון יאָסט, גרעץ און שליידען. דער לעצטער האָט פאַרשלונגען איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. נאָכדעם, ווי זי האָט איבערגעלייענט שליידענס „די ראָמאַנטיק פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין מיטלאַלטער", האָט זי ביי זיך פעסט באַשלאָסן זיך נאָכמער צו פאַרטיפן אין דער געשיכטע פון דעמדאָזיקן זינט טויזנטער יאָרן פאַרפאָלגטן פאָלק. וואָס מער זי האָט זיך באַקענט מיט פאַרשידענע ווערק וועגן יידן, איז אַלץ מער געוואַקסן איר סימפּאַטיע צו דעם אייביקן פאָלק.

זי האָט דאַן באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ בריוו צו ווילהעלם הערצבערג, דער אויטאָר פון די „יידישע פאַמיליען-פּאַפּירן", און בעטן, ער זאָל איר געבן די נייטיקע אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו דערלערנען דאָס יידישע לעבן.

## IX

אַ דאַנק הערצבערגן, האָט זיך נאָהידאַ באַקענט מיט דער הויךגעבילדעטער יידישער פרוי צערלינאַ מייער.

באַלד זענען ביידע פרויען געוואָרן ענג צוזאַמענגעבונדן פון אַ הייסער פריינטשאַפט, וועלכע האָט געצויגן איר יניקה פון זייערע בשותפותדיקע גייסטיקע אינטערעסן. ביי נאָהידאַן איז פאַרבליבן אויף

אייביק אַ וואַרעמע ערינערונג וועגן דידאָזיקע צוויי מיט איר מיט-פילנדיקע פּערזענלעכקייטן, כמעט די ערשטע יידן, מיט וועלכע זי האָט זיך באַגעגנט אויף איר לעבנסוועג. איר האָט נאָך אָבער אַלץ געפעלט אַ געניטער וועגווייזער. וויסן האָט זי פאַרמאָגט גאָר אַ סך, אָבער דאָס איז אַלץ געווען ביי איר צעשוואומען און צעפלאָסן, אָן אַ פעסטן אָנהאַלט. און קיין צייט האָט נאָהידאַ אויך נישט געהאַט באַזונדערס פיל. די קרובים פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן האָבן איר פאָרגעלייגט צו באַזעצן זיך אויף זייערע קאָסטן אין אַ פענסיאָנאַט; זי האָט אָבער געוואָלט לעבן זעלבשטענדיק און פון קיינעם נישט זיין אָפּהענגיק, און דעריבער האָבן די מאַטעריעלע אוןווירטשאַפטלעכע דאגות ביי איר געדאַרפט פאַרנעמען נישט ווייניק צייט. דאָס האָט איר אין אַ געוויסער מאָס געשטערט פון לערנען. אָבער אינגיכן האָט איר איר גורל צוגעשיקט אַלס אָנפירער און וועגווייזער אַ באַרימטן פילאָזאָף, וועלכער האָט געשמט אין דער וועלט מיט זיין איירָאָפּעישער און יידישער געלערזאַמקייט. דאָס איז געווען פּראָפעסאָר משה לאַצאַרוס.

פּראָפעסאָר לאַצאַרוס האָט אַרויסגעוויזן גרויס מיטגעפיל צו דער יונגער פרוי. געדולדיק האָט ער אויסגעהערט אַלע פראַגן און ספקות פון זיין אויפמערקזאַמער שילערין, אַריינדרינגענדיק אין דעם קלענסטן פרט. לויט זיין עצה האָט זיך נאַהידאַ אָנגעהייבן צו לערנען העברעיש, כדי צו קענען לייענען די ביבל אין אָריגינאַל. אינם משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט האָט זי געמאַכט גלענצנדיקע פאָרטשריט. לאַצאַרוס האָט איר אין דעם פיל מיטגעהאָלפן: ער האָט איר צוגעשטעלט אַלע נייטיקע ביכער, האָט איר געגעבן פאַרשידענע דערקלערונגען. תמיד, אַפילו ביי זייערע צופעליקע באַגעגענישן אויפן טראָם, אָדער אין שפּאַצירגאָרטן, האָט זי שוין געהאַט ביי זיך אָנגעגרייט אַ גאַנצע ריי פראַגן פאָרצולייגן פאַר איר גרויסן לערער. ביסלעכווייז זענען די באַציונגען צווישן דער שילערין מיט דעם לערער געוואָרן אַלץ מער פריינטלעכער און באַהאַרצטער.

אַזוי האָט זיך נאַהידאַ אָפּגעלעבט אינדערשטיל גאַנצע צען יאָר, טיף אַריינגעטאָן אין דער דערפאָרשונג פונם יידנטום. דידאָזיקע וויסנשאַפטלעכע באַשעפטיקונג האָט איר אינגאַנצן געגעבן די מעגלעכקייט אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג פון אַ דייטשן פאַרלעגער, וועלכער האָט איר איבערגעגעבן צו פאַרפאַסן אַ ווערק וועגן דער „יידישער פרוי".

דערדאָזיקער פֿאָרשלאָג האָט זי זייער דערפֿרייט און זי איז מיט גרויס חשק צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. זי האָט כּסדר געאַרבעט, האָט נאָכאַנאַנד געקליבן מאַטעריאַל, באַזוכט ביבליאָטעקן און סינאַ־גאָגן און זיך געגריבלט אין יידישע אַרכיוון.

די דערמאנטע ליטעראַרישע אַרבעט האָט געבראַכט גרויס נוצן נאַהידאַן אַליין, ווייל צוליב איר האָט זי באַקומען נייע ידיעות אויף דעם געביט פֿון דער יידישער וויסנשאַפֿט. וואָס מער זי האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין די אורקוואַלן פֿון יידנטום, אַלץ מער האָט געוואַקסן איר ענטוזיאַזם. זי האָט אָנגעהייבן אָפֿטער צו באַזוכן די סינאַגאָגן, אום צו דערלערנען דעם כאַראַקטער פֿון די יידישע תּפֿילות. אין יענער צייט האָט זי איבערגעלעבט אַ ביטערן צער: ס'איז געשטאָרבן איר מוטער, וועלכע זי האָט אַזוי הייס געליבט. פֿון דעמאָלט אָן האָט זי אָנגעהייבן לעבן נאָכמער איינזאַם. ווי זי דערציילט אין איר „אויטאָביאָגראַפֿיע", האָט זי זיך פֿון יענעם מאָמענט אָן געמאַכט פֿאַר איר איינציקער לעבנסאויפֿגאַבע „צו קעמפֿן מיט אַלע כּוחות קעגן די פֿאָראורטיילן, וועלכע זענען פֿאַרשפּרייט וועגן יידן און צו הייבן צו גלייכער צייט דאָס זעלבסטבאַוואוסטזיין צווישן די יידן גופֿא".

אַ באַזונדערן איינדרוק האָט אויף איר געמאַכט דאָס ווערק „ירושלים" פֿון דעם גרויסן יידיש־דייטשן פֿילאָזאָף משה מענדעלסאָן. „נאָכדעם, ווי כ'האָב מיך באַקענט מיט די געדאַנקען פֿונם דאָזיקן בוך — אַזוי האָט שפּעטער געשריבן נאַהידאַ — איז מיין זעלישע מלחמה גע־וואָרן פֿאַרענדיקט"..

## X

פֿריי פֿון יעדן ספֿק, האָט נאַהידאַ וועגן דעם מודיע געווען אין אַ בריוו דעם ראַבינער ווערטהיים אין גענף, וואו זי האָט זיך גע־וואָלט באַזעצן, אום אָנצוהייבן דאָרט אַ ניי לעבן. איר גורל האָט באַשלאָסן גאַנץ אַנדערש. אויפֿן וועג איז זי פֿאַרפֿאָרן קיין פֿרייבורג, וואו עס האָט דאַן געוואוינט איר לערער. פֿאַר דערדאָזיקער צייט

איז ער געוואָרן אַן אַלמן און ער האָט זיך אַריבערגעקליבן וואוינען אין דער שווייץ, וואו ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער וויסנ-שאַפטלעכער טעטיקייט. ווייט פון די רוישנדיקע טוריסטן-האָטעלן, אין אַ קליין הייזל, וואָס האָט זיך געפונען צווישן געדיכט-באַבלע-טערטע ביימער, האָט געוואוינט דער פילאָזאָף. נאַהידאַ האָט געהאַט בדעה אָפּצושטעלן זיך אין פרייבורג נישט אויף לאַנג, וועלנדיק מער נישט ווי באַזוכן איר גרויסן לערער. אָבער קומענדיק אַהין, האָט זי אים געפונען קראַנק און ליידנד, און זי האָט אים נישט געקאָנט לאָזן אַליין. אויפן אַנדערן טאָג האָט דער דאָקטאָר ביי אים קאָנ-סטאַטירט אַ שטאַרקן, געפערלעכן פיבער מיט אַן אינפלוענציע.

נאַהידאַ איז פאַרבליבן.

גאַנצע פינף וואָכן איז זי כסדר אַרומגעגאַנגען אַרום איר קראַנקן פריינט, ביז דער חולה האָט שוין געקאָנט אויפשטיין פון בעט און שפּאַצירן אין גערטנדל, אָנגעשפּאַרט אויף זיין אים אַזוי איבערגעגעבענער שילערין. דער דאָקטאָר האָט נאָך אָבער אַלץ נישט אויפגעהערט מתרה זיין דעם שוין געזונט-געוואָרענעם פּראָפעסאָר, אַז זיין קראַנקהייט קאָן זיך נאָך איבערחזרן און האָט אים געעצהט, אָפּ-צופאָרן אויפן דרום.

— וואוהין? — האָט געפרעגט דער פּראָפעסאָר.

— קיין איטאַליע.

נאַהידאַ האָט זיך טיף פאַרטראַכט און אַ זיפץ געטאָן, דער-מאָנענדיק זיך אָן איר צווייטער היים.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, מוז אים עמעצער אַהין באַגלייטן, — האָט דער דאָקטאָר פאַרענדיקט.

דער לערער האָט אַ וואָרף געטאָן אויף דער שילערין אַ שנעלן, פרעגנדיקן בליק.

דערדאָזיקער בליק האָט באַשלאָסן אַלץ. נאַהידאַ איז פאַרבליבן אין פרייבורג.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, און נאַהידאַ האָט אין דעם פרייבורגער קליינעם באַשיידענעם שולכל געפייערט איר חתונה מיטן פּראָפעסאָר משה לאַצאַרוס. אין בערלין האָט דידאָזיקע חתונה אַרויס-גערופן אַ גרויסע סענסאַציע: דער חתן איז שוין געווען העכער זיבעציק און די כלה האָט שוין געהאַלטן ביי אַן ערך פופציק...

פון יענעם מאָמענט אָן האָט נאַהידאַ באַקומען דעם נאָמען „רות״ און משה לאַצאַרוס איז אַזויאַרום געוואָרן איר „בועז״...

באַלד איז נאַהידאַ-רות מיט משה לאַצאַרוסן אָפּגעפאָרן קיין איטאַליע.

# XI

אונז בלייבט נאָך איבער מוסיף צו זיין עטלעכע ידיעות וועגן דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון נאַהידאַ-רות.

נאַהידאַס פון דער נאַטור גלענצנדיקע פעאיקייטן האָבן זיך אין איר גאַנץ פרי אַנטוויקלט אונטער דער השפּעה פון איר געביל-דעטער, טאַלענטירטער מוטער, און נאָכדעם נאָכמער אונטער דעם איינפלוס פון דער גייסטיקער איינזאַמקייט, אין וועלכער זי האָט פאַר-בראַכט אין דעם הויז פון דער גרעפין. שפּעטער האָט דאָס לעבן אין מאָנאַסטיר נאָכמער אין איר פאַרשטאַרקט איר באַאָבאַכטונגס-קראַפט און דאָס האָט פיל מיטגעהאָלפן צו אַנטוויקלען איר ליטעראַריש-בע-לעטריסטישן טאַלענט. נאָר אַ גאַנץ באַזונדער איינפלוס אויף דער אויסבילדונג פון איר ליטעראַרישן און קינסטלערישן געשמאַק האָט געהאַט איר פאַרברענגען אין איטאַליע. די פּראַכטפולע נאַטור-פּאַנאָ-ראַמעס פון איטאַליע און סיציליע האָבן אין איר אַרויסגערופן מאָ-לערישע און עסטעטישע נייגונגען, און דער ליטעראַרישער טאַלענט, וועלכן זי האָט געירשנט פון דער מוטער, האָט איר געמאַכט פאַר אַ שריפטשטעלערין.

נאָך אַלס גאַנץ יונג מיידל האָט זי אַוועקגעשיקט אַן איין-אַקטיקע קאָמעדיע אין דעם ווינער בורג-טעאַטער, וואו עס איז גע-וואָרן געשטעלט אויף דער בינע מיטן אנטייל פון די דעמאָלדיקע גרעסטע וועלט-באַרימטע אַרטיסטן. שפּעטער זענען מיט גרויס דער-פאָלג געשטעלט געוואָרן אויף דער בערלינער בינע אירע אַנדערע גרעסערע דראַמאַטישע שאַפונגען.

די זאָרג וועגן דעם קראַנקן מאַן, וואָס האָט פאַרשלונגען איר

גאַנצע צייט, האָט זי אָפּגעריסן פון אירע ליטעראַרישע אַרבעטן. אָבער באַלד נאָך דעם מאַנס טויט האָט זיך נאַהידאַ־רות אויף דאָס־ניי גענומען פאַר איר ליטעראַרישער באַשעפטיקונג.

זי האָט דאַן אָנגעשריבן אַ גאַנצע ריי נאָוועלן און היסטאָרישע ראָמאַנען, אין וועלכע עס האָט אָפּגעשטראַלט איר גרויסער קינסטלע־רישער טאַלענט.

אָבער ווי נאָר עס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט דער אַנטי־סעמיטיזם, איז איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געוואָרן אָפּגעגעבן אויס־שליסלעך נאָר דער יידישער וויסנשאַפט, וועלכע זי האָט שטודירט מיט גרויס התלהבות. די „שפּראַך פון די נביאים" האָט אין איר אַרויסגערופן אַזאַ באַגייסטערונג, אַז זי האָט עס דערלערנט ביז צום גרונט. פון דעמאָלט אָן האָט איר ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג: זי האָט אָנגעהייבן שרייבן ווערק הויפּט־זעכלעך אויף דעם געביט פון דער יידישער וויסנשאַפט און פּובלי־ציסטיק. איר ערשט ווערק אין דערדאָזיקער ריכטונג איז געווען איר שוין פון אונז דערמאָנט ווערק: „די יידישע פרוי"; שפּעטער האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ בוך אונטערן נאָמען „קולטור־סטודיען איבער דעם יידנטום". דאָסדאָזיקע ווערק ווייזט אויף נישט בלויז איר טיפע באַ־קאַנטשאַפט מיטן יידישן לעבן, נאָר אויך מיט דער העברעאישער ליטעראַטור אין אָריגינאַל.

* * *

נאַהידאַ־רות איז געוואָרן אַ באַגייסטערטע אָנהענגערין פון דער יידישער פרוי, וועלכע זי האָט כּסדר הויך געלויבט און באַזונגען. בעת זי רעדט וועגן דער פּ אַ ר צ יי ט י ק ע ר יידישער פרוי, ווערט איר התפּעלות אומבאַגרענעצט; דערפאַר אָבער ווערט זי טרויעריק גע־שטימט ביי דער שילדערונג פון דער זיך אַסימילירנדיקער יידישער פרוי, באַזונדערס אין מערב־אייראָפּע. איר שטרענגער אורטייל אויף דערדאָזיקער אַסימילאַנטקע אָטעמט אָבער מיט גרויס סימפּאַטיע און פייערדיקער ליבע צו דער יידישער פרוי, וועלכע זי פאַרגעטערט אַזש.

# דאָנאַ גראַציאַ מענדעס.

## I

פינסטערע צייטן זענען אָנגעשטאַנען פאַר די יידן אין פּאָרטוגאַל אָנפאַנגס די פופציקער יאָרן פונם זעכצנטן יאָרהונדערט. די אינקוויזיציע האָט שרעקלעך געבושעוועט און זיך געבאָדן אין יידיש בלוט. טויזנטער יידן זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט דערפאַר, וואָס זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלייקענען זייער אמונה. עס זענען אָבער געווען פיל טויזנטער, וועלכע האָבן נישט געהאַט דעם מוט צו שטאַרבן על קדוש השם, און האָבן זיך געלאָזט טויפן, פאַרבלייבנדיק אין האַרצן טרייע איבערגעגעבענע יידן, די אַזוי גערופענע „אנוסים", האָבן אין פאַרבאָרגעניש אָפּגעהיט אַלע יידישע דינים, האָבן געהאַט אין טיפע היילן שולן צום דאַווענען און צום לערנען, האָבן געהאַלטן צו זייערע קינדער פאַרשטעלטע רביים, וועלכע האָבן זיי דערצויגן שטרענג יידיש-רעליגיעז. צווישן דידאָזיקע געמיינטע יידן האָבן זיך געפונען גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וועלט-באַרימטע געלערנטע און הויכגעשטעלטע רעגירונגס-באַאַמטע, וועלכע האָבן געהאַט אַ צוטריט צום קעניגלעכן הויף. גאַנץ אָפט פלעגט אָבער טרעפן, אַז די שפּיאָנען פון דער אינקוויזיציע, וועלכע האָבן נאָכגעשפּירט די אנוסים, פלעגן פאַלן אויף די טריט פון די, אָדער יענע כלומרשטיקע קריסטן, וואָס היטן אָפּ אין דער שטיל דעם יידישן גלויבן, און איבערגעבן זיי דעם גלחישן הויכן טריבונאַל. דידאָזיקע

אַנטפּלעקטע געהיימע יידן פלעגן ווערן געפּייניקט אין די פאַרשיי־דענע פּינסטערע תּפיסות ביז צום טויט. בּיסלעכווייז האָבן דידאָזיקע איבערפּאַלן אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אַלע פּאָרטוגאַלער אנוסים האָבן זיך געפילט אין גרויס סכּנה. אַנדערע, די פאַרמעגלעכע, האָבן משחד געווען ווען מען באַדאַרף מיט ריזיקע געלטסומען, און האָבן דערפאַר באַקומען די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן אין פרעמדע לענדער, ווי בעלגיע און איטאַליע, למשל, וואו זיי האָבן געקאָנט, ווען נישט צוריקקערן זיך עפנטלעך צום יידנטום, איז האַלטן זיך, ווייניקסטנס, פעסט אָן זייער פאַרבאָרגענער יידישקייט, נישט האָבנדיק קיין מורא פאַר שפּיאָנאַזש. די איבעריקע, וועלכע האָבן געמוזט בלייבן זיצן אויף די ערטער, זענען אויסגעשטאַנען די מאַוימדיקסטע צרות, מ׳האָט זיי געברענט און געבראָטן און אומגעבראַכט מאַסנווייז. אַ סך אנוסים, וועלכע האָבן נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די שרעקלעכע עינויים, האָבן זיך, כּדי צו מאַכן אַ סוף צו זייערע ליידן, אַליין געוואָרפן אין פייער און אויסגעהויכט זייער נשמה מיטן אויסרוף „שמע־ישראל״ אויף די ליפּן.

אין דערדאָזיקער טרויעריקער צייט איז דאָס פינסטערע לעבן פון די פּאָרטוגאַלער יידן באַשטראַלט געוואָרן דורך דער ליכטיקער געשטאַלט פון אַ יידישער פרוי, אַ העלדין פון גייסט און טאַט, וועלכע האָט צו זיך נישט געהאַט קיין גלייכן — נישט אין איר דור און נישט אין די שפּעטערדיקע דורות, — חנה (גראַציאַ) מענדעס האָט זי געהייסן.

דידאָזיקע גרויסע פרוי איז געבוירן געוואָרן אין פּאָרטוגאַל אַרום יאָר 1510 אָן ערך, אין דער באַרימטער אנוסים־פאַמיליע בנבנשתי. בעת מען האָט זי אָפּגעטויפט צוזאַמען מיט אירע עלטערן, האָט זי באַקומען דעם קריסטלעכן נאָמען בעאַטריצי. זייענדיק באַגאַבט מיט די העכסטע נאַטירלעכע מעלות: מיט שיינקייט, קלוגקייט און קרישטאָלענער זיטלעכקייט, האָט זי נאָך קינדווייז געצויגן אויף זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. אירע זייער רייכע עלטערן האָבן איר געגעבן אינדערשטיל אַ יידיש־רעליגיעזע דערציונג דורך די בעסטע מלמדים, אויך פאַרשטעלטע אנוסים, מיט אַ ברייטער וועלטלעכער בילדונג. נאָך אַלס יונג מיידל האָט זי געהאַט אַן אַריינגאַנג אין די גרעסטע קאַטוילישע אַריסטאָקראַטישע הייזער, וואו זי

איז שטענדיק געוואָרן אויפגענומען מיט גרויס ליבשאַפט און באַוואונדערונג.

אויף איר אַכצנטן יאָר האָט זיך חנה מענדעס פּאַנאַנדערגעבליט אַלס בילד-שיינהייט, און דאָנאַ גראַציאַ איז געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פאַרערער, וועלכע האָבן געבעטן איר האַנט. זי האָט אָבער חתונה געהאַט מיט איינעם פון דער אַנוסים-פאַמיליע נשיא, אירער אַ נאָענטער קרוב, וועלכער האָט געהייסן אַלס קריסט פראַנציסקאָ מענדעס. דערדאָזיקער מאַן האָט געהאַט זייער אַ גרויס באַנק-הויז מיט אָפּטיילונגען אין פראַנקרייך און אין פלאַנדערן. דער דייטשישער קייזער קאַרל דער פינפטער און דער מעכטיקער פראַנצויזישער קעניג, פראַנץ, און נאָך אַנדערע קעניגן און פירשטן, זענען געווען מענדעסעס קליענטן, און האָבן געמאַכט ביי אים גרויסע הלוואות. זיין יינגערער ברודער, דיאָגאָ מענדעס, איז געווען דער דירעקטאָר פון דער באַנק-פיליאַלע אין אַנטווערפּען.

עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה איז פראַנציסקאָ אָפּגעשטאָרבן, און חנה מענדעס איז פאַרבליבן אַ יונגע אַלמנה מיט אַ קליין טעכטערל, ריינע. אין יענער צייט האָט זיך אין פּאָרטוגאַל געשטאַרקט די רעאַקציע, די גלחים זענען געוואָרן די גאַנצע מושלים בכפה, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די אינקוויזיציע האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעהוליעט, און פאַרשלונגען מאַסן יידישע קרבנות. דער שפּיאָנאַזש צווישן די אַנוסים האָט זיך זייער פאַרשפּרייט; יעדע נאַכט פלעגן אויפן סמך פון פאַלשע מסירות אַראָפּגעשלעפּט ווערן פון זייערע געלעגערס יונגע און אַלטע, מאַנסביל און ווייבער, און אַוועקגעשטעלט ווערן פאַרן טריבונאַל פון פאַנאַטישע גייסטלעכע, וועלכע פלעגט זיי פאַרמשפּטן צו אייביקער שווערער תפיסה, דאָס רוב אָבער צו די מוראדיקסטע ענויים דורך אַלערליי פאָלטער-געצייג. באַזונדערס גרויזאַם האָט געאַרבעט די אינקוויזיציע אין די פּראָווינצשטעט. דאָרט האָבן עס די פינסטערע כוחות געמאַכט פאַר אַ געשעפט, און האָבן אַרויסבאַקומען ביי די אַנוסים זייער גאַנץ פאַרמעגן. פיל פון די אַנוסים האָבן, כדי אויסצוקויפן זיך פון די מלאכי-חבלה, פאַרקויפט פון זיך זייער לעצט העמד און זענען פאַרבליבן הויל-נאַקעט. נישט אַלעמאָל האָט דאָס אָבער געהאָלפן. אין דאָס רוב פאַלן פלעגן די אינקוויזיטאָרן צונעמען דאָס געלט, נישט אַרויסלאָזנדיק אָבער דעם קרבן פון האַנט. אַ סך אַנוסים האָבן זיך געפּרוואווט שטעלן אין

סכנה, און זענען אַנטלאָפן דורך הינטערוועגן אין אַנדערע מדינות און באַזונדערס אין טערקיי, וואו מ׳האָט זיך באַצויגן צו דער יידי־שער אמונה טאָלעראַנט. ניִשט אַלעמען האָט זיך איינגעגעבן אָנצוקו־קיין טערקיי. אַנדערע זענען, פאָרנדיק אין קליינע שיפן איבער ימים—דערטרונקען געוואָרן; אַנדערע זענען—אַריינגעפאַלן אין די הענט פון פיראַטן (ים־רויבער), וועלכע האָבן זיי פאַרקויפט אַלס שקלאַפן אין ווייטע לענדער. פיל פון די אַנטלאָפענע אַנוסים זענען אויף דער גרענעץ פון פּאָרטוגאַל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון שפּיאָנען, וועלכע האָבן זיי נאָכגעלויערט, און די אינקוויזיציע האָט זיי צעשניטן אויף שטיקער און אַריינגעוואָרפן אין קעסלען מיט קאָכעדיקן וואַסער.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן די מענדעסעס אָנגעהייבן צו שפּירן, אַז די אינקוויזיציע איז עלול צו ווערן אַ גרויסע געפאַר הן פאַר דעם פאַרמעגן פון זייער באַנקהויז און הן פאַר זייער לעבן. נעמנדיק דאָס אין אַכט, איז דאָנאַ גראַציאַ (חנה) מיט איר גאַנצער פאַמיליע אַרויס וואוינען קיין אַנטווערפּען, וואו זיי האָבן זיך, אַלס אַנוסים, געפילט זיכערער. אַנטווערפּען איז דאַן געוואָרן דער צענטער פון די רייכע אַנוסים, וועלכע ס׳האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון פּאָרטוגאַל, ווייל דער קייזער, קאַרל דער פינפטער, וועלכער האָט געהאָפט צו אַנטוויקלען דורך זייערע קאָלאָסאַלע קאַפּיטאַלן אין בעלגיע און האָלאַנד דעם מסחר מיט דער אינדוסטריע, האָט זיי אַרויסגעוויזן גרויס התקרבות. אָבער אויך דאָרט האָבן די אַנוסים געמוזט בלייבן קריסטן.

חנה מענדעס האָט זיך באַזעצט אין דער בעלגישער רעזידענץ אויך צוליב דעם, וואָס אהין איז אַריבער די הויפּטבאַנק, אין וועל־כער זי האָט געהאַט אַ גרויסן טייל, ווייל לויט איר מאַנס צוואה איז זי געווען די יורשטע פון זיין האַלבן פאַרמעגן. אין אַנטווערפּען האָבן די מענדעסעס געשפּילט אַ גרויסע ראָל. זיי האָבן דאָרט געהאַט אַ צוטריט אין די הייזער פון דעם העכסטן אַדל. חנהס פּלימעניק, איר ברודערס זון, יאָאַן, דער שפּעטער אַזוי באַרימט געוואָרענער דאָן יוסף הערצאָג פון נאַקסאָס, וועגן וועלכן אונז וועט נאָך אויסקומען צו רעדן, איז געווען באַליבט אין די הייזער פון די גרעסטע מלוכה־לייט, און האָט שטאַרק נושא חן געווען אויך אין די אויגן פון דעם שטאָט־האַלטערס פרוי, מאַריאַ, די שוועסטער פונם קייזער קאַרל.

אין אַנטווערפּען האָט זיך חנה מענדעס געשטעלט אָן דער שפּיץ פון דער באַנק, און האָט אָנגעפירט מיט אַלע אירע גרויסע און פאַרצווייגטע געשעפטן. אירע גלענצנדיקע סוחרישע פעאיקייטן האָבן אַרויסגערופן אַלגעמיינע באַוואונדערונג. זי האָט געהאַט צו זאָגן איבער הונדערטער אַנגעשטעלטע, העכערע און נידעריקע, אין פאַרשידענע לענדער, וועלכע האָבן זי ממש פאַרגעטערט. ירשנדיק פון אירע עלטערן א הייס יידיש האַרץ, האָט זי געגרינדעט אויף איר חשבון אין אַנטווערפּען אַ גאַנצע נעץ פון אַלערליי וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס. פילנדיק אויף זיך אַליין דעם ביטערן גורל פון די אנוסים, האָט זי זיך זייער מצב גענומען צום האַרצן, און מנדב געווען גרויסע קאַפּיטאַלן אויף צו לינדערן זייער לאַגע דורך פאַרשידענע מיטלען. זי האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט געוויסע פּערזענלעכקייטן אין רוים, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויפן פּויבסט, און אויסגעפועלט ביי זיי צו ווירקן אויף אים איינצוצוימען די פּאָרטוגאַלישע אינקוויזיטאָרן, זיי זאָלן זיך נישט לוסטיק מאַכן איבער די אומגליקלעכע אַנוסים. פאַר די אנוסים, וועלכע עס האָט אָפּגעגליקט אַרויסצורייסן זיך פון דעם בלוטיקן פּאָרטוגאַל, האָט זי דורך פאַרשידענע אַגענטן אָפּגעדונגען אויף אירע קאָסטן שיפן, וואָס האָבן זיי אַריבערגעפירט בשלום אין די ערטער, וואוהין זיי האָבן געשטרעבט צו קומען. דערוויסנדיק זיך וועגן אנוסים, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די פּיראַטן, וועלכע האָבן זיי פאַרקויפט ערגעץ-וואו פאַר שקלאַפן, האָט זי גענוצט אָנצווענדן אַלע מיטלען אויסצולייזן די פאַרקויפטע פון פרעמדע הענט.

## II

ס'איז אוועק אַ געוויסע צייט, און חנה מענדעס האָט זיך אָנגעהייבן פילן אין אַנטווערפּען זייער נישט גוט. צוליב איר ליבע צו דער יידישער רעליגיע און איר האַס צו דער אמונה, וועלכע מ'האָט זי געצוואונגען אָנצונעמען, איז איר געוואָרן צו ווידער פלאַנדערן

נישט וויניקער פון פּאָרטוגאַל. אין איר האָט זיך דערוועקט אַ שטאַרק בענקעניש נאָך אַ לאַנד, וואו זי זאָל קאָנען לעבן לויט איר פּאַרלאַנג און לויט די נייגונגען פון איר האַרץ. זי האָט זיך גענומען בעטן ביי איר שוואָגער, דעם דירעקטאָר פונם באַנקגעשעפט, ער זאָל מיט איר צוזאַמען פּאַרלאָזן אַנטווערפּען. דער שוואָגער האָט זיך פון איר געלאָזט איבעררעדן, און זיי האָבן שוין באַשטימט אַ טאָג פאַר זייער נסיעה. ער איז אָבער פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. ער האָט איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט אַ טאָכטער—גראַציאַ די יינגערע. פון יענער צייט אָן זענען אָנגעקומען פאַר חנה מענדעס זייער שווערע טעג. פון איר פאַרשטאָרבענעם שוואָגער איז זי געוואָרן אָנערקענט אַלס די הויפּטפאַרשטייערין פון דעם גרויסן און ברייטפאַרצווייגטן געשעפטסהויז. זי האָט אָבער נישט געקאָנט אַזוי גיך ליקווידירן די געשעפטן, כּדי וואָס שנעלער אויסצוּוואַנדערן נאָך אַזאַ ערדווינקל, וואו זי וועט האָבן די מעגלעכקייט זיך פריי אויסצולעבן אַלס יידיש קינד. דערצו האָט נאָך פּאַסירט, אַז דער געלט-גיריגער קאַרל דער פינפטער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דעם גרויסן פאַרמעגן פון די מענדעסעס. כּדי עס אַרויסצובאַקומען, האָט מען דורך פאַרשידענע מאַכינאַציעס פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן דיאָגאָ מענדעס, חנהס פאַרשטאָרבענעם שוואָגער, וועלכן מ׳האָט באַשולדיקט אין דעם, אַז ער האָט אינגעהיים אָפּגעהיט זיין יידישקייט. ס׳האָבן זיך געפונען עדות, וועלכע האָבן אין געריכט געזאָגט, אַז דיאָגאָ האָט באַשאָטן מיט געלט, אום אַרויסצוראַטעווען פיל אנוסים פון דער אינקוויזיציע. ס׳האָט שוין געהאַלטן נאָענט דערפון, עס זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן אַ קייזערלעכער באַפעל צו קאָנפיסקירן די גיטער און פאַרמעגנען די האַנדלסביכער פון מענדעסעס געשעפטסהויז. חנהן האָט זיך אָבער איינגעגעבן אָפּצורופן צייטווייליק דעם גזר-דין דורך אַ גרויסער הלוואה, מיט אַ סך שוחד-געלט, וואָס זי האָט אויסגעטיילט צווישן די העכערע מלוכה-באַאַמטע. געפינענדיק זיך אָבער אין אַזאַ מצב, האָט זי שוין נישט געקאָנט קלערן וועגן פאַרלאָזן אַנטווערפּען, כּדי נישט צו דערוועקן קעגן זיך קיין חשד. נאָך גאַנצע צוויי יאָר האָט זי געמוזט כּסדר אויסשטיין אַ שטאַרקן קאַמף מיט איר נשמה, וועלכע האָט זיך געריסן צום יידנטום, און האָט זיך אין אַנטווערפּען בשום אופן נישט געקאָנט באַרואיקן...

ענדלעך האָט געשלאָגן די שעה, ווען איר האָט זיך אויסגע-

וויזן, אַז אַט באַלד גענייסט זי שוין די פרייהייט, נאָך וועלכער זי האָט אַזוי געלעכצט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז איר טאָכטער ריינע, וועלכע האָט אויף זיך געהאַט פיל בעלנים פונם העכסטן קריסטלעכן אַדעל, אַנטלאָפן מיט איר פּלימעניק יאַן קיין וועגעדיג. מיט דעם צופאַל האָט זיך חנה באַנוצט, און איז זיי נאָכגעלאָפן קיין וועגעדיג מיט דער האָפענונג, דאָ צו פאַרבלייבן ביז זי וועט באַקומען די מעגלעכקייט אויסצוואַנדערן פונדאַנען ווייטער קיין טערקיי. אָבער קוים האָט זי פאַרלאָזט אַנטווערפּען, איז אַרויס פון קאַרל דעם פינפטן אַ נייער באַפעל צו קאָנפיסקירן אַלע אירע גיטער, וועלכע געפינען זיך אין זיין געביט, ווייל זי מיט איר יינגערער שוועסטער זענען פאַרבאָרגענע יידישקעס. דאָ האָט זיך חנה מענדעס ווידער געלאָזט קאָסטן קאָלאָסאַלע געלט-סומען, פאַר וועלכע זי האָט געפועלט, מ'זאָל דעם באַפעל מבטל זיין.

אין וועגעדיג זענען אָבער פאַר חנה מענדעס אָנגעשטאַנען אומגליקלעכע טעג, נאָך פיל ערגער פון די, וואָס זי האָט איבערגעלעבט ביזאַהער, ווייל דאָסמאָל האָט דאָס אומגליק געשטאַמט פון איר יינגערער שוועסטער. פונקט דער היפך פון דער קלוגער און כאַראַקטער-פעסטער חנהן, איז געווען איר שוועסטער אַן אומבאַזאָנענע און אַ לייכטזיניקע. באַלד ווי זיי זענען אָנגעקומען קיין וועגעדיג, האָט זי גענומען פאָדערן ביי חנהן, זי זאָל אַרויסגעבן איר און איר טאָכטער דעם חלק, וועלכן זיי האָבן ביידע אין דער ירושה, ווייל זי וויל לעבן זעלבשטענדיק און קאָנען טאָן מיט דעם פאַרמעגן לויט איר פאַרלאַנג. חנה האָט אָבער נישט געקאָנט און נישט געדאַרפט דערצו מסכים זיין, ווייל זי איז געווען באַשטימט פאַר דער איינציקער פירערין פון געשעפט, און אויך אַלס אַפּוטרופּסות פון איר יינגערער שוועסטער מיט דער קליינער פּלימעניטשקע. די יינגערע שוועסטער, נישט וועלנדיק האָבן אויף זיך קיין „דעה-זאָגערין", און אפשר נאָך אָנגערעדט דערצו פון שלעכטע בעלי-עצהס, האָט געטאָן אַ טריט, וועלכער האָט שפּעטער געפירט צו איר אייגענעם אומגליק. זי האָט דערלאַנגט אַ מסירה צו דער ווענעציאַנישער רעפּובליק, אַז איר עלטערע שוועסטער קלויבט זיך אויסצוואַנדערן מיט אירע גרויסע רייכטימער קיין טערקיי, כדי איבערצוגיין דאָרט אָפן צום יידנטום. אין דער צייט, וואָס זי, די מסורטע, מיט איר טאָכטער ווילן פאַרבלייבן אייביקע קריסטינס. דערביי האָט זי געבעטן די ווענעציאַנישע

רעגירונג, איר צו העלפן באַקומען איר פאַרמעגנס-טייל, כדי זי זאָל, אַלס גוטע קריסטין, קאָנען פאַרווענדן איר אייגנס לטובת דער אָרטי-קער קריסטלעכער באַפעלקערונג. די ווענעציאַנישע רעגירונג, וועלכע האָט געגלויבט, אַז זי האָט דאָ „געפאַנגען אַ העכט", האָט באַלד חנהן איבערגעגעבן צום געריכט, און ביז וואָס, ווען האָט זי אָנגע-נומען די געהעריקע מיטלען, זי זאָל נישט קאָנען אַנטלויפן. די אַנ-דערע שוועסטער האָט זיך נאָך אָבער מיט דעם אליין נישט באַנוגנט. זי האָט געקראָגן איינעם אַ שונא-ישראל, וועלכן זי האָט אויסגעריכט אַלס שליח קיין פראַנקרייך מיט דערזעלבער מסירה, כדי מ'זאָל קאָנ-פיסקירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פונם הויז מענדעס, וואָס געפינט זיך אויך אין דעם פראַנצויזישן געביט. דער שליח, וועלכער האָט זיך געפונען באַצוולט דורכדעם, וואָס ער האָט באַקומען פאַר זיין מיסיע אַ צו קליינעם געצאָלט, האָט פאַרמסרט אויך די יינגערע שוועסטער, אַז זי איז אַ פאַרבאָרגענע יידישקע און האָט דורכדעם געווירקט, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג זאָל קאָנפיסקירן אויך איר חלק פון פאַר-מעגן. ח:ה איז אָבער אויך נישט געזעסן ליידיק. זי האָט אָנגעווענדט איר גאַנצע ענערגיע און איר גאַנצע פקחות, אום אַרויסצוראַטעווען איר פאַרמעגן און צוריק צו באַקומען איר פרייהייט. איר איז גע-לונגען אַוועקצושיקן אינדערשטיל איר פלימעניק יאָאַן קיין טערקיי, געבנדיק אים די נייטיקע אינסטרוקציעס ווי צוצושלאָגן זיך דאָרט צום סולטאַן סוליימאָן און אויסצופועלן ביי אים הילף.

יאָאַן האָט אויסגעפירט זיין שליחות זייער גלענצנד. ער האָט דעם סולטאַן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די מענדעסעס ווילן אַריינ-ברענגען אין זיין מדינה ריזיקע רייכטימער; זיי ווערן אָבער אין דעם געשטערט פון דער ווענעציאַנישער רעפובליק, וועלכע וואָלט ווילן פאַרהאַלטן דידאָזיקע קאָלאָסאַלע עשירות ביי זיך. הערנדיק דאָס, איז דער סולטאַן געוואָרן זייער אויפגעבראַכט. ס'איז צו באַמערקן, אַז אין יענער צייט איז די ווענעציאַנישע רעפובליק געווען אָפּהענ-גיק פון דער טערקיי.

קורץ נאָכדעם האָט די טערקישע רעגירונג אַוועקגעשיקט אַ שליח מיוחד קיין ווענעדיג מיט דעם באַפעל, תיכף צו באַפרייען די אַרעסטירטע אַנוסים, און לאָזן זיי אומגעשטערט אָפּפאָרן מיט זייער גאַנצן פאַרמעגן קיין טערקיי.

ס'איז נישט באַקאַנט, וויאַזוי דאָס איז געשען, אָבער אַ פאַקט

איז, אַז חנה מענדעס איז פון ווענעדיג אַריבער וואוינען אין דעם איטאַליעניש הערצאָגטום פעראַראַ, וואו זי האָט זיך געפונען באַשיצט פון יעדער פאַרפאָלגונג, און האָט שוין געקאָנט לעבן אונטער איר יידישן נאָמען. דאָ האָט זיך אָנגעהייבן אַ נייע תקופה אין דעם לעבן פון חנה מענדעס. ערשט דאָ האָט זי באַקומען די מעגלעכקייט, זיך אַרויסצוווייזן עפנטלעך מיט אַלע אירע אויסטערלישע יידישע מעלות: מיט איר צאַרטן מיטגעפיל, מיט איר גרויסמוט, מיט איר פרומקייט און גוטהאַרציקייט, מיט איר קלוגקייט און אויסגערעכנטקייט.

איינער פון דעמאָלטיקע דיכטער, פון די געוועזענע אַנוסים, וועמען עס האָט זיך אויך איינגעגעבן צו אַנטלויפן מיט זיין פאַמיליע, אויס מורא פאַר דער אינקוויזיציע, קיין פעראַראַ, וואו ער איז צוריק אַ ייד געוואָרן — שמואל אושקי האָט ער געהייסן — האָט פאַרפאַסט אַ פּאָעמע אין פאָרטוגאַליש, אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג, אונטער דעם נאָמען „די טרייסט צו די יידישע צרות". אין דערדאָזיקער פּאָעמע, וועלכע האָט געהאַט דעם צוועק צו טרייסטן און מוטיקן די אַנוסים, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די פינסטערע לענדער קיין פעראַראַ און אין אַנדערע ערטער, און זיי האָבן זיך דאָרט צוריקגעקערט צו זייער יידישן גלויבן און צו זייער פאָלק, און צו שטאַרקן זייער האַרץ מיט דער האָפנונג אויף אַ גיכער אויסלייזונג פון גלות דורך דעם מלך המשיח, — האָט זיך דער דיכטער אָפּגעשטעלט אויף דער ליכטיקער פערזענלעכקייט פון חנה מענדעס, וועגן וועלכער ער רופט זיך אָפּ מיט גרויס באַגייסטערונג און זאָגט, צווישן אַנדערן, ווענדנדיק זיך צום יידישן פאָלק:

„ווער האָט נישט געזען, ווי די געטלעכע באַרמהאַרציקייט האָט זיך אַנטפּלעקט אין אַ מענטשלעך קלייד, און איז געקומען צו לינדערן דיינע ליידן? ווער האָט נישט געזען, ווי עס איז אויפגעשטאַנען אַ צווייטע מרים, וועלכע האָט זיך מוסר-נפש געווען צו ראַטעווען אירע ברידער? ווער האָט אין איר נישט געזען די טיפע קלוגקייט און פּראַקטישקייט פון דבורה הנביאה, וועלכע האָט געוואוסט צו רעגירן אויף אַ פאָלק, די טוגנדהאַפטיקייט און די הייליקייט פון אסתר המלכה, וועלכע האָט זיך געאָפּפערט, כדי צו באַשיצן אירע גלויבנס-ברידער, די גרויסע רומפולע אָנשטרענגונג פון דער צנועהדיקער אַלמנה יהודית צו באַפרייען אירע באַלאַגערטע ברידער פון שקלאַפעריי? ווי אַ מלאך פון הימל האָט איר גאָט אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד"

## III

צוויי יאָר האָט חנה מענדעס מיט איר פאַמיליע פאַרבראַכט אין פעראַרא, וואו זי האָט אונטערן שוץ פון דאָרטיקן דוכס געלעבט עפנטלעך אַלס יידיש קינד. אין משך פון דער צייט איז איר פלימעניק יאָאַן, וועלכער האָט באַוויזן דערווייל זיך מגייר צו זיין אונטערן נאָמען דן יוסף נשיא, אַרומגעפאָרן איבער פאַרשידענע אייראָפּעישע לענדער, און האָט אויף אַלערליי וועגן איינקאַסירט ביי די מלוכות די גרויסע קאַפּיטאַלן, וואָס זיי זענען געווען שולדיק דער פאַמיליע מענדעס. ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן גרויס חריפות און סוחרישע פיפיקייט. אין מאַנכע ערטער איז אים אויסגעקומען צו דראָען די בעלי־חובות מיטן צאָרן פונם טערקישן סולטאַן סולייזמאַן דער צווייטער. מיט דער איינגעמאַנטער ריזיקער געלטסומע האָט דאָן יוסף צוריקגעקערט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואוהין עס איז באַלד נאָך דעם אַריבערגעפאָרן זיין מומע, חנה מענדעס. דאָרט האָט דאָן יוסף אינגיכן חתונה געהאַט מיט חנהס שיינער טאָכטער ריינע, און אַ דאַנק זיין פלינקן שכל, זיין שיינקייט און זיינע רייכע ידיעות וועגן די קריסטלעכע מדינות, איז ער געוואָרן אַ גאַנצער תקיף ביים סולטאַן, און האָט אָנגעהייבן שפּילן אין טערקישן הויף אַ באַדייטנדיקע ראָלע.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זיך פאַר חנה מענדעס אַנטפּלעקט אַ גרויס און ברייט פעלד פאַר וואוילטעטיקע אַרבעט לטובת די געדריקטע ברידער אין דער גאַנצער וועלט. אירע גרויסע פאַרבינדונגען כמעט מיט אַלע לענדער האָבן איר געגעבן די מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיט דער לאַגע פון די דאָרטיקע יידן, און ווען זי האָט דערהערט, אַז דאָ אָדער דאָרט געפינט זיך אַ יידישע קהילה אין נויט, האָט זי זיך תיכף אָפּגערופן און אָנגעווענדט אַלע קרעפטן, די נויט צו לינדערן. באַזונדערס האָט זי אַרויסגעוויזן איר יידיש האַרץ אין פאָלגנדיקן צופאַל.

צווישן די אַנוסים, וועלכע זענען אַנטלאָפן געוואָרן אויס מורא פאַר דער אינקוויזיציע פון פּאָרטוגאַל, זענען געווען פיל אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט אַנקאָנאַ. אַנקאָנאַ, וועלכע איז דאַן געווען אונטערגעוואָרפן דער העגעמאָניע פון פּויבסט און

האָט זיך גערעכנט פאַר אַ וויכטיקן האַנדלסצענטער, האָט צוגעצויגן צו זיך אויך אַנוסים פון די טערקישע פּאָרט-שטעט. די ערשטע צייטן האָבן זיך דאָרט די אַנוסים גאַנץ גוט געפילט, ווייל די פּויבסטן זענען זיך מיט זיי גוט באַגאַנגען. עס האָבן זיך זאָגאַר געטראָגן קלאַנגען, אַז דער פּויבסט יוליוס דער דריטער האָט בדעה צו דער־לויבן די אַנוסים זיך אומצוקערן עפנטלעך צום יידישן גלויבן. אָבער גראָד אין דער צייט, וואָס די אַנוסים האָבן זיך פאַרוויגט אין אַזעלכע שיינע האָפענונגען, איז געקרוינט געוואָרן פאַר אַ פּויבסט פּוילוס דער פערטער, וועלכער, באַטרעטנדיק זיין הויכן פּאָסטן, האָט תּיכּף אַרויסגע־געבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן אַלע אַנקאָנער אַנוסים און אַוועקצושטעלן זיי פאַרן טריבונאַל פון דער אינקוויזיציע.

ווי נאָר חנה מענדעס האָט באַקומען וועגן דעם די ערשטע ידיעה, האָט זי נישט פיל געקלערט, און אויספּועלנדיק פאַר זיך תּיכּף אַן אוידיענץ ביים סולטאַן, האָט זי אים געבעטן זיך מרחם זיין איבער אירע גלויבנס-ברידער, וואָס געפינען זיך אין גרויס געפאַר. נעמענדיק אין אַכט, אַז פיל פון די אַרעסטירטע אנוסים זענען אונ־טערטאַנען פון דער אָטאָמאַנישער מלוכה, האָט דער סולטאַן סולייַ־מאַן אַריינגעשיקט אַ דראָונגס-בריוו צום פּויבסט, אַז אויב מען וועט תּיכּף נישט באַפרייען די אנוסים, וועלכע רעכענען זיך פאַר אָנגעהעריקע צו טערקיי, וועט ער זיך נוקם זיין אין די קריסטן, וואָס וואוינען ביי אים אין לאַנד. באַקומענדיק אַזאַ בריוו, האָט זיך דער פּויבסט געפונען געצוואונגען אַרויסצולאָזן פון תּפיסה די אנוסים, וועלכע זענען געווען טערקישע אונטערטאַנען און האָט זיך אָבער דערפאַר גרויזאַם אָפּגערעכנט מיט די איבעריקע אַרעסטירטע. דריי און צוואַנציק יידן מיט איין יידישקע, דאָנאַ מאָראַ האָט זי געהייסן, האָט ער געהייסן פאַרברענען לעבעדיקערהייט אויף שייטערהויפן. בעת די קרבנות זענען שוין געלעגן אויף די צוגעגרייטע בינטלעך האָלץ, האָט מען זיי מוסר געזאָגט און גערופן זיי מודה צו זיין זיך אויף זייער „זינד”, תּשובה צו טאָן און אומצוקערן זיך צום קריסטלעכן גלויבן. די אנוסים האָבן זיך אָבער נישט געלאָזט איבעררעדן און זענען מיט גרויס מוט און אָפּפערווויליקייט געגאַנגען שטאַרבן אויף קידוש השם.

די שרעקלעכע אנקאָנער טראַגעדיע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין דער יידישער וועלט, און אומעטום האָט זיך באַלד דער־

וועקט דער געדאַנק, אַז מען מוז זיך נוקם זיין פאַר די פאַרברענטע ברידער און שטרענג באַשטראָפן דעם פויבסט פאַר זיין גרויזאַמער טאַט. אַ באַזונדער אָפּקלאַנג האָט געפונען דערדאָזיקער געדאַנק ביי חנה מענדעס און ביי איר איידעם דאָן יוסף, וועלכע האָבן אים געזוכט צו פאַרשפּרייטן צווישן די אַנטלאָפענע שפּאַנישע און פּאָרטוגאַלישע יידן, וואָס וואוינען אין דער טערקיי.

דער נקמה־פּלאַן איז געוואָרן אויסגעאַרבעט פון די עלטערע צענדליק אנוסים, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן באַצייטנס פון אַנקאָנא צו דער האַפנשטאָט פּ י ז אַ ר אָ. דער דוכּס אובּאַלדאָ, צו וועלכן עס האָט געהערט דידאָזיקע שטאָט, האָט אויפגענומען די אַנטלאָפענע אנוסים גאַנץ פריינטלעך, אָבער נישט צוליב רחמנות, נאָר צוליב געשעפט, ווייל זיי האָבן אים מבטיח געווען אָפּצוציען דעם גאַנצן לעוואַנטינער האַנדל קיין פּיזאַראָ. די אנוסים האָבן ווירקלעך אויסגעריכט איינעם פון זיי אַלס שליח מיוחד צו די יידישע קהילות פון די פּאָרטשטעט און צו די אַנדערע קהילות פון טערקיי מיט דער בקשה צו אַלע דאָרטיקע יידן, זיי זאָלן אויפהערן צו שיקן זייערע שיפן און זייערע סחורות קיין אַנקאָנא און אָנהייבן שיקן זיי פון איצט אָן קיין פּיזאַראָ.

אין יענער צייט האָט זיך געפונען דער גאַנצער האַנדל מיט די מזרח־לענדער אין די הענט פון די טערקישע יידן און באַזונדערס ביי די ספרדישע. די יידן פלעגן שיקן האַנדלסשיפן אין אַלע פּאָרטן פון אַדריאַטישן ים, און הויפּטזעכלעך צו דעם אַנקאָנער האַפן. די שרעקלעכע ידיעה, וועגן די פיר און צוואַנציק פאַרברענטע יידן, האָט אַרויסגערופן צווישן די ספרדים אין דער טערקיי אַ שטאַרקע אויפרעגונג. איינער דעם אַנדערן האָט גענומען אַגיטירן, אַז מען מוז מהיום והלאה אויסמיידן דעם אַנקאָנער פּאָרט און זען אָנבינדן באַציונגען מיט פּיזאַראָ. די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט דערגרייכט איר אַפּאָגיי, נאָכדעם, ווי די פון אַנקאָנאַ אַנטלאָפענע פּיזאַרער אנוסים האָבן דערמאָנט די טערקישע יידן אין אַ בריוו, אַז די יידן זענען אַלע חברים און ערוב איינער פאַר דעם אַנדערן, און דעריבער דאַרפן זיי זיך פאַרייניקן ווי איין מאַן אין דעם אַלגעמיינעם הסכם נוקם צו זיין זיך אין פויבסט און אין אַנקאָנאַ, וועלכע קיין ייד טאָר נישט באַטרעטן און געבן דאָרט צו לייזן אַ גראָשן. „פאַרפלוכט זאָל ווערן דער, וואָס וועט שטעלן אַ פוס אויף דערדאָזיקער שטאָט;

וויסט און לער מוז זי ווערן; זאָלן אירע איינוואוינער וויסן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט ביי יידן און אַז מיר שטייען אַלע ווי איין מענטש. אונזער בלוט איז נישט קיין וואַסער, און די נקמה מוז קומען". ס'האָט זיך מיטאַמאָל דערוואַכט ביי יידן דאָס לאַנג איינגעשלאָפענע געפיל וועגן נאַציאָנאַלער אחדות, וועלכעס האָט זיך אויסגעדריקט נישט בלויז אין צדקה־אַרבעט פאַר נויטבאַדערפטיקע, נאָר אין דעם פעסטן באַשלוס נקמה צו נעמען פאַר די אומגליקלעכע יידן און שטרענג באַשטראָפן די שולדיקע. אין אַנקאָנאַ האָט מען פאַרברענט אויפן שייטערהויפן פיר און צוואַנציק יידישע נפשות — דעריבער מוז די שטאָט חרוב ווערן. דאָס איז דער הויפטגעדאַנק פון די אַנטלאָפענע אנוסים, וואָס איז געוואָרן וואַרעם אונטערשטיצט פון חנה מענדעס און פון דער יידישער קהילה אין סאַלאָניק.

אין דער ערשטער צייט נאָך דעם שרעקלעכן געשעעניש האָט מען געקענט גלויבן, אַז דער חרם, וועלכן מ'האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אַנקאָנאַ, הייבט אָן פאַרווירקלעכט צו ווערן. יידישע שיפן האָבן אויפגעהערט צו קומען אין אַנקאָנער פּאָרט און די דאָרטיקע איינוואוינער האָבן עס באַלד דערפילט. דערפילט האָט עס אויך דער פויבסט אַליין, ווייל זיינע הכנסות זענען פיל פאַרמינערט געוואָרן. די שטאָטלייט האָבן דערלאַנגט דעם פויבסט אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן זיי האָבן זיך פאַר אים ביטער געקלאָגט אויף זייערע גרויסע שאָדנס, און האָבן אים געבעטן, ער זאָל זען עפּעס געפינען אַן עצה קעגן דעם חרם. צווישן די געליטענע אין אַנקאָנאַ האָט זיך געפונען אַ געוויסע צאָל יידן, און דידאָזיקע יידן האָבן פאַנאַנדערגעשיקט בריוו צו די קהילות אין די טערקישע האַפנשטעט מיט דער בקשה, נישט צו געבן זייער הסכם צו דעם חרם, וועלכן מ'האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אַנקאָנאַ. בראש פון די אַנקאָנער יידן איז געשטאַנען דער דאָרטיקער רב, דער באַוואוסטער מקובל ר' משה באַסושא, וועלכער האָט זיך שטאַרק משתדל געווען אַראָפּצונעמען דעם חרם. ער האָט געטענהט, אַז דער חרם שטעלט אַוועק די אַנקאָנער יידן אין גרויס געפאַר, ווייל ער איז עלול אויפצורייצן קעגן זיי דעם פויבסט. עס האָבן זיך אין דער זאַך אַריינגעמישט נאָך עטלעכע רבנים, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט דעם ענין אין אַ רעליגיעזער פראַגע. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די פריערדיקע אחדות צווישן די קהילות איז געוואָרן צעשטערט, און עס האָבן זיך געבילדעט גרופּעס, גרעסערע און קלענערע

פאַר און קעגן דעם חרם. די איינציקע, וואָס זענען געבליבן שטיין אויף זייער ערשטן שטאַנדפּונקט, זענען געווען חנה מענדעס מיט איר באַרימט געוואָרענעם איידעם דאָן יוסף נשיא. זיי, אַלס פּאָליטיקער, האָבן געקוקט אויף דער זאַך גאַנץ אַנדערש. ביי זיי האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע דאָס געפיל פון נקמה אין דעם רוימישן פּויבסטנ־טום, פון וועלכע יידן האָבן געליטן און ליידן אָן אַ ברעג. אַרויס־גייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, האָבן זיי זיך נישט געלאָזט פאַרפירן פון די קאַלטע חשבונות, און פאַנאַנדערגעשיקט צירקולאַרישע דעפּעשן צו זייערע האַנדלסאַגענטן און אַנגעשטעלטע אין די פּאָרט־שטעט, זיי זאָלן שיקן זייערע שיפן צום פּיזאַרער האַפן, און בשום אופן נישט קיין אַנקאָנאַ. איינער פון די דעמאָלטיקע גרעסטע יידישע תּלמידי־חכמים, אַ חבר פון רבי יוסף קאַראָ, דעם מחבר פון „שלחן ערוך", דערציילט וועגן דעם כּהאי לישנא:

„נאָכדעם, ווי די גרויסע האַרינטע, די מפורסמת אין אַלע מלוכות, דאָנאַ גראַציאַ, האָט דערזען, אַז דער הסכם איז נישט געוואָרן פאַרווירקלעכט, האָט זי נאָכאַמאָל געשריבן צו די רבנים אין די גרויסע שטעט און זיי אויפגעפאָדערט שטרענג אָפּצוהיטן דעם חרם, כּדי צו באַשיצן דעם יידישן כּבוד".

## IV

אַזוי האָט די פּראַגע וועגן די פּיזאַרער אַנוסים אויפגערודערט דאָס גאַנצע יידנטום אין די מזרח־לענדער. די אַנקאָנער יידן האָבן פאַנאַנדערגעשיקט שליחים אין אַלע קהילות צו אַגיטירן פאַר דעם, אַז מען זאָל תּיכּף ומיד בטול מאַכן דעם חרם, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן אַנקאָנער האַפן, וואָרים ווען נישט, זענען זיי נישט זיכער מיט זייער לעבן, ווייל דער צאָרן פון די קריסטלעכע איינוואוי־נער ברענט ווי אַ פייער און איז יעדע מינוט עלול אויסצובּרעכן אין שרעקלעכע מעשים. אויף פיל קהילות האָט דידאָזיקע אַגיטאַציע געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. עס האָט זיך ביי זיי דערוועקט גרויס

רחמנות אויף זייערע אַנקאָנער ברידער, און זיי האָבן ווידער אָנגעהייבן שיקן זייערע האַנדלסשיפן נאָך דעם אַנקאָנער פּאָרט. נאָר חנה מענדעס מיט איר פּלימעניק דאָן יוסף נשיא זענען געבליבן שטיין, ווי געווען, „שטאָל און אייזן" פאַר די פּיזאַרער אַנוסים און אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו באַאייַנפלוסן אין דעם זין די גרעסטע יידישע פּערזענלעכקייטן אין די פאַרשידענע קהילות. באַזונדערס האָט זיך חנה מענדעס באַמיט וועגן דעם ביי די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער רבנים, און איר האָט זיך אויך איינגעגעבן צו געווינען פאַר דעם חרם עטלעכע פון זיי. אין דערזעלבער צייט האָט זי געשאָטן מיט געלט צו הייבן דעם מסחר אין פּיזאַראָ, כדי די דאָרטיקע אנוסים זאָלן נישט פאַרלירן זייער חן אין די אויגן פון דעם דוכּס אובאַלדאָ. ס'האָבן זיך אָבער געפונען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל צוויי גרויסע אָנגעזעענע רבנים, וועלכע האָבן בשום-אופן נישט געוואָלט מסכים זיין צום חרם, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אויך די קהילות, וואָס האָבן נאָך ביז אַהער געהאַלטן מיט חנה מענדעס, האָבן איצטער באַנייט זייערע האַנדלסבאַציונגען מיט דעם אַנקאָנער האַפן. חנה האָט נאָך אָבער דאָס געווער פון איר האַנד נישט אַוועקגעלייגט. עס האָט איר ניט געלאָזט דאָס האַרץ—נישט נוקם צו זיין זיך אָן דעם פּויבסט פאַר די פאַרברענטע יידן. זי האָט זיך נאָך געפּרואווט ווענדן צו די צפתער רבנים, ר' יוסף קאַראָ, דער מחבר פון „שלחן-ערוך" און ר' משה די טראַני, וועלכע האָבן זיך גערעכנט פאַר די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן אין יענעם דור, און האָט ביי זיי געפּועלט צו פאַרעפנטלעכן אַ פאַרבאָט אויפן אַנקאָנער מסחר. אָבער דאָסמאָל האָבן די קהילות נישט גענומען אין אַכט אויך די מיינונג פון דידאָזיקע צוויי בר-סמכאס, און דער חרם אויף די לענדער פון פּאַפּסט דעם פערטן האָט נישט אויסגעהאַלטן.

ווי נאָר דער פּיזאַרער דוכּס האָט דערזען, אַז די מזרח-לענדישע יידן האָבן גענומען צוריק אָפּציען זייערע שיפן פון זיין האַפן, האָט ער שוין די אַנטלאָפענע אנוסים מער ביי זיך נישט געוואָלט האַלטן, און געגעבן דעם באַפעל זיי אַרויסצוטרייבן. אויף געדונגענע שיפן האָבן זיך די אַרויסגעטריבענע אַנוסים געלאָזט וואַנדערן נאָך טערקיי. דער פּויבסט האָט זיך דערפון דערוואוסט, און האָט אַרויסגעשיקט שיפן אויפן אַדריאַטישן ים צו כאַפּן זיי. דאָס רוב פון זיי האָבן זיך אָבער געראַטעוועט, נאָר ווייניקע זענען געוואָרן געפאַנגען

און פאַרקויפט אַלס שקלאַפן אין ווייטע לענדער. די ידיעות וועגן דעם גורל פון די פּיזאַרער אנוסים זענען געווען פּאַר חנה מענדעס אַ טויט-קלאַפּ. זי האָט זיך נישט געגעבן קיין רו און אָנגענומען אַלע מעגלעכע מיטלען אויסצוקויפן פון דער שקלאַפעריי די פאַרקויפטע אנוסים, און די אָנגעקומענע קיין טערקיי האָט זי אַרויסגעוויזן גרויס התקרבות, און זיי געהאָלפן זיך איינאָרדנען אויף זייערע נייע ערטער. דערצו האָט זי אויסגענוצט איר הויכע שטעלונג ביים טערקישן הויף.

וואָס עלטער דער פּויבסט פּאַול דער פערטער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט זיך געשטאַרקט זיין שנאה צו יידן. אין זיינע לעצטע יאָרן האָט ער זיך גענומען אויסרוימען דעם תלמוד. ביי וועמען מ'האָט געפונען מסכתות פון ש״ס, איז שטרענג באַשטראָפט געוואָרן. אין דער איטאַליענישער שטאָט קרעמאָנאַ, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסע ישיבה מיט עטלעכע דרוקן, האָט מען צונויפגענומען צוועלף טויזנט ש״סן און זיי פאַרברענט אויפן מיטן מאַרק. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אין גרויס געפאַר דעם למוד התורה, ווייל ס'איז נישט געווען אין וואָס צו לערנען. אין די יידישע קרייזן איז די גזרה איבערן תלמוד באַטראַכט געוואָרן ווי אַ צווייטע אינקוויזיציע.

בעת דאָס אַלץ איז דערגאַנגען צו חנה מענדעס, האָט זי נישט געקאָנט בלייבן דערצו גלייכגילטיק. דער געדאַנק, אַז צוליב דעם מאַנגל אין ש״סן קאָן פאַרגעסן ווערן פון יידן די תורה, האָט זי דערשיטערט. נישט פיל קלערנדיק, האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַר דעם צענטער פון דער תורה. צו דעם צוועק האָט זי געגרינדעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ גרויסע ישיבה, און האָט דאָרט אוועקגעזעצט באַרימטע תלמודיסטן, וועלכע זי האָט אויסגעהאַלטן מיט אַלע זייערע באַדערפענישן אויף איר רעכענונג. אין פאַרלויף פון דער צייט האָט די ישיבה צו זיך צוגעצויגן מאַסן לומדים פון נאָענט און פון ווייט. פון זיי זענען שפּעטער אַרויסגעקומען רבנים, וועלכע האָבן באַקומען שטעלעס הן אין די ספרדישע און הן אין די אַשכנזישע קהילות. אַזוי־אַרום האָט, אַ דאַנק די באַמיונגען פון חנה מענדעס, צוריק אויפגעבליט דער למוד התורה, וועלכער האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגעסן ווערן.

חנה מענדעס, וועלכע האָט זיך אפילו אַ מינוט נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיטן גורל פון די אַנוסים, וואָס האָבן, אָנקומענדיק אויפן טערקישן באָדן, זיך צוריק אומגעקערט אָפן צום

יידישן גלויבן, האָט זיך די לעצטע צייט פון איר לעבן ארומגע־טראָגן מיט אַ גראַנדיעזן פּלאַן, ווי אַזוי צו באַזאָרגן נישט בלויז די צוקונפט פון דידאָזיקע אנוסים, נאָר אויך די צוקונפט פונם גאַנצן יידישן פאָלק. דעם דערמאָנטן פּלאַן האָט זי געזאָלט פאַרווירקלעכן מיט דער הילף פון איר פּלימעניק דן יוסף הנשיא, וועלכער האָט דערגרייכט אין טערקיי צו דער מדרגה פון אַ יידישן פירשט און מאַכטהאָבער, ווי מיר וועלן דערציילן אין קורצן אין דעם קומענדיקן קאַפּיטל.

## V

פון טאָג צו טאָג איז יוסף נשיא געוואָרן אַלץ מער תקיפער אין דעם טערקישן מלוכה-הויף. עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז דער סולטאַן סוליימאַן דער צווייטער האָט אים געמאַכט פאַר זיין גרעסטן בעל-יועץ, אָן וועלכן ער האָט קיין זאַך נישט אונטערגענומען. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דאַן יוסף געוואָרן שטאַרק באַליבט אויך, ביי דעם טראָנפאָלגער סעלים, וועלכער האָט זיך אין אים זייער איינגעטרויט, און האָט אים געמאַכט פאַר זיין נאָענטסטן אַדיוטאַנט, באַשטימענדיק אים דערפאַר אַ גרויס געהאַלט. די באַטשאַפטער פון די קריסטלעכע אייראָפּעישע מלכים האָבן נישט געקאָנט גלייכגילטיק אַריבערטראָגן דאָס, וואָס אַ ייד, וועמען עס זענען באַקאַנט אַלע זייערע סודות, האָט אַזאַ איינפלוס אויפן סולטאַן און חברט זיך אויך מיט דעם טראָנפאָלגער, און האָבן אים נישט איינמאָל פאַרמסרט פאַר וועמען מען דאַרף, אַז ער איז אַ שפּיאָן און גיט אַרויס פאַר געלט דעם שפּאַנישן קעניג פאַרשידענע פּאָליטישע געהיימנישן. באַזונדערס האָט אינטריגירט קעגן יוסף דער פראַנצויזישער קעניג, היינריך דער צווייטער, וועלכער איז אויף אים געווען בייז, פאַרוואָס ער לאָזט אים נישט צורו און מאָנט ביי אים כסדר זיין שוויגערס גרויסע קאַפּי־טאַלן, וואָס זענען נאָך ביי אים פאַרבליבן. אָבער אַלע אינטריגעס האָבן נישט דערגרייכט זייער צוועק. זיי האָבן נאָך, פאַרקערט, גע־

בראַכט דערצו, אַז דער סולטאַן האָט אָנגעהייבן נאָך מקרב זיין צו זיך יוסֿפן, און אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט ער אים, צום צייכן פֿון פֿריינטשאַפֿט און דאַנקבאַרקייט, אַוועקגעשאָנקען אויף אייביק די שטאָט טבריה מיט נאָך זיבן אַנדערע אַרומיקע שטעט אין ארץ־ישראל. אויך האָט ער אים געגעבן די דערלויבעניש צו באַזעצן די דערמאָנטע שטעט מיט בלויז יידן. אויפֿן מתנה־דאָקומענט האָבן זיך געחתמעט דער סולטאַן סולײמאַן, דער טראָנפֿאָלגער סעלים און זיין זון מוראַד, כּדי די זאַך זאָל האָבן אַן אייביקע קראַפֿט. נאָך סולײמאַנס טויט האָט זיין זון, דער נייער סולטאַן סעלים, דערהייבן דאָן יוסֿפֿן צום ראַנג פֿון אַ פֿירשט איבער דער אינזל נאַקסאָס, און אים געשאָנקען נאָך צוועלף אינזלען אין דעם מיטללענדישן ים. אויסערדעם, האָט דער סולטאַן אָפּגעגעבן דאָן יוסֿפֿן אין אַרענדע דעם אָפּצאָל פֿון די ווײַנען, וועלכע ווערן אַריינגעפֿירט אין טערקיי דורך דעם שוואַרצן ים. דאָן יוסף האָט געפֿונען, אַז עס לוינט זיך נישט פֿאַר אים אַרויסצוגיין וואוינען אויף די אינזלען אין עגעיִשן ים און זיין ווייט פֿון דער רעזידענץ־שטאָט און פֿונם פּאָליטישן צענטער, און דעריבער איז ער געבליבן זיצן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, פֿאַרנעמענדיק די אַפּאַרטאַמענטן פֿון דעם פּרעכטיקן בעלוועדער־שלאָס. די פֿולמאַכט צו הערשן אין זיין נאָמען איבער די גריכישע איינוואוינער פֿון זיינע אינזלען האָט ער איבערגעגעבן אַ שפּאַנישן גראַף, אַ קריסט, וואָס האָט געשטאַמט פֿון די אַנוסים. אין די דיפּלאָמאַטישע קרייזן האָט מען דאַן געשמועסט צווישן זיך, אַז היינט־מאָרגן וועט דאָן יוסף נתעלה ווערן אַלס יידישער מלך. דאָס האָט זיי זייער געקרענקט, אָבער זיי האָבן קעגן דעם גאָרנישט געקאָנט טאָן, און ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האָבן זיי געמוזט אנערקענען דאָן יוסֿפֿס פֿירשטלעכע ממשלה און האָבן אויך געפֿונען פֿאַר נייטיק צו חנפֿענען זיך צו אים, כּדי צו געניסן פֿון זיין פֿריינטשאַפֿט.

אָנגעפֿייערט פֿון זיין שוויגער חנה מענדעס, האָט זיך דאָן יוסף באַנוצט מיט זיין הויכער שטעלונג נקמה צו נעמען פֿון די פּויבסטן און די מלכים, וועלכע פֿאַרפֿאָלגן די אנוסים און פּייניקן זיי דורך דער אינקוויזיציע. קענענדיק גוט די קנאה מיט דער קאָנקורענץ, וועלכע הערשן צווישן די קריסטלעכע פֿעלקער, צווישן די קאַטוילִיקן מיט די פּראָטעסטאַנטן, האָט ער געזוכט צו שטיצן דעם פּראָטעסטאַנטיזם קעגן דער רוימישער גייסטלעכקייט. עס זענען פֿאָרגעקומען

פּאַלן, ווען ער האָט אין נאָמען פונם סולטאַן סעלים געדראָט די שפּאַנישע מושלים מיט קריג, און תּמיד האָבן די דראָונגען געווירקט, און די אינקוויזיטאָרן האָבן זייער שרעקנס־הערשאַפט איבער די אנוסים אָפּגעשטעלט. דאָס האָט געצוואונגען די אַנדערע מלכים צו לעבן גוט מיט דאָן יוסֿפֿן און אַמאָל אויך משחד צו זיין אים מיט טייערע מתּנות.

## VI

די פראַנצויזישע מלוכה איז געווען די איינציקע, וואָס האָט נישט געוואָלט לעבן בשלום מיט דאָן יוסף נשיא, ווייל ער האָט נישט אויפגעהערט מאָנען ביי איר זיין שווינדערס ריזיקע קאַפּיטאַלן. צום סוף האָט זיך אין דעם אַריינגעמישט דער סולטאַן סעלים אַליין, וועלכער האָט שטרענג געפאָדערט פון פראַנקרייך אָפּצוגעבן תּיכּף ומיד דאָנאַ גראַציאַ מענדעס דעם גאַנצן חוב. דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר האָט זיך געפּרואווט אויפווייזן, אַז פראַנקרייך איז פּטור פון צו באַצאָלן די חובות, וואָס זי איז שולדיק מענטשן, וועלכע פאַרשטעקן זיך פאַר קריסטן און וואָס באמת זענען זיי יידן און טרייבן געשעפט אין לאַנד אומגעזעצלעך. חוצדעם, האָט נאָך דער־זעלבער באַטשאַפטער אַ צווייט מאָל פאַרמסרט דאָן יוסֿפֿן פאַרן סול־טאַן, אַז ער איז אומטריי אים און זיין לאַנד. דידאָזיקע מסירה האָט דעם סולטאַן אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער האָט באַלד דערלויבט דאָן יוסֿפֿן אָפּצוהיטן די האַנדלסשיפן, וואָס קומען צו די טערקישע האַפנס מיט דער פראַנצויזישער פאָן, און צוצונעמען די סחורה פאַר זיין חוב. דאָן יוסף נשיא האָט דאָס אויך געטאָן. ער האָט אַרויסגע־שיקט באַוואָפנטע שיפן מיט מיליטער, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט די פראַנצויזישע דאַמפּערס ביים ברעג פון אַלעקסאַנדריע, זיי גענומען געפאַנגען און פאַרהאַלטן די גאַנצע סחורה פאַר זיין חוב. די פראַנ־צויזישע רעגירונג האָט זיך שטאַרק געקאָכט, האָט אָבער גאָרנישט

געקענט העלפן; זי האָט נאָר איבערגעריסן אירע ביזאהעריקע פריינט־לעכע באציונגען צו טערקיי.

דאָן יוסף האָט זיך אָפגערעכנט אויך מיט דער ווענעציאַנישער רעפובליק, וועלכער ער האָט נישט געוואָלט מוחל זיין, פאַרוואָס זי האָט אַמאָל אַריינגעזעצט אין תּפיסה זיין שוויגער חנה מענדעס, און אים אַליין האָט זי נישט געגעבן קיין דערלויבעניש דורכצופאָרן דורך איר לאַנד קיין טערקיי. לויט דאָן יוספס עצה, האָט דער סול־טאַן דערקלערט ווענעציע קריג, און ביי איר צוגענומען די אינזל צ י פ ע ר ן (קפריסין). ס'איז דאָ אַ סברה, אַז דער סולטאַן האָט דאַן מבטיח געווען יוספן צו מאַכן אים פאַר אַ קעניג איבער דער אינזל ציפערן, און אַז דאָן יוסף נשיא האָט זיך שוין געלאָזט צו־גרייטן אַ פאָן מיט דער אויפשריפט: „י ו ס ף, ד ע ר מ ל ך פ ו ן ק פ ר י ס י ן".

אַזוי איז די מאַכט פון דאָן יוסף נשיא אַלץ מער געוואַקסן, און דאָס האָט פיל מיגעהאָלפן צו דער אויפבליונג פון דעם יידישן מצב אין טערקיי. מיט דער שטיצע פון חנה מענדעסעס קאָלאָסאַלע קאַפּיטאַלן האָבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט צווישן די טערקישע יידן אינדוסטריע און האַנטווערקעריי. פיל פון זיי האָבן אין משך פון אַ קורצער צייט דערלאַנגט צו גרויס עשירות. פריי פון יעדן יאָך, נישט האָבנדיק אויף זיך קיין צוואַנג, האָבן די יידישע קהילות אין טערקיי אויפגעלעבט אויך גייסטיק. אויך דערין האָט זיך געפילט די האַנט פון חנה מענדעס. דורך אַלערליי מיטלען האָט זי געזוכט הייבן דעם יידישן גייסט. אויסער די ישיבות, וואָס זי האָט געגרינדעט, כּדי צו פאַרפעסטיקן דעם למוד־התורה, האָט זי געזאָרגט אויך פאַר דער העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור. זי האָט מקרב געווען צו זיך העברעישע דיכטער און פייטנים, פאַר וועלכע עס זענען געווען אָפן איר הויז און איר פאַרמעגן. מיט דעם אַליין האָט זי זיך נאָך אָבער נישט באַנוגנט. ווי מיר האָבן שוין פריער דערציילט, האָט זי זיך אין אירע לעצטע יאָרן אַרומגעטראָגן מיט אַ גראַנדיעזן פּלאַן, אין וועלכן זי האָט אַריינגעצויגן אויך איר גרויסן איידעם דאָן יוסף נשיא.

צוקוקנדיק זיך צום גליקלעכן לעבן פון די יידן אין טערקיי, האָט זיך ביי חנה מענדעס דערוועקט דער געדאַנק, אַז ס'וואָלט גוט געווען פאַר יידן צו שטרעבן צו זעלבשטענדיקייט. אין איר פאַנ־

סאַזיע האָט זיך געמאָלט די מעגלעכקייט פון אַ קליינער יידישער מלוכה. ווי געזאָגט, איז דער געדאַנק געוואָרן אונטערשטיצט אויך פון דאָן יוסף נשיא. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ער, נאָך זייענדיק אַן אנוס, זיך אַמאָל געווענדעט צו דער ווענע-ציאַנישער רעפּובליק מיט דער בקשה, צו פאַרקויפן אים איינע פון אירע אינזלען אויפן מיטללענדישן ים, צו באַזעצן דאָרט די יידן, וועלכע ווערן געטריבן פון לאַנד צו לאַנד. די ווענעציאַנישע רעפּוב-ליק האָט אָבער מדחה געווען זיין בקשה, נישט נעמענדיק אין אַכט די אומגעהויער גרויסע געלט-סומע, וואָס ער האָט איר אָנגעבאָטן אין נאָמען פון זיין שוויגער, דאָנאַ גראַציאַ מענדעס. איצט, נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן אַזוי גרויס און מעכטיק, האָט ער ביי זיך פעסט באַשלאָסן צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון אַ יידישער מלוכה, און צו מאַכן דעם אָנהייב פון דער שטאָט ט ב ר י ה מיט די זיבן דער-פער, וועלכע ער האָט באַקומען במתנה פון דעם סולטאַן סוליימאַן, מיט דער דערלויבעניש צו באַזעצן דאָרט בלויז יידן.

באַלד איז דאָן יוסף צוגעטרעטן צום איבערבוי און צו דער באַפעסטיקונג פון טבריה און דער גאַנצער אומגעגנט. די אָנפירונג מיט דער אַרבעט האָט ער איבערגעגעבן אַ יידישן פאַרוואַלטער, וועלכער האָט באַקומען זיין געהאַלט פון דער מלוכה. אויך איז אַרויס אַ קעניגלעכער באַפעל, אַז אַלע אַרומיקע אַראַבער מוזן קו-מען העלפן בויען די שטאָט, און דער, וואָס וועט זיך דערפון אָפּ-זאָגן, וועט שטרענג באַשטראָפט ווערן. נאָכדעם, ווי די מויערן אַרום דער שטאָט זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט דאָן יוסף פאַראָרדנט צו פלאַנצן דאָרט פאַבריקן אויף אויסצואַרבעטן זייד און וואָל און פאַרטיקע קליידער, ווייל ער האָט געשטרעבט צו מאַכן טבריה, וואָס געפינט זיך ביים ים-כּנרת, פאַר אַ צענטער פון אינדוסטריע אין ארץ-ישראל, כדי זי זאָל קענען קאָנקורירן מיט די ווענעציאַנער סוחרים און בעלי-מלאכות. אויף דעם אַלץ האָט דאָנאַ גראַציאַ מענ-דעס געשאָנקען מאַסן געלט, און דורך דעם געדאַנק, אַז מיט איר אונטערשטיצונג וועלן יידן דערלעבן צוריקצוקערן זיך צו אַ זעלב-שטענדיק פּאָליטיש לעבן, האָט זי זיך געפילט העכסט גליקלעך.

דאַן האָט דאָן יוסף נשיא פאַנאַנדערגעשיקט אַן אויפרוף צו אַלע יידן, וואָס ווערן געדריקט און פאַרפאָלגט אין די פאַרשידענע גלות-לענדער, זיי זאָלן אויסוואַנדערן אין הייליקן לאַנד און זיך באַזעצן

אין טבריה און אין איר אומגעגנט. באַזונדערס האָט דאָן יוסף אויפ־געפאָדערט צו קומען די בעלי־מלאכות און ערדאַרבעטער, וועלכע זאָלן קענען בויען און באַלעבן דאָס לאַנד. דער אויפרוף האָט גע־פונען אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון פיל יידן, און באַ־זונדערס ביי די אַרויסגעטריבענע פון די קאַטוילישע לענדער לויטן באַפעל פון די יידן־פיינטלעכע פויבסטן. דאָן יוסף נשיא האָט אַרויס־געשיקט זיינע שיפן צו די האַפנס פון ווענעציע און אַנקאָנאַ מקבל פנים צו זיין די אויסוואַנדערער און צו ברענגען זיי אין זיכערהייט אין דעם פאַר זיי באַשטימטן אָרט, כדי זיי זאָלן אין וועג נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די ים־רויבער. עס זענען געווען פאַלן, ווען פאַנאַטישע גלחים האָבן אָפּגעהיט אויפן ים די אַנטלאָפענע יידן און האָבן זיי געשליידערט פון די שיפן אין וואַסער אַריין. דאָן יוסף נשיא האָט דערפון געוואוסט, און דעריבער האָט ער באַצייטנס אַנגענומען אַלע געהעריקע מיטלען, אַז די, וואָס האָבן אויסגעוואַנ־דערט פון זייערע זיך־ערטער אויף זיין רוף, זאָל אין וועג קיין זאַך נישט פּאַסירן.

פון די וויכטיקסטע אויפטועכצן פון דאָנאַ גראַציאַ מענדעס איז באַקאַנט, אַז לויט איר איניציאַטיוו האָט דאָן יוסף נשיא געעפנט אין זיין בעלוועדערער שלאָס אַ העכערע שול פאַר לומדים מופלגים, וועלכע ער האָט אויסגעהאַלטן מיט אַלע זייערע באַדערפענישן. ער האָט אָנגעקויפט אַ סך זעלטענע כתב־ידן, וועלכע ער האָט געלאָזט קאָפּירן און פאַרשפּרייטן צווישן וואויללערנער. אויך האָט ער גע־עפנט אַ דרוק פאַר העברעישע ביכער. זיינע פּלענער וועגן אַ יידישער מלוכה האָבן זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן, ווייל אין מיטן פון דער צוגרייטונגס־אַרבעט איז אָפּגעשטאָרבן דער סולטאַן סעלים, און זיין זון, מוראַד דער דריטער, האָט שוין צו אים נישט אַרויסגעוויזן אַזויפיל התקרבות, ווי זיין פאָטער.

אינגיכן איז דאָנאַ גראַציאַ מענדעס געשטאָרבן, און אין אַ קורצער צייט אַרום אויך דאָן יוסף נשיא (2 אויגוסט 1579). ביידע זענען זיי געוואָרן שטאַרק באַוויינט און באַקלאָגט פון גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס האָט געזען אין זייער טויט די פאַרשווינדונג פון דעם אייביקן זיסן חלום וועגן אַן אייגענער יידישער מלוכה.

דער גייסט פון חנה מענדעס איז אָבער מיט איר טויט נישט אָפּגעשטאָרבן. ער איז איבערגעגאַנגען בירושה צו איר טאָכטער ר יי נ ע,

די אלמנה פון דאָן יוסף נשיא, וועלכע איז געווען אַ טרייער פּראָ־טאָטיפּ פון איר מוטער און איז געגאַנגען אין אירע דרכים. נאָך איר מאַנס טויט האָט זי אויסגעגעבן גאַנצע אוצרות מיט געלט אויף אויפצוהאַלטן דעם למוד־התורה, האָט געעפנט נייע דרוקן ביי איר אין שלאָס און אויך אין אַ דאָרף ביי קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין וועלכע עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף אירע הוצאות די ווערק פון די גרעסטע יידישע לומדים און געלערנטע. זי האָט זיך אַרומגע־רינגלט מיט די באַרימטעסטע תלמידי־חכמים פון איר צייט, וועמען זי האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו פאַרשפּרייטן די תורה אין פאָלק און שטיין אויף דער וואך פון די יידישע גייסטיקע אינטערעסן. אין די רום־דאָקומענטן פון דער יידישער געשיכטע איז דער נאָמען פון דאָן יוסף נשיאס אלמנה, ר ײ נ ע, געבליבן פאַרצייכנט מיט גאָלדענע אותיות צוזאַמען מיט דעם נאָמען פון איר גרויסער מוטער ד אָ נ אַ ג ר אַ צ י אַ מ ע נ ד ע ס, וועלכע איז געווען איינע פון די גרעסטע יידישע פרויען, נישט בלויז אין א י ר דור, נאָר אין אַלע דורות.

# ב י י ל ע  א ש כ נ ז י.

## I

אין איין צייט מיט דאָן יוסף נשיא האָט געשפּילט אין טערקיי אַ גרויסע ראָלע נאָך אַ צווייטער ייד, — ר׳ שלמה אשכנזי האָט ער געהייסן. דערדאָזיקער ר׳ שלמה האָט געשטאַמט פון איטאַליע, און איז לויט זיין פאַך געווען דאָקטאָר-מעדיצין. צוליב די יידישע רדיפות אין איטאַליע איז ער פון דאָרט אַוועק קיין פוילן, וואו ער איז געוואָרן דער לייב-מעדיק פון דעם קעניג זיגמונט אויגוסט. אין דעם פוילישן קעניגלעכן הויף האָט ער געהאַט די געלעגנהייט באַקאַנט צו ווערן מיט דער פּאָליטיק פון די פאַרשידענע מלוכות. אַ דאַנק זיין געזונטן, לאָגישן פאַרשטאַנד און פלינקן מוח, האָט מען אים וויפל מאָל צוגעצויגן צו געווויסע דיפּלאָמאַטישע באַראַטונגען און מען האָט זיך תמיד צוגעהערט צו זיינע עצות. דאָך איז ר׳ שלמה לאַנג אין פוילן נישט פאַרבליבן. די ידיעות וועגן דעם פרייען יידישן לעבן אין טערקיי האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, און האָבן אים באַוואויגן צו פאַרלאָזן זיין הויכע שטעלונג אין פוילן און אויס-צוּוואַנדערן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָרט איז ער באַלד געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער אין דער ווענעציאַנישער געזאַנדשאַפט, וועלכע האָט, אָנערקענענדיק זיינע אויסטערלישע שפּראַכקענטענישן און די-פּלאָמאַטישע פעאיקייטן, אים אויסגענוצט צו אַלערליי פּאָליטישע שליחותן. גראָד איז אין יענער צייט אויסגעבראָכן דער קריג צווישן טערקיי און ווענעציע וועגן דער אינזל ציפּערן, און ר׳ שלמה איז געוואָרן באַשטימט אַלס פאַרמיטלער צווישן דיביידע מלוכות.

ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט איז ר׳ שלמהן אויסגעקומען צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דעם טערקישן גרויס-וויזיר מאַכמעד סאָקאָל, וועמען ער איז באַלד פון דער ערשטער מינוט אָן שטאַרק געפעלן געוואָרן. ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט, און ר׳ שלמה האָט אַזוי פאַרשטאַנען צו באַאיינפלוסן דעם גרויס-וויזיר, אַז ער האָט אים געמאַכט פאַר זיין גאַנצן בעל-יועץ, אָן וועלכן ער האָט נישט געטאָן די מינדסטע זאַך. אינגיכן איז פאָרגעקומען אין אייראָפּע אַ וויכטיק פּאָליטיש געשעעניש, ביי וועלכן ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן ר׳ שלמהס דיפּלאָמאַטישער טאַלאַנט אין זיין גאַנצן גלאַנץ.

דער פוילישער קעניג זיגמונט אויגוסט, דער לעצטער פון די יאַגעלאָנער, איז געשטאָרבן (אין יאָר 1572) און האָט נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין זון אַלס טראָנפאָלגער. לויט דער דעמאָלסטיקער פוילישער קאָנסטיטוציע איז דער קעניג געוואָרן געקליבן דורך באַפולמעכטיקטע פון די מאַגנאַטן און שליאַכטשיצעס. דידאָזיקע וואַלאָרדינאַציע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע באַוועגונג אין די אייראָפּעישע קעניגלעכע הויפן. באַזונדערס האָבן זיך מיט דעם פאַראינטערעסירט דער דייטשער קייזער מאַקסימיליאַן דער צווייטער, און דער רוסישער קייזער איוואַן דער גרויזאַמער, אַ נאָענטער שכן פון פוילן. יעדערער פון זיי האָט געשטרעבט אַוועקצוזעצן זיין זון אויפן פוילישן טראָן. טערקיי, וועלכע איז דאַן געווען אַ גרויסמאַכט, האָט שטאַרק נישט געוואָלט, אַז פוילן זאָל האָבן פאַר אַ קעניג וועמען עס איז פון די אייראָפּעישע מלוכה-הויפן, און האָט אַגיטירט פאַר אַ פוילישן קאַנדידאַט פון די פירשטן פּאָטאָצקי. ר׳ שלמה, וועלכער האָט גרינטלעך געקענט דעם גייסט פון די פוילישע פּאָליטישע פירער, האָט אָבער געפונען פאַר גלייך צו אונטערשטיצן די קאַנדידאַטור פון דעם פראַנצויזישן פרינץ היינריך, און געווירקט אין דעם זין אויף דעם גרויס-וויזיר. בעת היינריך איז אין מאַי 1570 אויסגעוויילט געוואָרן כמעט איינשטימיק אַלס פוילישער קעניג, האָט אים דאַן ר׳ שלמה צוגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אים געשריבן צווישן אַנדערן: „זייט וויסן, אַז נאָר איך האָב אייך אַרויפגעזעצט אויפן פוילישן טראָן, און אַלץ, וואָס איז אין דער זאַך אָפּגעטאָן געוואָרן אין טערקישן הויף, האָט געשטאַמט פון מיין השתדלות”.

די קריסטלעכע אייראָפּע האָט זיך צוגעקוקט מיט גרויס שטוינען צו די גלענצנדע דיפּלאָמאַטישע דערפאָלגן פון דעם יידישן דאָקטאָר

ר׳ שלמה אשכנזי, וועלכער האָט אין נאָמען פון דער טערקישער רעגירונג געשלאָסן שלום מיט דער ווענעציאַנישער רעפובליק, און האָט געגעבן פוילן אַ קעניג. בעת ר׳ שלמה איז געקומען קיין ווע־נעדיג אונטערצושרייבן דעם שלום־אָפּמאַך, איז ער אויפגענומען גע־וואָרן פון דעם דאָרטיקן דוכס מיט קעניגלעכן כבוד.

נאָך דעם טויט פון דאָן יוסף נשיא איז ר׳ שלמה אשכנזי גע־וואָרן דער פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין טערקיי. ער האָט זיך נישט אַרומגעטראָגן מיט הויכע פּלענער וועגן דער צוקונפט פונם יידישן פאָלק, ווי דאָן יוסף נשיא; ער איז אָבער גע־שטאַנען אויף דער וואַך פון די יידישע אינטערעסן, און איז פאַר זיי געווען אַ מליץ־טוב ביי די סולטאַנען מוראַד דער דריטער און מאַכמעד דער פערטער. דער לעצטער איז געווען אַ קאַפּריזנער מושל און אַ שטיקל טיראַן דערצו, און ר׳ שלמהן איז אויסגעקומען אָנצו־ווענדן כלערליי דיפּלאָמאַטישע מיטלען, אום איינצוהיטן די טערקישע יידן פון זיינע ווילדע קאַפּריזן.

## II

ר׳ שלמה אשכנזי האָט געהאַט אַ געטרייע חברטע ביי דער זייט — זיין פרוי ביילע (אָדער בולה), וועלכע איז געווען אַ וואויל־געלערנטע מיט אַ רייכער ערודיציע אין וועלטלעכער בילדונג. אַזוי ווי איר מאַן, האָט זי אויך באַהערשט אייניקע שפּראַך און האָט זיך דערביי אויסגעצייכנט אַלס זעלטענע שיינהייט מיט אַ סך מעלות. זי האָט געשמט פאַר אַ גרויסע פּקחות, פאַר העכסט זיטלעך און טו־גענדהאַפט. זי האָט געהאָלפן ר׳ שלמהן טראָגן די שווערע לאַסט פון זיין הויכער פאַראַנטוואָרטלעכער שטעלונג ביים הויף. זי האָט אים געדינט אַלס ראַטגעבערין ביי אַלע זיינע דיפּלאָמאַטישע אונטערנע־מונגען. אין די טערקישע מלוכה־ספערן האָט מען עס גאַנץ גוט גע־וואוסט, און מ׳האָט זיך דאָרט דעריבער צו איר באַצויגן מיט פיל אַכטונג. זי איז געווען אויסגעבונדן מיט די פרויען פונם סולטאַנס

הארעם, וועלכע האָבן זיך צו איר פאַרהאַלטן מיט גרויס רעספעקט. זי האָט געוואוסט פון אַלע הויז-אינטריגעס, און איז אָפט געוואָרן אויסגעקליבן פאַר אַ פאַרמיטלערין צווישן די הויף-דאַמען, וועלכע האָבן זיך תמיד באַקעמפט אויס קנאה און שנאה. איר דאָזיקע נאָענטקייט צום קעניגלעכן שלאָס האָט זי ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אויסגע-נוצט לטובת דער יידישער באַפעלקערונג און באַזונדערס אין פאַלן, ווען די יידן האָבן זיך געפונען אין געפאַר צוליב אַ וועלכן עס איז קאַפּריז מצד דעם סולטאַן.

וועגן איינעם אַזאַ פאַל ווערט דערציילט פאָלגנדעס: דער בלי-ענדיקער מאַטעריעלער מצב פון די טערקישע יידן האָט געבראַכט דערצו, אַז פיל יידישע פאַמיליעס האָבן געלעבט אין גרויס עשירות, האָבן געוואוינט אין פרעכטיקע שלעסער און געפירט אַ פירשטלעכן שטאַט. זייערע פרויען זענען אָרויס געקליידט אין דעם בעסטן סאַ-מעט און זיידנס און מיט צירונג פון די טייערסטע בריליאַנטן און דימענטן. די טערקישע פרויען האָבן זיך דערצו נישט געקאָנט צו-קוקן גלייכגילטיק און די הערלעכע טואַלעטן פון די יידישע פרויען האָט זיי געשטאָכן ממש די אויגן. מ׳האָט אָנגעהייבן צו מורמלען, פריער אינדערשטיל און דערנאָך בגלוי, אַז די יידן דערווערבן זייער רייכטום נישט פון כשרע קוועלן, נאָר פון אומערלעכע מסחרים, וועלכע ברענגען דעם לאַנד פיל שאָדן. ביסלעכווייז זענען דידאָזיקע גע-שפּרעכן אָנגעקומען אין הארעם, און דאָרט האָבן דערפון דעם סול-טאַנס ווייבער געמאַכט אַ גרויסן פירוש. מען האָט דערציילט, אַז איינע אַ יידישע פרוי איז אַרויס אין גאַס, טראָגנדיק אויפן האַלז אַ מעדאַליאָן, איינגעפאַסט אין רובינען און שמאַראַגדן, וועלכע טרעפן אָן אָן ערך פערציק טויזנט גאָלדענע רענדלעך. די הארעם-פרויען האָבן זיך אין דעם אַזוי לאַנג געגריבלט, ביז דאָס איז דערגאַנגען צום סולטאַן. הערנדיק דאָס, איז דער סולטאַן געוואָרן אַזוי אויפגע-בראַכט, אַז אין אים האָט זיך דערוועקט דער ווילדער געדאַנק, אויס-צוהרגענען אַלע יידן. אין די הארעם-ספערן האָט מען שוין פון דעם געהאַט געפּלוידערט, ווי וועגן אַ באַשטימטער זאַך. געוויינלעך האָט זיך וועגן דעם באַלד דערוואוסט די פרוי פון ר׳ שלמה אשכנזי. עס איז תיכף צווישן די קאָנסטאַנטינאָפּאָלער יידן צונויפגעקליבן גע-וואָרן אַ ריזיקע געלט-סומע, מיט וועלכער ר׳ שלמה האָט משחד גע-ווען דעם סולטאַנס מוטער און יענע האָט געווירקט אויף איר ווילדן

זון מבטל צו מאַכן די גזרה. פון דעמאָלט אָן איז אָבער אַרויס אַ בעזעץ, אַז יידן און קריסטן טאָרן זיך נישט באַווייזן אין גאַס אין זיידענע קליידער, און אָנשטאָט צו טראָגן אויפן קאָפּ אַ טורבאַן, ווי די מאַכמעדאַנער, דאַרפן זיי גיין אין איינפאַכע היטלען.

נאָך ר׳ שלמהס טויט איז זיין אלמנה געבליבן מקורב מיט דעם הויף פון מאַכמעד דעם פערטן. אויך איר האָט דער טערקישער גרויס-וויזיר אָנגעטרויט די גרעסטע דיפּלאָמאַטישע סודות, און גאַנץ אָפט האָט ער זיך מיט איר באַראַטן אין וויכטיקע מלוכה-ענינים. שפּעטער האָט פּאַסירט אַ צופאַל, וועלכער האָט איר באַזונדערס באַליבט גע-מאַכט אין קעניגלעכן הויף. דאָס איז געווען בעת דער סולטאַן מאַכמעד איז קראַנק געוואָרן אויף פּאָקן, און די הויף-דאָקטוירים האָבן זיך נישט געקאָנט געפינען קיין עצה, ווי אים צו קורירן, און דערווייל האָט זיך זיין געזונט-צושטאַנד פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג. ר׳ שלמהס פרוי, וועלכע האָט אַ דאַנק איר הויכער בילדונג, געלערנט ביים פאַר-שטאָרבענעם מאַן די מעדיצין-וויסנשאַפט, האָט דאַן אָנגענומען אויס-היילן דעם סולטאַן מיט די מיטלען, וואָס זי האָט באַקומען בירושה פון איר מאַן. און אַזוי איז ווירקלעך געווען. איר מעדיצין האָט באַלד געווירקט, און דער סולטאַן איז נצול געוואָרן פון געפאַר. פון דעמאָלט אָן איז די אלמנה אשכנזי געוואָרן ביים סולטאַן זייער תקיף, און האָט תמיד ביי אים אויסגעפועלט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר פאַר-לאַנגט. זי איז געגאַנגען אין די דרכים פון חנה מענדעס, און האָט, ווי זי, איבערגעלאָזט נאָך זיך אין דער יידישער געשיכטע אַן אומ-פאַרגעסלעכן נאָמען.

# אסתּר קיידא.

## I

יענע גליקלעכע צייט פאַר די טערקישע יידן, וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט אין אונזערע פריערדיקע אַרטיקלען, האָט אַרויסגערוקט אויף דער פּאָליטישער אַרענע נאָך אַ יידישע פרוי, וואָס האָט מיט אירע אויסטערלישע נאַטירלעכע מעלות אַ לאַנגע צייט באַשטראַלט דאָס לעבן פון איר פאָלק. מיט דעם נאָמען פון דערדאָזיקער יידישער פרוי—א ס ת ר  ק י י ד א—האָט זי געהייסן—האָט געקלונגען ווייט און ברייט אין דער גאַנצער וועלט, און פאַר די, וואָס האָבן זי געקענט, איז זי געוועזן אַ סימבאָל פון איבערמענטשלעכער דערהייבנקייט און גרויסקייט.

נאָר ווייניקע פּרטים זענען פאַרבליבן באַקאַנט פון אסתּר קיידאס ביאָגראַפיע, באַזונדערס וועגן אירע יוגנט-יאָרן. מ׳ווייסט בלויז, אַז איר מאַן אליהו חנדאַלי איז געוועזן דער לייב-מעדיק פון דעם סולטאַן מוראַד דער דריטער, און אַז ער איז איר פרי אָפּגעשטאָרבן. די יונגע אלמנה האָט זיך דורך אירע זעלטענע אייגנשאַפטן קונה-שם געוועזן אין קעניגלעכן הויף און האָט זיך באַזונדערס געמאַכט באַליבט ביי דעם סולטאַנס מוטער, האַפאַ, אַן איטאַליענישע פרוי פון ווענעציע, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט מוראַד דעם צווייטן, און נאָך זיין טויט האָט זי אַלס רעגענטין פאַרטרעטן איר יונגן זון און אָנגעפירט מיט דער מדינה.

אין טערקיי האָבן פון תּמיד אָן די הויף-דאַמען געהאַט אַ גרויסע דעה אין דער רעגירונג, און אין האַרעם פלעגן ווערן באַ-

שלאָסן די פאַרשידענע מלוכה-ענינים. בעת דעם סולטאַנס מוטער האָט נאָך איר מאַנס טויט איבערגענומען די הערשאַפט איבערן לאַנד, האָט זי געמאַכט אסתר קיידאַן פאַר איר ראַטגעבערין, מיט וועלכער זי האָט זיך געעצהט ביי יעדער פּאָליטישער אָנגעלעגנהייט, און שטענדיק האָבן די מיינונגען און די עצות פון אסתר קיידאַן געבראַכט פאַרן לאַנד די גלענצנדסטע רעזולטאַטן. דורכדעם האָט אסתר באַקומען אַ געוואַלדיקע השפּעה אין הויף. מ'האָט זי צוגעצויגן צו אַלע געהיימע דיפּלאָמאַטישע זיצונגען, און אויך אין די אינעווייניקסטע פראַגן פון דער מלוכה האָט מען אָן איר נישט געטאָן דאָס קלענסטע. אין די ראַפּאָרטן, וועלכע די באָטשאַפטער פון די פאַרשידענע לענדער פלעגן ש־קן פון צייט צו צייט זייערע מלוכות וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין די העכסטע הויף־ספערן, פלעגן זיי יעדעס מאָל מודיע זיין אויך וועגן דעם אומגעהויער גרויסן איינפלוס פון דער יידישקע אסתר קיידא אויף דער פּאָליטיק פון טערקיי. טערקישע געשיכטע-שרייבער דערציילן, אַז איר השפּעה אויפן סולטאַנס מוטער האָט דערלאַנגט אַזוי ווייט, אַז ווען אַ קריסטלעכע מלוכה האָט עפּעס געוואָלט אויספירן ביי טערקיי, האָט זי געמוזט געווינען פאַר זיך די יידישע פאַרמיטלערין אסתר קיידא. זי האָט אויך אויסגעטיילט די פאַרשידענע וויכטיקע רעגירונגס-שטעלעס. יעדערער, וואָס האָט געהאַט חשק צו אַ הויכן מלוכה-פּאָסטן, האָט זיך געמוזט חנפענען צו אסת־ן, אָפּגעבן איר גרויס כבוד, און גאַנץ אָפט אויך אָפּשיטן איר מיט קאָלאָסאַלע געלט-סומען.

אסתר קיידא האָט אָבער איר רייכטום נישט אויסגענוצט פאַר זיך, נאָר פאַר אירע גלויבנס-ברידער. האָבנדיק אַ הייס יידיש האַרץ, האָט זי צעטיילט איר עשירות צווישן אָרעמע און ליידנדע, צווישן עלנדע און אומגליקלעכע. איר הויז איז געווען אָפן פאַר אַלע פאַרפאָלגטע און גערודפטע יידן. אַרויסגעטריבענע פון אַלערליי לענדער האָבן ביי איר געפונען שוץ און היכף.

אַ באַזונדער התקרבות האָט אסתר קיידא אַרויסגעוויזן יידישע געלערנטע און שריפטשטעלער, וועלכע האָבן זיך אַרום איר גרופּירט און געמאַכט איר הויז פאַר אַ צענטער פון חכמה און וויסנשאַפט. אסתר קיידא האָט ליב געהאַט זיך אַרומצורינגלען מיט תלמידי-חכמים און ליטעראַטן, און האָט זיך געלאָזט קאָסטן פיל געלט אויף אַרויסצוגעבן זייערע ווערק. צווישן אַנדערן איז מיט איר שטיצע געוואָרן

פאַרעפנטלעכט דאָס באַוואוסטע געשיכטס-בוך „ספר היוחסין" פון ר' אברהם זכותא.

אינטערעסאַנט איז אסתר קיידאס באַציונג צו דעם אין יענער צייט באַרימט געוועזענעם היסטאָריקער ר' שמואל שולם, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן מיט זיינע הוספות דעם אויבנדערמאָנטן „ספר היוחסין". דערדאָזיקער היסטאָריאָגראַף שרייבט אין זיין הקדמה צום דערמאָנטן ווערק פאָלגנדעס:

„ס'איז געווען באַשערט פון גאָט, עס זאָל דערוועקט ווערן דורך מיר דער גייסט פון דער גרויסער יידישקע, די באַרימטע אשת-חיל מרת אסתר, די פרוי פון דעם אומעטום געאַכפּערטן מאַן ר' אליהו חנדאלי. דאָס איז אַ גאָטספאָרכטיקע פרוי, אַ קלוגע פרוי, אַ גרויסע פרוי, גרויס אין אירע מעשים, און שיינט ווי די ליכטיקע זון. פון דער גאַנצער וועלט קלויבן זיך צו איר אָרעמע און גע-דריקטע. און וואו נאָר אַ מענטש מיט אַ שווער, פאַרביטערט הארץ. יעדן טאָג קענט איר געפינען ביי איר טיש אלמנות און יתומים, וועלכע זי האָלט אויס מיט אַלע זייערע באַדערפענישן. נישט פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע פאַרווענדט זי אירע אוצרות געלט, און אַל-דאָס גוטע, וואָס זי טוט, טוט זי אין דער שטיל, די עפנטלעכקייט זאָל דערפון נישט וויסן. בעת ס'איז געוואָרן אָנערקענט אויף אַ זיצונג פון גרויסע חכמים, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן ביי איר אין שטוב, אַז ס'וואָלט געווען אַ יושר אַרויסצוגעבן דעם „ספר היוחסין", און מ'האָט באַרירט אין געשפּרעך די געלטפראַגע, האָט זי זיך אָפּגערופן צו מיר: „אָט נעמט און גיט אַרויס דאָס בוך, און די דרוק-קאָסטן וועל איך שוין געבן".

## II

די טערקישע סולטאַנען זענען לאַנג נישט פאַרבליבן ביי זייער מאַכט, וועלכע האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף גאַנץ איראָפּע. די ביי ע סולטאַנען האָבן איבערגעגעבן די רעגירונג אין די הענט פון

די גרויס-וויזירן, און זיי אַליין האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין הויזטאָ-סטווע און אויסגעלאַסנקייט. אַזעלכער איז געווען אויך דער סולטאַן מוראַד דער דריטער. אין זיינע צייטן האָט שוין טערקיי געצוימען אינערלעך פוילן. די מענטשן, אָפּלערנענדיק פון זייערע פירער, זענען מאָראַליש טיף געפאַלן. ביי אַזאַ מצב איז שוין קיין וואונדער נישט, ווען אַזאַ טוגנדהאַפטע פרוי, ווי אסתר קיידא, האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט נישט אין איר ספערע. זי האָט נאָך, אמת, איר איינפלוס אין הויף נישט פאַרלוירן און איר דעה האָט נאָך אין אַלע מלוכה-ענינים געגאָלטן, ווי פריער. זי האָט אָבער דערשפּירט, אַז די באַציונג צו איר איז שוין נישט די, וואָס געווען וואוהין זי האָט זיך געווענדעט, האָט מען איר געשטאָכן מיט בליקן פון קנאה. עס האָבן זיך געפונען פיל, וועלכע האָבן מקנא געווען די יידישע פרוי פאַר דער הויכער שטעלונג, וואָס זי פאַרנעמט אין טערקישן הויף, און פון פאַרשידענע זייטן האָט מען זיך באַמיט צו פאַרשוואַרצן זי אין די אויגן פון דעם סולטאַן דורך אַלערליי מסירות. מ׳האָט זי פאַר-מסרט, אַז זי פאַרקויפט פאַר געלט די טערקישע מלוכה, אַז זי זוכט נאָר אונטערצוברענגען טערקיי און צו מאַכן פון איר אַ תל. דערביי האָט מען געבראַכט באַווייזן פון אירע פּאָליטישע באַציונגען צו דער ווענעציאַנישער רעפּובליק, מיט וועלכער זי האָט כסדר אונטער-געהאַנדלט אין נאָמען פון דער אַלטער סולטאַנשע, און עס איז ווירקלעך געווען דער פאַל, ווען דער ווענעציאַנישער באָטשאַפטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט פאַרגעלייגט זיין רעגירונג, זי זאָל צו-שיקן מתנות נישט בלויז פאַר דער סולטאַנשע אַליין, נאָר אויך פאַר איר יידישער חברטע און פריינדין אסתר קיידא, וועלכע שפּילט אין דער טערקישער פּאָליטיק אַ גרויסע ראָלע. אין הויף האָט מען אָבער די אַלע מסירות נישט גענומען אין אַכט, און די באַציונגען מצד דעם הויף צו אסתר קיידא זענען פאַרבליבן דיזעלבע, וואָס געווען.

אסתרס שונאים זענען אָבער נישט געבליבן זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און האָבן נישט אויפגעהערט צו זוכן און אויסצוגעפינען די בייטיקע מיטלען, ווי אַזוי זי צו באַזייטיקן. מען האָט אויף איר גע-לויערט אויף שריט און טריט, מען האָט נאָכגעשפּיאָנירט אַלע פּער-זאָנען, מיט וועלכע זי שטייט אין פאַרבינדונג, מ׳האָט חוקר ודורש געווען, ווי אַזוי זי טיילט אויס די פאַרשידענע שטעלעס אין דער מלוכה, און באַזונדערס אין מיליטער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט

און אירע קעגנער האָט זיך איינגעגעבן „אונטערצושטעלן איר אַ פיסל", און דאָסמאָל האָבן זיי געבראַכט צו רעזולטאַטן, וועלכע האָבן איבערגעשטיגן זייערע דערוואַרטונגען. די זאַך האָט פּאַסירט אויפן פאָלגנדן אופן:

אין אַ געוויסן טאָג איז אסתר קיידאַן אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אין אַ מלוכה-באַראַטונג, אין וועלכער עס איז באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן באַשטימען הויכע רייטער-אָפיצירן פאַר גענעראַלן. גראָד איז זי אויף יענער זיצונג נישט נעמונג פאָרזיכטיק געווען און האָט אַרויסגעזאָגט איר מיינונג, וועלכע איז אויך תיכף אָקצעפּטירט געוואָרן, אַז מ'זאָל אַ געוויסן גענעראַל דערווייטערן פון פּאָסטן און אָפּגעבן זיין שטעל אַן אַנדער גענעראַל. מ'האָט עס באַלד אָפּגעטראָגן דעם אָפּגעזאָגטן גענעראַל, וועלכער איז אויף אסתרן שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן, און נישט קלערנדיק פיל, האָט ער זיך אין דער באַגלייטונג פון זעלנער אַריינגעריסן אין דער יידישער גאַס. דאָרט איז ער באַפאַלן אסתרס הויז און האָט אַלעמען, און זי אַליין אויך, אויסגעהרגעט. פון איר גאַנצער פאַמיליע האָט ער איבערגעלאָזט נישט מער ווי איין קליין יינגעלע, וועלכן מען האָט שפּעטער אָפּגעשמדט, און געמאַכט אים פאַר אַ טערק.

אָט אַזאַ ביטערן סוף האָט געהאַט די גרויסע יידישע פרוי אסתר קיידא, וועלכע איז שטאַרק באַוויינט געוואָרן פונם גאַנצן יידישן פאָלק. די מזרח-יידן האָבן איר נאָמען אַרומגעשפּונען מיט אַלערליי פאַנטאַסטישע לעגענדעס, וועלכע ווערן דאָרט איבערגעגעבן פון דור צו דור ביזן היינטיקן טאָג.

# הענריעטע הערץ.

## I

הענריעטע הערץ, וועלכע האָט אין די צייטן פונם דייטשן קעניג פרידריך דעם גרויסן — דאָס איז געווען סוף אכצנטן און אָנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט — געשפּילט אַן אויסטערלישע ראָלע אין דער בערלינער הויכער געזעלשאַפט, איז געבוירן געוואָרן אין בעל־ן דעם 5־טן סעפּטעמבער 1764. איר פאָטער, אַ דאָקטאָר מעדיצין מיטן נאָמען בנימין דע־לאַמאָס, האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער העכסט־אַריסטאָקראַטישער יידישער פאַמיליע, וועלכע האָט אויסגעוואַנדערט קיין האַמבורג. אין דער יוגנט האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ שיין מיידל, די טאָכטער פון אַ פרומען יידישן באַלעבאָס אין בערלין, און האָט מיט איר געוואָלט חתונה האָבן. אין יענער צייט האָבן אָבער די אשכנזישע יידן געפונען פאַר פחיתת־הכבוד זיך משדך צו זיין מיט יידן פון ספרדישער אָפּשטאַמונג. דעריבער איז בנימין דע־לאַמאָס געווען געצוואונגען צו אַנטלויפן מיט זיין געליבטער און חתונה האָבן מיט איר אָן דעם הסכם פון אירע עלטערן.

אַ יאָר נאָך דער חתונה האָט זיך דאָס פּאָרפאָלק באַזעצט אין בערלין. הענריעטע איז געווען זייער ערשט קינד. גאַנץ פרי האָבן זיך שוין אַרויסגעוויזן אירע זעלטענע מעלות. פון פאָטער האָט זי איבערגענומען די הויכע אינטעליגענץ, דעם שאַרפן שכל און דעם גרויסן חשק צו בילדונג, און פון דער מוטער — די שיינע געזיכטס־ציגן, די גראַציעזע באַוועגונגען, די גוטהאַרציקייט און איידלקייט פון געמיט מיט דער אייזערנער ענערגיע. איר שפּאַנישער טיפּ האָט זי געמאַכט זייער רייצנד און צוגעצויגן צו איר די אַלגעמיינע

אויפמערקזאַמקייט. די בערלינער יידן פלעגן זי תמיד איינלאַדן צו באַשיינען זייערע שמחות. מען דערציילט, אַז ווען די פּרינצעסין אַמאַליאַ, די שוועסטער פון פרידריך דעם גרויסן, האָט אַמאָל סוכּות באַזוכט אַ רייכן יידן ביי אים אין סוכּה, האָט מען איר דאָרט פאָר-געשטעלט די קליינע הענריעטע, אַלס איינע פון די שענסטע צי-רונגען פון דער בערלינער געמיינדע. מ'האָט אַמאָל אויך אויף אַ רייכער יידישער חתונה פאָרגעשטעלט הענריעטען פאַר דער קעניגין אולריקאַ, וועלכע האָט דאָס קינד זייער באַוואונדערט.

דערביי באַמערקן אָבער הענריעטעס ביאָגראַפן, אַז די באַוואונ-דערונג, וואָס מ'האָט איר אַרויסגעוויזן פון אַלע זייטן אין איר קינד-הייט, האָט אין איר גאַנץ פרי אַרויסגערופן דאָס געפיל פון שטאָלץ און דעם פאַרלאַנג אַריבערצושטייגן אַנדערע. די קאָמפּלימענטן, מיט וועלכע מ'האָט איר כּסדר באַשאָטן, און די שטענדיקע חנדלעך אפילו מצד דערוואַקסענע מענער, פון וועלכע זי איז געווען באַזונדערס צע-פרידן, האָבן זי ממש פאַרשיכּורט און געווירקט אויף איר נישט צום גוטן. אירע עלטערן, וועלכע האָבן אין אַלע אַנדערע פּרטים זי דער-צויגן יידיש-רעליגיעז, זענען אָבער ווי פאַרבלענדט געוואָרן בנוגע דעם פּרט פון דער קינדער-דערציונג. זיי האָבן זי קינדווייז צופיל אַרויסגעפירט אין דער עפנטלעכקייט, זיי האָבן נישט אויסגעלאָזט קיין פייערונג ביי דער אָנוועזנהייט פון די העכסט-אָנגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן, צו וועלכער זיי האָבן נישט געבראַכט די קליינע הענריעטען צו באַצויבערן דעם פאַרזאַמלטן עולם מיט איר שפּילן קלאַוויר, אָדער מיט איר טאַנצן. אַזויאַרום איז זי באַטראַכט גע-וואָרן אין בערלין אַלס וואונדערקינד. דאָס מיידל האָט עס גאַנץ גוט געוואוסט און האָט מיט דעם שטאַרק שטאָלצירט.

בעת הענריעטע האָט אָנגעהייבן צו באַזוכן די שול און האָט זיך צוליב דעם באַוויזן אין גאַס עטלעכע מאָל טעגלעך, איז איר תמיד נאָכגעלאָפן די בערלינער יוגנט, וועלכע האָט זיך עפּעס ווי נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט איר שיינקייט. נעמענדיק דאָס אין אַכט, האָבן זי די עלטערן אָפּגענומען פון דער שול און זי געלאָזט בילדן אינדערהיים. דאָרט האָט מיט איר דער פאָטער אַליין געלערנט און באַרייכערט אויף אַזויפיל אירע קענטעניש, אַז נאָך זייענדיק גאַנץ יונג, האָט זי שוין געשמט פאַר העכסט געבילדעט. באַזונדערס האָט

מען זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון אירע פעיקייטן צו שפּראַכן. זי האָט גערעדט פליסיק צ ע ן שפּראַכן, און איז געווען באַהאַוונט אין די גאַנצער וועלט-ליטעראַטור.

## II

אין יענער צייט איז געווען מפורסם אין בערלין אַ יונגער יידישער דאָקטאָר—מ אַ ר ק וּ ס ה ע ר ץ האָט ער געהייסן. דער דאָזיקער דאָקטאָר, איינער פון די גייסטרייכסטע מענטשן אין דייטשלאַנד, אַ תּלמיד מובהק און צוגלייך אויך דער בעסטער חבר פון דעם גרויסן פילאָזאָף משה מענדעלסאָן, איז געווען דער אויבער-אַרצט אין דעם בערלינער יידישן שפּיטאָל; דערצו האָט ער אויך געשמט אַלס פּראָפעסאָר פון עטלעכע זייער וויכטיקע פילאָזאָפישע ווערק און פון אייניקע סאַטי-רישע ספרים. די פאָרלעזונגען וועגן מעדיצין און פילאָזאָפיע, וועלכע ער פלעגט אָפּט האַלטן אין דעם בערלינער אוניווערזיטעט, האָבן תּמיד צוגעצויגן אַ גרויסן עולם נישט בלויז פון סטודענטן, נאָר אויך פון די העכסטע פּערזענלעכקייטן פון דער רעזידענץ, און אָפּטמאָל אויך פון מיטגלידער פון דער קעניגלעכער פאַמיליע.

דער דאָזיקער גרויסער געלערנטער האָט זיך פאַרליבט אין הענ-ריעטען, בעת זי איז נאָך ערשט געווען אַ מיידל פון צוועלף מיט אַ האַלב יאָר! נישט געמענדיק אין אַכט דאָס, וואָס דאָקטאָר הערץ איז מיט זיבעצן יאָר עלטער פאַר העגריעטען, האָבן פונדעסטוועגן אירע עלטערן נישט פיל געקלערט און מסכים געווען אָפּצוגעבן פאַר אים זייער טאָכטער. מיט איר אַליין, מיט הענריעטען, האָט מען וועגן דעם קיין גרויסן ישוב-הדעת נישט אָפּגעהאַלטן. עס איז אָבער גע-וואָרן באַשלאָסן, אַז דאָקטאָר הערץ זאָל נאָך וואַרטן צוויי און אַ האַלב יאָר און זאָל חתונה האָבן מיט הענריעטען, בעת זי וועט ווערן פופצן יאָר אַלט.

לויט די זכרונות, וואָס הענריעטע הערץ האָט אויף איר עלטער געשריבן, ווייזט זיך אַרויס, אַז די צייט פון איר כלהשאַפט האָט זי

נישט איבעריקנס פרייליך פאַרבראַכט. יעדן אָוונט פלעגט זי דאַרפן זיצן ביים טיש און צוקוקן זיך, ווי איר חתן שפּילט מיט אירע עלטערן אין קאָרטן, און דאַסדאָזיקע צוקוקעניש איז איר געווען זייער לאַנגווייליק. באַזונדערס אָבער פלעגט זי האָבן פאַרדרוס פון דעם, וואָס דער חתן, בעת ער רעדט וועגן איר, רופט זי אָן נאָר „דאָס קינד", בעת איר האָט זיך שטאַרק געוואָלט, מען זאָל זי שוין האַלטן פאַר אַ דערוואַקסענע.

דעם 1-טן דעצעמבער 1779 איז געווען העגריעטעס חתונה. די נאַכט פריער האָט זי זייער אומרואיק צוגעבראַכט; זי האָט מיט אַן אויג נישט צוגעמאַכט, און אויף מאָרגן איז זי אויפגעשטאַנען שטאַרק אומעטיק. „דער געדאַנק—אַזוי האָט זי פאַרצייכנט אין אירע זכרונות—אַז איך דאַרף פאַרלאָזן מיין פאַמיליע, און באַזונדערס דעם פאָטער, צערייסט מיך אויף שטיקער. קיין בליק אין דער צוקונפט, וואָס דערוואַרט מיך, איז נישט געווען ביכולת ליכטיקער צו מאַכן דעם חושך אין מיין נשמה. ווי וואָלט מיר אין אַן אַנדער צייט דערפרייט דאָס שיינע, מיט רויזן באַפּוצטע חופּה-קלייד פון ווייסן אַטלאַס, וועלכעס מען האָט מיר באַלד אינדערפרי געבראַכט! איך האָב עס אָבער באַטראַכט גלייכגילטיק, איך האָב עס מיך געלאָזט מעכאַניש אָנטאָן, און האָב עס באַנעצט דורך מיינע טרערן-שטראָמען. דער חתן איז געקומען, עס האָבן זיך צונויפגעקליבן די געסט. מיין געדאַנק איז אָבער געווען פאַרנומען מיט מיר אַליין. אָט דערנענטערט זיך שוין די שעה פון דער חופּה. איך מוז מיך פרואוון נאָכאַמאָל רעדן מיטן פאָטער. דאָס האָט זיך מיר איינגעגעבן. אין יענעם אויגנבליק האָבן מיינע ליפּן קיין אַנדער אויסדרוק נישט געפונען, ווי נאָר צו בעטן דעם פאָטער, אונטער הייסע טרערן, ער זאָל מיר איצט, פאַר דער חופּה, מוחל זיין פאַר דעם, וואָס איך האָב אים מצער געווען און זאָל מיך בענטשן... ער האָט עס געטאָן. ער האָט מיך ווייַנענדיק אַרומגענומען און מיר דורך אַ וואונק געהייסן גיין, זאָגנדיק דערביי מיט אַ האַלב פאַרשטיקטער שטים: „קינד, ברעך מיר נישט דאָס האַרץ!"

און העגריעטע פאַרענדיקט:

„איך וועל דידאָזיקע ווערטער ביז מיין לעצטן אָטעם-צוג הערן".

נישט גליקלעך האָט זיך העגריעטע געפילט נאָך איר חתונה. געבראַכט דערצו האָט, אויסער דעם גרויסן אונטערשיד אין די יאָרן פון מאַן און ווייב, אויך דאָס, וואָס דאָקטאָר הערץ, אַלס גרויסער

געלערנטער, איז תמיד געווען פאַרנומען מיט אַבסטראַקטע ענינים, און אים איז אין קאָפּ נישט געלעגן די צאַרטע געפילן פון זיין כמעט קינדישער ווייב. יעדע צערטלעכקייט מצד דער יונגער פרוי האָט ער קאַלט אויפגענומען, באַטראַכטנדיק עס פאַר אַ קינדערשפּיל. וואָלט עס געטראָפן אַן אַנדער פרוי, וואָלט עס אפשר געפירט צו אַ גט. העגריעטע האָט אָבער פאַר זיך געפונען טרייסט אין בילדונג. זי האָט זיך נאָר פונדאַסניי גענומען צום לערנען און איר לערער איז נישט געווען קיין אַנדערער, ווי איר מאַן. העגריעטע האָט זיך דערביי אַרויסגעוויזן פאַר אַן אויסגעצייכנטער שילערין. זי האָט מיט גרויס התמדה געלערנט די פילאָזאָפיע פון מענדעלסאָנען און נאָכמער די פילאָזאָפישע מעטאָדן פון קאַנטן, וואָס איר מאַן איז געווען איינער פון זיינע גרעסטע אָנהענגער. ביסלעכווייז האָט זיך העגריעטע דע־וואָרבן אַ גרויסע וויסנשאַפטלעכע ערודיציע. זי האָט גערעדט דייטש, פראַנצויזיש, ענגליש, שפּאַניש, איטאַליעניש, דעניש און לאַטיין. זי האָט אויך געקאָנט לעזן און שרייבן העברעיש און געווען קלאָר אין תנ״ך. שפּעטער האָט זי זיך גענומען לערנען טערקיש און האָט געהאַט אַ שטיקל ידיעה אויך אין סאַנסקריטיש. זי איז געווען באַהאַוונט אין אַלע קלאַסיקער, און מיט אירע מיינונגען וועגן ליטעראַטור האָבן זיך גערעכנט די גרעסטע שריפטשטעלער און קריטיקער פון איר צייט.

## III

נאָך איידער ד״ר הערץ האָט חתונה געהאַט, פלעגט זיין הויז תמיד באַזוכט ווערן פון זיינע פיל פריינט און באַקאַנטע, ווייל אַ חוץ זיין באַרימטער וויסנשאַפטלעכער רעפּוטאַציע, האָט ער אויך גענשמט אַלס העכסט אינטערעסאַנטער פלוידערער און שאַרפער וויצלינג. דעריבער פלעגן ביי אים, אין זיינע אויפנאַמס־טעג, זיין פול מענטשן, וועלכע האָבן געפילט אַ באַזונדער נחת־רוח צו פאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפט. מיט העגריעטעס אָנקומען איז די צאָל באַזוכער

נאָך אַ סך גרעסער געוואָרן, און צווישן זיי אויך די פּראָמינענטסטע פּערזענלעכקייטן פון דער בערלינער אַריסטאָקראַטיע, נישט בלויז די יידישע, נאָר אויך די קריסטלעכע. הענריעטעס סאַלאָן איז געוואָרן דער צענטער פון די גרעסטע געלערנטע און פּאָליטיקער, קינסטלער און פילאָזאָפן, זשורנאַליסטן און שריפטשטעלער. הענריעטעס פּאָפּולאַריטעט האָט דערגרייכט אויך קיין אויסלאַנד. און קיין פראַנצויזישער און ענגלישער געלערנטער, וועלכער איז דורכגעפאָרן בערלין, האָט נישט אויסגעמיטן הענריעטעס סאַלאָן. ווי הענריעטע אַליין דערציילט אין אירע זכרונות, פלעגט, למשל, דער גרעסטער פראַנצויזישער פּאָליטיקער און רעדנער פון יענער צייט, מ י ר א ב א, זיין איר גאַסט יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אַראָפּפאָרן קיין בערלין אין געהיימע פּאָליטישע מיסיעס, און פאַרברענגען מיט א י ר מער, ווי מיט איר מאַן. גאַנץ אָפט פלעגט איר באַזוכן אויך דער באַרימטער דייטשער דראַמאַטורג יאָאַן יאַקאָב ענגעל, דער געוועזענער לערער פונם דעמאָלטיקן קרוינפּרינץ און שפּעטערדיקן קייזער פון פּרייסן, פרידריך ווילהעלם דער דריטער, וועלכער פלעגט נישט זעלטן מיטברענגען מיט זיך זיין קעניגלעכן תלמיד, כּדי צו באַקענען אים אין איר סאַלאָן מיט די גרעסטע וועלט-באַרימטהייטן. איינער פון הענריעטעס שטענדיקע באַזוכער, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן פון אירע אינטימסטע פריינט, איז געווען אויך דער באַדייטנדסטער נאַטורפאָרשער אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט. דעמדאָזיקן גרויסן געלערנטן האָט הענריעטע אויסגעלערנט העברעיש, און אַ געוויסע צייט האָט ער מיט איר קאָרעספּאָנדירט אין העברעיש און יידיש.

באַטראַכטנדיק הענריעטעס סאַלאָן, האָט מען געקאָנט פון אים אַרויסטראָגן דעם איינדרוק, אַז דער פון קדמונים אָן הערשנדער אַנטאַגאָניזם צווישן קריסטן און יידן איז שוין לאַנג אַוועק, ווי רויך, און די מענטשן האָבן זיך מיט אָן אַנדער פאַרברידערט. און באמת וואָלט דערדאָזיקער סאַלאָן געווען זייער עלול משפיע צו זיין אויף דער קריסטלעכער וועלט, אומצואַנדערשן איר ביזאהעריקע פיינטלעכע באַציונג צום יידישן פאָלק און אָנערקענען אים אַלס גלייכבאַרעכטיקטן מיטגליד פון דער אַלגעמיינער פעלקער-משפחה. ליידער, האָט עס אָבער די גייסטרייכע הענריעטע נישט פאַרשטאַנען און אויך נישט געוואָלט, ווייל זי האָט נישט געגלויבט אין דער צוקונפט פונם יידישן פאָלק, און צו דער יידישער אמונה האָט זי זיך באַצויגן גאַנץ

אינדיפערענס. איר פריינטשאַפט מיט די קריסטלעכע הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן האָט זי אויסגענוצט פאַר זיך אַליין, אַלס מיטל צו שטילן איר דורשט נאָך פאַרגעניגנס, פיזישע און גייסטיקע.

ביסלעכווייז האָט הענריעטעס סאַלאָן אָנגעהייבן באַקומען אַ גאַנץ אַנדער פּנים. צווישן דעם שטענדיקן עולם, וועלכער פלעגט באַזוכן איר סאַלאָן, אום זיך גייסטיק צו דערפרישן דורך די באַגעג־נישן מיט די גרעסטע וועלט־פּערזענלעכקייטן, האָט זיך גענומען אַריינמישן אַ נייער עלעמענט — קריסטלעכע לעבע־מענער, וועמענס ציל עס איז געווען, נאָר צו באַקענען זיך מיט שיינע און באַגאַבטע יידישע פרויען, און אַראָפּפירן זיי דערנאָך פון וועג. אַלס ערשטער קרבן פון דיזאָזיקע לייט איז געפאַלן הענריעטע אַליין, און זי האָט שוין נאָכדעם נאָכגעשלעפּט נאָך זיך אויך אַנדערע שיינע און גייסט־פולע יידישע טעכטער.

# IV

דער ערשטער, וועלכער האָט זיך אַריינבאַקומען אין הענריעטעס סאַלאָן מיט דעם איינציקן צוועק צו פאַרפירן די בערלינער יידישע פרויען, איז געווען דער באַרימטער שריפטשטעלער און פּאָליטישער עסקן פון יענער צייט פ ר י ד ר י ך פ אָ ן ג ע נ ץ. דערדאָזיקער פּראָמי־נענטער קריסט איז געווען באַשאָנקען מיט אַלע פיזישע מעלות, וועלכע זענען מסוגל לייכט צו פאַנגען פרויען־הערצער. זייער שיין, עלעגאַנט און דזשענטלמעניש, האָט ער באַלד באַצויבערט די באַלעבאָסטע פון סאַלאָן, הענריעטען אַליין, וועלכע האָט אים ממש פאַרגעטערט. דורך דער אי־ניציאַטיוו פון דעמדאָזיקן גענץ האָט זיך אין אַ קורצער צייט אַרום גע־בילדעט צווישן די באַזוכער פון הענריעטעס סאַלאָן אַ פאַריין אונטער דעם נאָמען „טוגנד־בונד", וועלכער האָט זיך געשטעלט אַלס ציל, אַז ביידע געשלעכטער, מאַנסביקן און פרויען, זאָלן איינער דעם אַנדערן אַרויסזאָגן זייערע געפילן אָפנהאַרציק, זיי זאָלן אַראָפּוואַרפן פון זיך די בושה און נישט אַכטן אויף מאָראַל. הענריעטען איז דאָס

שטאַרק געוואָרן געפּעלן, אין זי האָט זיך די ערשטע געלאָזט פאַר־פירן. נאָכדעם האָט זי געזוכט צו פאַרפירן אירע חברטעס, און באַזונדערס די, וועלכע האָבן שוין געהאַט מענער מיט קינדער, ווי מענדעלסאָנס טאָכטער, די באַרימטע דאָראָטעאַ, און ווי די זייער וויכטיקע יידישע פרוי רחל לעווין, און איר אייגענע זעלטן שיינע שוועסטער, ברענאַ. דידאָזיקע וואוילגעלערנטע און העכסט באַגאַבטע יידישע פרויען האָט הענריעטע צונויפגעפירט מיט קריסט־לעכע שריפטשטעלער און געלערנטע, צוליב וועלכע זיי האָבן זיך שפּעטער געטויפט, ווי מיר וועלן דערציילן אין אַן אַנדער אָרט.

באַזונדערס אינטים איז הענריעטע געווען מיט דעם באַרימטן דייטשן טעאָלאָג שלייערמאַכער. זיי האָבן צוזאַמען געלייענט די גריכישע קלאַסיקער און אויך צוזאַמען געלערנט. דערביי האָט אים הענריעטע פיל געהאָלפן אין זיינע טעאָלאָגישע ווערק. צוערשט האָט זיך הענריעטע שטאַרק געחברט מיט אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדטס יינגערן ברודער, ווילהעלם, אויך אַ גרויסער געלערנטער און פּאָלי־טיקער. נאָכדעם אָבער, ווי ער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדע־רער און האָט זי איינגאַנצן פאַרגעסן, האָט זי זיך איבערגעגעבן שלייערמאַכערן, וועלכער האָט איר זייער געליבט. זי האָט אים אפילו יעדעס מאָל באַגלייט אין קלויסטער, וואו ער פלעגט האַלטן זיינע דרשות וועגן גאָט און רעליגיע.

מיט אַ צייט פריער, איידער הענריעטעס סאַלאָן איז אַזוי שטאַרק מפורסם געוואָרן אין דער וועלט, איז געקומען קיין בערלין אַלס זיבעצניעריק בחורל דער שפּעטער גרויסגעוואָרענער דייטשער שריפט־שטעלער לודוויג בערנע, וועלכן דאָקטאָר מאַרקוס הערץ האָט אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, און אים אויסגעהאַלטן מיט אַלע זיינע באַדערפענישן. דער יונגער בערנע האָט באַלד געוואָרפן אַן אויג אויף דער שיינער באַלעבאָסטע און האָט זיך אין איר אַזוי שטאַרק פאַרליבט, אַז ער האָט זיך געוואָלט נעמען דאָס לעבן. די קלוגע הענריעטע האָט אָבער פאַרשטאַנען מיט איר טאַקט צו באַרואיקן און צו שטילן די פאַנאַנדערגעפלאַקערטע ליידנשאַפטן פון איר ליבּ־האָבער, און צו האַלטן אים פונדערווייטן, שטייענדיק אים צו דער זייט נאָר אַלס פריינטלעכע ראַטגעבערין. אין דעם שפּעטערדיקן גרויסן בערנע האָט נאָך אָבער געברענט זיין ליבע אַ גאַנץ לאַנגע צייט, ביז ער האָט באַמערקט הענריעטעס באַציונגען צו שלייערמאַכערן,

און פון דעמאָלט אָן האָב זיך זיינע געפילן צו איר אינגאַנצן אָפּגעקילט.

לויט די פאַרעפנטלעכע בריוו פון הענריעטען אַליין און פון אַזעלכע באַרימטע פערזענלעכקייטן, ווי פרידריך שלעגעל, זשאַן פאַול, רחל לעווין, וואַרנהאַגען פאָן ענזע, שלייערמאַכער און אַנדערע, זעט זיך אַרויס, אַז אַ חוץ שלייערמאַכערן האָט הענריעטע געהאַט נאָך צוויי געליבטע קריסטן, וואָס איינער פון זיי האָט שוין געהאַט אַ ווייב מיט קינדער. אין דידאָזיקע בריוו געפינען זיך אויך זייער אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן די פאַרשידענע אויסטערלישע אויפטועכצן פון הענריעטעס סאַלאָן מיט אַלע אירע ליבעס.

הענריעטעס אינטימע באַציונגען צו שלייערמאַכערן זענען גע-ווען גאַנץ עפנטלעך. גאַנץ בערלין האָט וועגן זיי גערעדט, און די צייטונגען פלעגן ברענגען וועגן זיי כל המיני קאַריקאַטורן. הענריע-טעס מאַן, דאָקטאָר מאַרקוס הערץ, וועלכער איז שוין דעמאָלט גע-ווען „האָפראַט" און פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין דער בערלינער אַקאַדעמיע, האָט דאָס ווייניק גענומען אין אַכט. ער האָט אויף אַלץ געקוקט מיט די אויגן פון אַ פילאָזאָף. אייפערזיכטיק איז ער נישט געווען, און האָט עס אויך נישט געוואָלט זיין.

אין זיינע בריוו צו זיין שוועסטער פלעגט שלייערמאַכער תמיד שרייבן, אַז זיין ליבע צו הענריעטען איז אַ ריין-פּלאַטאָנישע, און אַז נאָר זייערע ביידנס גייסטער זענען פאַרייניקט. דערביי איז ער מודה, אַז מיט הענריעטעס הילף האָט ער אָנגעשריבן זיינע „רעדעס איבער רעליגיאָן" און זיינע עפּאָכע-מאַכנדיקע „מאָנאָלאָגן". שלייער-מאַכער, דערדאָזיקער גרויסער גייסט און פּרעדיקער פון נייעם קריסטנ-טום, איז אָבער באמת נישט געווען אַזאַ צדיק תמים, פאַר וועלכן ער גיט זיך אַרויס. עס איז באַוואוסט, אַז אויסער הענריעטען האָט ער פאַרפירט נאָך פרויען, און צווישן זיי אויך די פרוי פון זיינעם אַ פריינט, אַ רעליגיע-פּרעדיקער.

אין יאָר 1803 איז הענריעטעס מאַן, דאָקטאָר מאַרקוס הערץ, געשטאָרבן, און פון דעמאָלט הייבט זיך אָן אַ גאַנץ נייער קאַפּיטל אין איר לעבנס-געשיכטע.

## V

דעם 19־טן יאַנואַר 1803 איז דאָקטאָר מאַרקוס הערץ געשטאָרבן אין עלטער פון זעקסאונפופציק יאָר. זיין טויט האָט געמאַכט אויף הענריעטען אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. זי האָט אַ לאַנגע צייט נישט אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגן, און האָט זיך נישט געוואָלט טרייסטן. הגם הענריעטע האָט איר מאַן קיינמאָל ערנסט נישט געליבט, האָט זי זיך אָבער מיט אים זייער איינגעלעבט און אים געשעצט פאַר זיינע גייסטיקע מעלות. פאַרבלייבנדיק אַן אַלמנה צו ניינאונדרייסיק יאָר, האָט עס אין הענריעטעס לעבן אַרויסגערופן אַ גרויס איבער־קערעניש.

גורם געווען דערצו האָט, ערשטנס, דאָס, וואָס ד״ר הערץ, וועלכער האָט תמיד געהאַט אַ גרויסע פּראַקטיק און פאַרדינט אַ סך געלט, איז אָבער געשטאָרבן זייער נישט פאַרמעגלעך, כמעט אָרעם. די סיבה דערפון איז, ווייל זיין הכנסה איז אינגאַנצן געוואָרן פאַרשלונגען אין די קאָלאָסאַלע הוצאות, וואָס עס האָט אָפּגעקאָסט די אויפנאַמע פון די אַריסטאָקראַטישע סאַלאָן־געסט. דערצו דאַרף נאָך גענומען ווערן אין אַכט, אַז הענריעטע, וועלכע איז געווען פון דער נאַטור זייער איידל און גוטהאַרציק, האָט זיך גערעכנט פאַר איינער פון די וואוילטעטיקסטע בערלינער פרויען. תמיד האָט זי ממש געשאָטן מיט נדבות אויף רעכטס און אויף לינקס. אַלע האָבן דערפון געוואוסט, און פיל האָבן עס אויסגענוצט. דערצו האָט נאָך הענריעטע געדאַרפט האַלטן ביי זיך אַן אַלטע מוטער מיט איר אומ־פאַרהייראַטער שוועסטער ברענאַ. נאָכדעם איז שוין קיין וואונדער נישט, וואָס מאַרקוס הערץ האָט איבערגעלאָזט אַזאַ נישטיק פאַרמעגן, וואָס האָט, אַפילו מיט דער קליינער רעגירונגס־פּענסיע, נישט געקלעקט צו באַפרידיקן הענריעטעס הצטרכותן. די מורא פאַר דער צוקונפט האָט הענריעטען אינגאַנצן צעבראָכן. זי האָט פאַרלוירן איר מוט, און איז געוואָרן פּעסימיסטיש געשטימט. דאָס האָבן אינגיכן באַמערקט אירע שטענדיקע הויכגעשטעלטע באַזוכער, און איר סאַלאָן האָט אָנגעהייבן ווערן פוסטער פון טאָג צו טאָג. הענריעטע האָט עס זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן, און האָט דערפון שרעקלעך געליטן.

אָבער גאָר אומגעריכט האָט הענריעטען אַ שיין געטאָן אַ פונק ליכט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זי באַקומען אַן איינלאַדונג פון דער הערצאָגין דאָראַטעאַ פון קורלאַנד, זי זאָל קומען צו איר, אום צו אונטעררוכטן אין דער ענגלישער שפּראַך איר יינגסטע טאָכטער, פּרינצעסין פאַן סאַגאַן. הענריעטע, וועלכע האָט זיך געוואָלט אַרויס-ראַטעווען פון איר מאַטעריעלער נויט, האָט דידאָזיקע איינלאַדונג אָנגענומען מיט גרויס פרייד. מיט אַ באַזונדער צעפרידנהייט רופט זיך הענריעטע אָפּ אין אירע זכרונות וועגן דער צייט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין דעם הויז פון דער הערצאָגין, וואו זי האָט זיך באַקענט מיט אַ ריי נייע פּערזענלעכקייטן פון דער העכסטער געזעלשאַפט, און האָט זיך, צווישן אַנדערן, שטאַרק באַפריינדט מיט דער פּרינצעסין לואיזע פאַן ראַדזיוויל.

דידאָזיקע גוטע צייט האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. קוים האָט זיך פאַרענדיקט די אונטעררוכטס-צייט, האָט הענריעטע געמוזט פאַרלאָזן דעם שלאָס פון דער הערצאָגין דאָראָטעאַ. מיטאַמאָל האָט זי זיך גאָר אויף דאָסניי דערפילט אין זייער אַ קריטישן מצב, וועל-כער האָט זיך אין קורצן נאָך מער פאַרערגערט צוליב דעם, וואָס עס האָט דאַן אויסגעבראָכן דער קריג צווישן פּרייסן און פראַנקרייך, און די אלמנות האָבן אויפגעהערט צו באַקומען זייער פּענסיע. הענ-ריעטע איז דעמאָלט אַריינגעפאַלן אין גרויס יאוש.

אין יענער צייט האָט אין הענריעטעס לעבן פּאַסירט אַ צופאַל, וואָס האָט איר געקענט גליקלעך מאַכן. איינער פון אירע אַמאָליקע באַקאַנטע, וועלכער איז געווען אַ שטענדיקער איינגייער אין איר סאַלאָן, גראַף אַלעקסאַנדער פאַן דאָנאַשלאָביטען, האָט איר פאָרגעלייגט צו ווערן זיין פרוי. זי האָט אָבער, נישט פיל קלערנדיק, זיין פאָר-שלאַג אָפּגעוואָרפן, ווייל זי האָט נישט געוואָלט אָנטאָן דורך איר שמדן זיך קיין שמערצן איר אַלטער, העכסט רעליגיעז-געזאָנענער מוטער. אַזאַ נסיון איז הענריעטע בייגעשטאַנען אויך אַ צווייט מאָל. דאָס איז געווען, בעת מ'האָט זי געוואָלט נעמען אַלס דערציערין פאַר דער פּרינצעסין שאַרלאָטע, די שפּעטערדיקע קייזערין פון רוס-לאַנד. דידאָזיקע שטעלע האָט מען איר געוואָלט געבן, אָבער נאָר מיטן תנאי, זי זאָל זיך שמדן, ווייל עס פּאַסט נישט פאַר דער קע-ניגין, אַז איר טאָכטער, די פּרינצעסין, זאָל דערצויגן ווערן דורך אַ

יידישקע. הענריעטע האָט אָבער אויך דעמדאָזיקן פאַרשלאַג אָפּגעזאָגט, און אַלץ נאָר כּדי נישט מצער צו זיין די מוטער.

עפּעס ווי דער גורל וואָלט זיך כּסדר געשפּילט מיט דער פאַר־ביטערטער הענריעטען, האָט ער איר צום דריטן מאָל אונטערגע־רוקט אַזאַ געשיכטע. פילנדיק זיך אַלץ מער געדריקטער, האָט זי זיך באַשלאָסן צו פּרוּוון זוכן באַשעפטיקונג אין אויסלאַנד. זי האָט באַקומען אַ רעקאָמענדאַציע צו אַ געוויסער מאַדאַם קאַמפּאַן, וועלכע האָט געוואוינט אין פּאַריז, און האָט דאָרט געהאַט אַ גרויסן איינ־פלוס ביים הויף, און די דאָזיקע פרוי, וועלכע האָט זיך דערקלערט גרייט איר צו העלפן, האָט אויסגעפּועלט, מ׳זאָל איר נעמען אַלס גוּוערנאַנטקע צו דער פּלימעניצע פון יאַאַכים מוראַט, אַ שוואָגער פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן און שפּעטערדיקער קעניג פון נעאַפּאָל. אָבער אויך אין פּאַריז האָט מען פאַרלאַנגט, אַז הענריעטע זאָל זיך טויפן, און זי האָט זיך אויך דאָסמאָל דערפון אָפּגעזאָגט.

## VI

אַזוי האָט הענריעטע דריי מאָל גובר געווען דעם נסיון פון שמד, נישט נעמענדיק אין אַכט די גרויסע נויט, אין וועלכער זי האָט זיך געפונען. עפּעס ערגעץ אין אַ פאַרבאָרגענעם ווינקעלע פון איר הארצן האָט נאָך געטליעט אַ רעליגיעזער פונק, אויסגעדריקט אין דעם געפיל פון כבוד־אם, וועלכער האָט זי נישט געלאָזט ווערן אומטריי דעם גלויבן פון אירע עלטערן.

דערוויייל איז איר דחקות אַלץ מער געוואַקסן, און וואָס זי האָט נישט צו טאָן צו באַקומען אַרבעט אין בערלין, האָט זיך דאָס איר נישט איינגעגעבן. זי האָט זיך דערפילט פאַרלאָזט און עלנט. אַלע אירע פריינט און באַקאַנטע האָבן אָן איר פאַרגעסן, קיינער האָט זיך נישט אָנגעשלאָגן איר צו העלפן. אַנדערע פון זיי זענען אַליין פאַראָרעמט געוואָרן דורכן קריג. באַזונדערס האָט איר גע־קרענקט דאָס, וואָס אפילו שלייערמאַכער, וועלכער פלעגט תמיד

זאָגן, אַז ער קען אָן זיין „ליבסטעס הערץ" נישט לעבן, האָט זי איצט אויך כמעט ווי אָװעקגעװאָרפן, און עס האָט אויסגעוויזן, אַז זיין אַלטע ליבע איז שוין ביי אים געוואָרן אויסגעלאָשן. דאָס אַלץ האָט צוריק אויפגעלעבט אין הענריעטען איר אַלטן באַשלוס, צו וואַרפן בערלין און אַוועקלאָזן זיך אין דער פרעמד.

אָנפאַנגס האָט זי זיך אַ ביסל געקווענקלט. עס איז איר נישט אַזוי לייכט געווען צו פאַרלאָזן איר געבורטשטאָט, וואו זי האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע און דערגרייכט די העכסטע שטאַפּל פון כבוד און באַרימטקייט. זי האָט ביי זיך אויך נישט געקענט פועלן צו שיידן זיך מיט איר אַלטער, אינגאַנצן בלינד געוואָרענער מוטער. שפּעטער אָבער, אַרומזעענדיק זיך, אַז זי גייט אַלץ ווייטער מער צום גרונט, און אַז מיט איר צוזאַמען ליידט אויך די קראַנקע מו־טער, האָט זי זיך געמאַכט האַרץ און פאַרלאָזן בערלין. זי איז דאַן אַוועקגעפאָרן צו אירער אַ שוועסטער, וועלכע האָט געוואוינט אין פרענצלוי. דאָרט האָט זי געזוכט פאַר זיך באַשעפטיקונג; ביי איר איז רעכט געווען צו פאַרנעמען זיך מיט יעדער גייסטיקער אַרבעט; זי האָט אָבער פאַר זיך קיין זאַך נישט געפונען. זי האָט דאַן גענומען אַרומוואַנדערן איבער דייטשלאַנד, האָט זיך אויפגע־האַלטן אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, און אומעטום געזוכט ביי וואָס איינצואָרדענען זיך, אָבער—אומזיסט. איר איז געוואָרן אַזוי שלעכט, כאָטש נעם און וואַרף זיך פון בריק אין וואַסער.

דערווייל האָט זיך אין פּרייסן בכלל און אין בערלין בפרט אָנגעהייבן ביסלעכווייז צו בעסערן דער מצב. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט הענריעטע ווי אַ פייל פון בויגן אָנגענומען דעם באַשלוס, צוריקצוקערן זיך אין איר געבורטשטאָט, און האָט עס אויך תיכף פאַרווירקלעכט.

אין יאָר 1817 איז ביי הענריעטען געשטאָרבן די מוטער. מיט דער מוטערס טויט איז אין הענריעטעס האַרץ אָפּגעבראָכן געוואָרן דער לעצטער שטיצפּונקט פון איר זיך נאָך טליענדיקן רעליגיעזן געפיל. אין יענער צייט האָט איר אַלטער פאַרפירער, שלייערמאַכער, זיך גענומען צוריק צו איר מקרב זיין. ער האָט איר אָנגעהייבן עפטער צו באַזוכן. אַרומרעדנדיק איר שווערן מצב, האָט זיך שלייער־מאַכער באַמיט איר צו דערווייזן, אַז עס איז שוין פאַר איר געקו־מען די צייט צו זוכן איר פיזישע און זעלישע רו אין דעם

קריסטלעכן גלויבן. דאָסמאָל האָט זיך הענריעטע פון אים געלאָזט איבעררעדן און־זיך געשמדט. זי איז דעמאָלט אַלט געווען דרייאונ־פופציק יאָר.

## VII

הענריעטען האָט אָבער איר שמד גאָרנישט געהאָלפן. איר מאַ־טעריעלער מצב איז פאַרבליבן שלעכט, ווי געווען. זי האָט אָנגע־בומען אַ נייעם גלויבן מיט דער האָפענונג, גרינגער צו מאַכן זיך דורכדעם דאָס לעבן; די האָפענונג איז אָבער נישט מקוים געוואָרן. באַלד ווי זי איז געוואָרן אַ קריסטין, האָט איר, אמת, ווידער אַ שיין געטאָן די זון פון גליק. די היכע קריסטלעכע געזעלשאַפט האָט זי אויפגענומען מיט גרויס סימפּאַטיע און איר אַרויסגעוויזן וואַרעמע התקרבות. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. די פריינטלעכע באַציונגען צו איר מצד די קריסטן האָבן אָנגעהייבן ווערן אַלץ מער איינגעהאַלטענער, אַלץ מער קעלטער, ביז זי האָט זיך דערפילט עלנט און פאַרלאָזט. דערצו האָט נאָך זי אויך שטאַרק צוגעדריקט די, ווי מיטאַמאָל, אונטערגעשפּרונגענע עלטער. אין אירע מעמואַרן שיל־דערט הענריעטע יענע צייט אַלס די טרויעריקסטע אין איר לעבן. איר דאַכט זיך, אַז צו דעם אַלץ האָט גורם געווען נאָר איר אָרעמ־קייט, און אין איין אָרט שרייבט זי: „וואָלט איך איצט זיין אַזוי רייך און אַזוי פאַרנעם, ווי כ׳בין אַמאָל געווען, וואָלט מען זיך פון מיר נישט צעלאָפן און מיך נישט געלאָזט אַזוי עלנט, און מען וואָלט מיך נאָך געהאַלטן פאַר אַזוי רייצפול און באַצויבערנד, ווי פריער“.

עס זעט זיך אויך אַרויס, אַז אין יענער, פאַר איר שווערער צייט האָט הענריעטען באַזונדערס געקרענקט דאָס, וואָס זי האָט שוין מער נישט געקאָנט טעטיק זיין אויפן פילאַנטראָפּישן געביט, וואָס זי קאָן קיין צדקה נישט געבן, ווי אַמאָל, בעת מ׳האָט זי געהאַלטן פאַר דער באַרמהאַרציקער מוטער פון די בערלינער אָרעמעלייט. צדקה — זאָגט זי — איז געוואָרן איר צווייטע נאַטור, פון וועלכער זי האָט זיך

נישט געקאָנט אָפּגעוואוינען. זי האָט זיך אָפּט געשעמט צו באַווייזן אין גאַס, די אָרעמעלייט זאָלן זי נישט דערקענען. ביי זיך אין שטוב האָט זי זיך נאָך אָבער עד-היום געטיילט מיט דעם צווייטן איר לעצטן ביסן. זי פלעגט אַריינכאַפּן צו זיך הונגעריקע און געבן זיי עסן פונם ביסל, וואָס זי האָט קוים אַליין געהאַט. זי האָט אויך אַריינגענומען צו זיך אין הויז יונגע מיידלעך פון אומפאַרמעגלעכע עלטערן, און האָט מיט זיי געלערנט שפּראַכן און אַנדערע לימודים, און שפּעטער האָט זי פאַר זיי אויסגעזוכט שטעלעס אַלס דערציערינס אין רייכע פאַמיליעס. אַלע האָבן וועגן איר געוואוסט, אַז זי קעמפט מיט דער נויט, און געפינענדיק זיך אין אַזאַ מצב, טוט זי אַזויפיל חסדים מיט אַנדערע. דאָס האָט זי זייער פּאָפּולער געמאַכט צווישן די נידעריקע פאַלקסשיכטן, וועלכע האָבן זי כסדר געבענטשט און פאַר איר באַט געבעטן. אין יענע מאָמענטן פון איר לעבן — אַזוי שרייבט זי — איז דאָס געווען איר איינציקע טרייסט, וועלכע האָט איר געגעבן קראַפט צו ראַנגלען זיך מיט איר שווערן, ביטערן גורל.

גאַנץ אומגעריכט האָט זיך אין הענריעטעס פינסטערן לעבן אַריינגעריסן אַ ליכט-שטראַל. איינער פון אירע אַלטע גוטע פריינט און פאַרערער, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין גערעדט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, דער באַרימטער נאַטורפאָרשער אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט, וואָס האָט געוואוינט ווייט פון בערלין, איז צופעליק דערגאַנגען, אַז הענריעטע הערץ, וועלכע האָט אים אַמאָל אַזוי באַצויבערט מיט איר זעלטענער שיינקייט און גייסטרייכקייט, געפינט זיך אויף דער עלטער אין אַזאַ שרעקלעכער נויט. ער איז גלייך געקומען קיין בערלין; דאָרט איז ער אַריין צום קעניג, פרידריך ווילהעלם דער פערטער, און האָט אים דערציילט וועגן הענריעטעס מצב. דער קעניג האָט זיך דערמאָנט, ווי אַמאָל, בעת ער איז נאָך געווען אַ יונג ייִנגל, האָט אים זיין לערער, ענגעל, אַריינגעפירט אין הענריעטעס סאַלאָן, פון וועלכן ער האָט אַרויסגעטראָגן די שענסטע איינדרוקן. געריירט פון הומבאָלדטס דערציילונג, האָט זיך דער קעניג באַלד דערקלערט גרייט הענריעטען צו העלפן. אין הומבאָלדטס קעגנוואַרט האָט ער אָפּגעגעבן דעם שעף פון זיין קאַבינעט, מילער, דעם פאָלגנדיקן באַפעל:

היות ווי די האָפראַטין הערץ, אַ פרוי, וואָס נאָך אין מיין פריסטער יוגנט האָב איך געהערט דערמאָנען איר נאָמען מיט אַכ

טונג, געפינט זיך איצט אין אַ קריטישער לאַגע, און אַליין קלאָגט זי זיך נישט און בעט נישט קיין הילף, און ווען נישט דער הער פאָן הומבאָלדט, וואָלט איך דערפון גאָרנישט געוואוסט — בכן זאָל מען זי זען העלפן אויך אויפן זעלבן דרך, דאָס הייסט, זי זאָל נישט פילן, וואָס און ווען.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט הענריעטע גאַנץ אומגעריכט באַקומען אַריינגעשיקט דורך דער שטאָט-פּאָסט פּופציק פרידריכסדאָר, — אַ גאַנץ היפּשע מטבע לויט דעם דעמאָלדיקן ווערט, און אויסערדעם האָט איר דער קעניג באַשטימט פון זיין פּריוואַט-קאַסע אַ יערלעכע פּענסיע פון פינפהונדערט טאָלער.

## VIII

הענריעטע האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט איבערגליקלעך. באַלד איז זי אַרויס פון איר אַלטער, אומבאַקוועמער דירה און אַריבער אין אַ נייער וואוינונג. דאָרט האָט זי זיך איינגעאָרדנט—אמת, נישט מיט אַזאַ עלעגאַנץ, ווי אין אירע גוטע יאָרן, אָבער רייכלעך. דאָס האָט אויף איר זייער גוט געווירקט און אַ ביסל זי דערמוטיקט.

דער קעניג, וועלכער האָט זיך נאָך אַ לאַנגע צייט שפּעטער געפונען אונטער דעם שווערן איינדרוק פון הומבאָלדטס דערציילונג וועגן הענריעטעס לאַגע, האָט איר פון דעמאָלט אָן נישט אַרויסגעלאָזט פון זינען. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער אויסגעדריקט זיין וואונטש, איר נאָכאַמאָל צו זען. נעמענדיק אין אַכט איר עלטער, האָט ער איר נישט געוואָלט מטריח זיין און אַראָפּברענגען זי צו זיך, און האָט איר געמאַכט אַ וויזיט אין דער קליינער זומערוואוינונג, וועלכע זי האָט געהאַט אין טיר-גאָרטן. דער איינדרוק, וואָס דעם קעניגס וויזיט האָט געמאַכט אויף הענריעטען, איז געווען אַ געוואַלדיקער. אויס גרויס איבעראַשונג האָט זי זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן, און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט, ווי אַ קליין קינד. דער קעניג, וועלכער האָט זי קוים באַרואיקט, איז צוועק פון איר מיט אַ צעבראָכענעם

נעמיט, זעענדיק, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן חורבן די צייט האָט גע-מאַכט פון דער אַמאָליקער באַצויבערנדיקער שיינקייט, דער געוועזענער שטאָלץ פון דער פּרייסישער רעזידענץ.

נאָכדעם האָט שוין הענריעטע נישט לאַנג געלעבט. באַלד נאָך דעם קעניגס באַזוך האָט זי אָנגעהייבן קרענקען, און דעם 22-טן אָקטאָבער 1847 איז זי געשטאָרבן אין עלטער פון 83 יאָר.

הענריעטע איז געשטאָרבן קינדערלאָז. אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן האָט זי געבראַכט אין אָרדענונג אירע מעמוארן, וועלכע זענען דערשינען ערשט נאָך איר טויט מיט אַ סך הוספות פון אַנ-דערע, וואָס זענען צו איר געשטאַנען נאָענט. די דערמאָנטע הוספות אַנטהאַלטן דערציילונגען וועגן אירע פאַרשידענע געשעענישן און איבערלעבונגען, וועלכע זיי האָבן אַליין פון איר געהערט. זי האָט איבערגעלאָזט צוויי רייזע-באַשרייבונגען, איבערגעזעצט דורך איר פון ענגליש: 1) „נסיעות אין די אינעווייניקסטע טייקן פון אַפריקע אין די יאָרן 7—1795“; 2) „אַ רייזע אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע“.

ווי מען דערציילט, האָט הענריעטע פאַרפאַסט צוויי גרויסע אָריגינעלע ראָמאַנען, וועלכע זי האָט אַמאָל פאָרגעלייענט פאַר איר פריינדין דעראָטעאַ מענדעלסאָן, און יענע איז אַריין פון זיי אין שטאַרקע התפעלות. הענריעטע האָט אָבער פאַר איר טויט איבער-געלייענט דידאָזיקע צוויי ווערק, און האָט זיי ביידע פאַרברענט אין מאַנוסקריפּט. וואָס עס האָט זי באַוואויגן דאָס צו טאָן — איז פאַר-בליבן ביז אויפן היינטיקן טאָג אומבאַקאַנט.

וועגן הענריעטע הערץ און איר באַדייטונג פאַר דער צייט, אין וועלכער זי האָט געלעבט, זענען געשריבן געוואָרן, דורך יידן און נישט-יידן, צענדליקער קלענערע און גרעסערע אָפּהאַנדלונגען, אויך גאַנצע ווערק. אַלע האָבן זיך באַמיט אַריינצודרינגען אין דעם מהות פון דעראָזיקער פרוי, וועלכע האָט מיט אירע אויסטערלישע פיזישע און גייסטיקע מעלות דערוועקט די אַלגעמיינע באַוואונדערונג נישט בלויז אין איר אייגן לאַנד, נאָר אויך ווייט, ווייט איבער אירע גרענעצן. פון אַלעמען איז זי געוואָרן באַטראַכט אַלס אוניקום, אַלס „חדא בדרא“, וועלכע האָט צו זיך נישט געהאַט קיין גלייכע צווישן פרויען.

אַ באַוואוסטער היסטאָריקער האָט געזאָגט, אַז אין די הענט

פון אַ טאַלענטפולן דראַמאַטורג וואָלט די לעבנס-דראַמע פון הענריעטע הערץ געקאָנט דינען אַלס דאַנקבאַרער שטאָף פאַר אַ געוואַלטיקער טראַגעדיע—די טראַגעדיע פון אַ שטערן, וועלכער האָט געלויכטן און באַשטראַלט די מענטשהייט, און צום סוף אַראָפּגעפאַלן און אַוועקגעשלעפט מיט זיך אין אָפּגרונט אויך אַנדערע, קלענערע, שטערנס. דאָס איז אָבער נישט בלויז קיין מענטשלעכע, נאָר אויך אַ פאָלקס-טראַגעדיע, די טראַגעדיע פונם יידישן פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעבראַכט די גייסטרייכסטע קינדער, און זיי זענען אים געוואָרן אומטריי, זענען פון אים אַוועק און געגאַנגען אָפּהיטן פרעמדע וויינגערטנער.

הענריעטע הערץ האָט נישט געוואָלט זיין די צירונג פון איר פאָלק, נאָר די צירונג פון אַנדערע, וועלכע האָבן אָבער אין איר פאַרגעטערט נישט דעם גייסט, דעם גרויסן יידישן גייסט, נאָר די אויסערלעכע, קערפּערלעכע און פאַרגענגלעכע שיינקייט.

# פ ײ ג ע ל ע  אָ ר נ ש ט ײ ן.

## I

איינע פון העכריעסע הערצס יידישע חברטעס, וועלכע האָט גאַנץ אָפט באַזוכט איר סאַלאָן, איז געווען די שענסטע טאָכטער פונם דעמאָלטיקן בערלינער ראש-הקהל און ווייט און ברייט באַקאַנטן באַנקיר—ד נ י א ל  א י צ י ג. דערדאָזיקער דניאל איציג, וועלכער האָט געשמט פאַר אַ העכסט אייראָפּעיש געבילדעטן מאַן, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע צווישן די בערלינער יידן. צוויי פון זיינע ניין טעכטער האָט ער אויסגעגעבן פאַר זין פונם באַרימטן פילאָזאָף משה מענדעלסאָן. אויך זיינע אַנדערע איידעמס און שניר האָבן אָנגעהערט צו דעם גרעסטן בערלינער יידישן אדל. באַזונדערס שטאָלצירט האָט דניאל איציג מיט דעם יינגסטן איידעם, וועלכן ער האָט גענומען פאַר זיין מיזינקע פאַניע, אָדער ווי מ'האָט זי געווינלעך גערופן: פ ײ ג ע ל ע, די גראָטנסטע און וויכטיקסטע צווישן זיינע איבעריקע טעכטער.

פייגעלע איז געבוירן אין בערלין דעם 29-טן נאָוועמבער 1757. שיין, קלוג און גוט נאָך פון קינדווייז און שפּעטער פיין אויסגעבילדעט, איז זי אויסגעוואַקסן אלס שלאַנקע, עלעגאַנטע און רייצפולע פריילן, וואָס האָט אויף זיך געצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. זי האָט זיך געחברט מיט די עלטערע פון איר: העכריעטע הערץ, דאָראָטעא און העכריעטע מענדעלסאָן און רחל לעווין. זי האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פון זיי פאַרפירן, ווי די אַנדערע. איר שטאַרק אַנטוויקלט צניעות-געפיל האָט איר אָפּגעהיט פון די בייזע גייסטער, וועלכע האָבן געהאַט אַ שליטה אין העכריעטע הערצס סאַלאָן.

צו אכצן יאָר האָט פייגעלע חתונה געהאַט מיט באַראָן אַדאָם פאָן ארנשטיין אין ווין, איינער פון די דאָרטיקע יידישע אַריסטאָקראַטן און מולטי-מיליאָנערן. פון דער ערשטער מינוט אָן האָט פייגעלע פאַרנומען אין דער ווינער הויכגעשטעלטער יידישער געזעלשאַפט דעם סאַמע אויבנאָן. און עס איז נישט קיין וואונדער, געמענדיק אין אַכט אירע אייגנשאַפטן, ווי זיי ווערן געשילדערט פון איר ביאָגראַף. „איר געזיכט האָט געשטראַלט מיט רייץ און חן, איר טאַן איז געווען פאָרנעם, איר אויסדרוקספול לעבן און פייער. זי האָט אין זיך פאַראייניקט אַ שאַרפן שכל מיט אַ תמיד פרייליכער אויפגעלייגטקייט; זי איז געווען פיל באַלעזן אין פאַרשידענע ליטעראַטורן און גערעדט עטלעכע פרעמדע שפּראַכן, ווי איר מוטערשפּראַך". דערצו האָט זי נאָך דערוועקט גרויס אויפזען מיט איר רייכער גייסטיקער אַנטוויקלונג, מיט אירע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן פראַגן פון ליטעראַטור און קונסט, פון וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, — אַ דערשיינונג, וועלכע מ'האָט נאָך אין יענער צייט צווישן יידישע פרויען נישט געזען.

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, און פייגעלע ארנשטיין איז געוואָרן זייער פּאָפּולער אויך אין די ווינער קריסטלעכע אַריסטאָקראַטישע קרייזן, און פון אַלע זייטן האָט מען אָנגעהייבן זוכן איר באַקאַנטשאַפט. איר נאָמען האָט זיך געלאָזט הערן אין גאַנץ עסטרייך, און פון פאַרשידענע ערטער זענען אומישנע געקומען צו פאָרן קיין ווין גראַפן און פירשטן, כדי זיך פערזענלעך צו באַקענען מיט דער באַרימטער יידישער פרוי. באַלד איז איר ווינער פּרעכטיקער פּאַלאַץ געוואָרן דער צענטער, אַרום וועלכן ס'האָבן זיך גרופּירט וואָס נאָר אַ פּערזאָן מיט אַ נאָמען, און פון דאָרט האָבן זיך געצויגן גייסטיקע שטראַלן איבער דער גאַנצער עסטרייכישער רעזידענץ.

צו דיזאָזיקע אַלע מעלות האָט נאָך פייגעלע ארנשטיין געהאַט אַ הייס יידיש האַרץ, וואָס האָט מיטגעפילט מיט יעדן נויטבאַדערפטיקן. איר שלאָס אין ווין און אירע ווילעס אין שענברון און אין באַדען זענען תמיד געווען אָפן פאַר עלנטע, אומגליקלעכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געניטיקט אין הילף, און קיינער איז פון איר נישט אַוועק מיט ליידיקן. אַלעמען, אָן אונטערשיד פון גלויבן און נאַציאָנאַליטעט, האָט זי באַשאָנקען מיט די רייכסטע נדבות. פאַר איטלעכן האָט זי געהאַט אַ וואָרט פון טרייסט און פון דערמוטיקונג.

דאָס האָט זי אײנגיכן אװעקגעשטעלט אין מיטלפּונקט פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקײט, װעלכע איז פון טאָג צו טאָג געװאָרן אַלץ מער ברײטער און פאַרצװײגטער, באופן, אַז מ׳האָט זי באַלד געזען שטײענדיק בראש פון די װיכטיקערע און באַדײטנדערע װינער דערציִערישע און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס.

דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז פײגעלע אָרנשטײן האָט באַקומען אַ גרויסע השפּעה אויף דעם אַלגעמײנעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, װאָס זי האָט גוט פאַרשטאַנען אויסצונוצן לטובת אירע גלויבנסגענאָסן. בעת העניריטע הערצס בערלינער סאַלאָן איז פאַרבליבן אָן אַ שום װירקונג אויף דער קעגנזײטיקער דערנענטערונג צװישן קריסטן און ײדן, האָט פײגעלע אָרנשטײנס װינער סאַלאָן געגעבן דעם ערשטן שטויס צו דעם, װאָס די ײדן אין עסטרײך האָבן אָנגעהײבן געניסן מצד דער קריסטלעכער באַפעלקערונג און מצד דער מאַכטאַכטונג, גלײכבאַרעכטיקונג און פרײהײט.

II

צו דעם אַפּאָגײ פון איר פּאָפּולאַריטעט האָט פײגעלע אָרנשטײן דערגרײכט אין יאָר 1807, נאָך דער שרעקלעכער מפּלה, װאָס עסטרײך האָט געליטן בשעת איר מלחמה מיט פראַנקרײך. דורך דעם קריג זענען די עסטרײכישע לענדער געװאָרן זײער פאַראָרעמט. טויזנטער עקזיסטענצן זענען געװאָרן רואינירט, מאַסן אלמנות און יתומים האָבן פאַרלאָרן זײערע שפּײזערס, און די נאָכװײעניש פון דער מלחמה האָבן זיך געלאָזט פילן אויף יעדן שריט און טריט. דעמאָלטיקן מצב האָט זיך פײגעלע אָרנשטײן גענומען שטאַרק צום האַרצן, און מיט דעם גאַנצן פײער פון איר שטענדיק יונגער נשמה האָט זי זיך אַרײנגעװאָרפן אין דער הילפסאַרבעט. אָנגעהײבן די אַרבעט האָט זי מיט איר פּריװאַטן פאַרמעגן. זי האָט באַזוכט די פאַראָרעמטע געגנטן, האָט אויסגעפונען די נויטלײדנדע פאַמיליעס און געשאַפן פאַר זײ נײע עקזיסטענץ-מעגלעכקײטן. װי עס דערצײלן

אירע ביאָגראַפן, האָט איר דידאַזיקע צדקה-טעטיקייט אָפּגעקאָסט קאָלאָסאַלע געלט-סומעס. מאַסן מענטשן האָט זי אַרויסגעראַטעוועט פון נויט און געהאָלפן זיי זיך שטעלן אויף די פיס. פיל פאַמיליעס, וועלכע האָבן שוין געהאַלטן ביים אונטערגאַנג, זענען דורך איר גע-וואָרן אויפגעריכט.

ערשט נאָכדעם, ווי עס איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן פיל אויף דעם געביט דורך פייגעלע אָרנשטיין, האָט זיך געגרינדעט דורך אַ גרופּע ווינער קריסטלעכע דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט אַ פאַריין צו שטיצן די קרבנות פון דער מלחמה. דערדאָזיקער פאַריין, וועלכער איז באַשטאַנען פון לויטער פירשטינס און גרעפינס, האָבן זיך אָבער באַלד אַרומגעזען, אַז אָן דער מיטווירקונג פון פייגעלע אָרנשטיין וועט זייער אַרבעט נישט קענען האָבן דעם געהעריקן דערפאָלג, און האָבן זי איינגעלאַדן אַלס מיטגליד. באַלד איז פייגעלע אָרנשטיין געוואָרן די גאַנצע פירערין פון פאַריין. אין יאָר 1811 איז דורך פייגעלעס איניציאַטיוו געעפנט געוואָרן אין באַדען, ביי ווין, אַ קראַנקן-הויז. אויסער די גרויסע סומען פון איר אייגענעם קאַפּי-טאַל, וואָס פייגעלע האָט מנדב געווען לטובת דעמדאָזיקן שפּיטאָל, האָט זי נאָך אויפגעקליבן צווישן ווינער יידישע דאַמען דעם סכום פון זיבן טויזנט גולדן,—אַ גרויסע מטבע לויט דעם געלט-מאַרק פון יענער צייט.

פייגעלע אָרנשטיין האָט נישט באַשרענקט איר וואוילטעטיקייט בלויז אויף עסטרייך. אין יאָר 1813, בעת פראַנקרייך האָט באַנייט איר מלחמה מיט דייטשלאַנד, האָט זי צוגעשיקט היפּשע געלט-מיטלען איר אַמאָליקער חברטע, רחל לעווין, וועלכע האָט זיך דעמאָלט גע-פונען אין פּראַג, וואו זי האָט אָנגעפירט מיט דער הילפסאַרבעט לטובת די פאַרוואונדעטע דייטשע זעלנער. הויפּטזעכלעך איז אָבער פייגעלע געווען איבערגעגעבן צו עסטרייך, וועלכע איז פון דער מלחמה כמעט אינגאַנצן חרוב געוואָרן. דערפון האָט געוואקסן פיי-געלעס שטאַרקע שנאה צו פראַנקרייך, און באַזונדערס צו נאַפּאָלע-אָנען. שטיצנדיק זיך אויף אירע גרויסע פּאָליטישע פאַרבינדונגען, איז פייגעלע אַראָפּגעפאָרן קיין פּאַריז מיט דער האָפענונג צו ווירקן דאָרט, אַז פראַנקרייך זאָל שוין אַמאָל אויפהערן צו קעמפן קעגן די מיטל-אייראָפּעישע מלוכות. איר מיסיע האָט זיך איר אָבער נישט איינגעגעבן, און זי האָט זיך צוריקגעקערט פון פּאַריז זייער אויפ-

געדעגט. זי האָט דאַן איר שאַרפֿע מיינונג וועגן פראַנקרייך נישט פאַרהוילן פון די פראַנצויזישע פּאָליטיקער, וועלכע האָבן זי באַזוכט אין פּאַריז. ווי אַן עכטע נביאה האָט זי זיי פאָרויסגעזאָגט, אַז פראַנקרייך, וועלכע שטרעבט צו ווערן די איינציקע בעהערשערין פון דער וועלט, וועט האָבן אַ ביטערן סוף.

שפּעטער אין די יאָרן 1813–14, ווען עס האָט זיך אַ דריי געטאָן דאָס רעדל, און נאַפּאָלעאָן האָט אָנגעהייבן האָבן אויף יעדן שריט שרעקלעכע מפּלות, האָט פייגעלע ארנשטיין ווי נײַ אָפּגעלעבט. די גלענצנדע נצחונות פון עסטרייך און דייטשלאַנד, וועלכע זי האָט באַטראַכט אַלס זיג פון דער גערעכטיקייט איבער געוואַלדטאַט, האָבן זי שטאַרק דערפרייט. זי האָט דאַן אין פייערדיקע רעדעס מאַני־פעסטירט דאָס יידישע געפיל, וועלכעס פּראָטעסטירט קעגן יעדער בלוטפאַרגיסונג.

# III

אין אַ יאָר אַרום, נאָכדעם, ווי נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט באַקומען זיין פּסק און די מלחמות צווישן די פראַנצויזן מיט די אַנדערע מלוכות האָבן זיך איינגעשטילט, איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אין ווין אַ פרידנס־קאָנגרעס מיט דער באַטייליקונג פון אַלע אייראָ־פּעישע מושלים. אַ גרויסע ראָלע אויף יענעם קאָנגרעס האָט גע־שפּילט דער דעמאָלטיקער עסטרייכישער רייכסקאַנצלער פירשט מע־טערניך, וועלכער האָט געשמט פאַר אַ קלוגן פּאָליטיקער און די־פּלאָמאַט. דערדאָזיקער מעטערניך איז געווען איינער פון די שטענ־דיקע באַזוכער פון פייגעלע אָרנשטיינס סאַלאָן און אירער אַ פריינט. נישט איינמאָל האָט ער זיך מיט איר באַראָטן וועגן פאַרשידענע פּאָליטישע ענינים. אויך איצט, ביים קאָנגרעס, פלעגט ער זיך מיט איר זען כמעט טעגלעך און מגלה זיין איר אַלע דיפּלאָמאַטישע סודות. אויפן באַנקעט, וועלכער איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ לכבוד די הויכע געסט, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען אויך דער

רוסישער קיסר אַלעקסאַנדער דער ערשטער, האָט מען געקאָנט זען די יידישע באַראָנעסע פייגעלע אָרענשטיין. ווי מען דערציילט, זאָל זי זיך האָבן באַנוצט מיט דערדאָזיקער געלעגנהייט צו פאַרבינדן אַ שמועס מיט אייניקע פון די אייראָפּעישע הערשער וועגן דעם גע־דריקטן מצב פון די יידן און זייערע לענדער, און האָט פון זיי באַקומען גוטע הבטחות אויף דער צוקונפט.

נאָענט צו יענער צייט איז ביי פייגעלע אָרענשטיין אָפּגע־שטאָרבן איר מאַן. זי איז שוין אַפילו דעמאָלט געווען אין די מי־טעלע יאָרן, אָבער נאָך אַלץ בלענדנד שיין און גראַציעז. אַנדערע האָבן נאָך זי איצט געפונען פיל אינטערעסאַנטער, און אייניקע פון א־רע באַקאַנטע פירשטן און הערצאָגן האָבן זיך אין איר פאַרליבט. באַזונדערס האָט איר נישט אָפּגעלאָזט איינער אַ מיטגליד פון דער קעניגלעכער פאַמיליע, פרינץ קאַרל פאָן ליכטענבערג, וועלכער איז צו איר צוגעשטאַנען, זי זאָל זיך שמדן און מיט אים חתונה האָבן. זי האָט אָבער זיין פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן. „איך שטאָלציר מיט דעם גלויבן פון מיינע עלטערן, אין וועלכן איך בין געבוירן און דער־צויגן געוואָרן, און וועל עס ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג נישט פאַר־בייטן אויף קיין אַנדער אמונה". אַזוי זאָל זי אים האָבן געענטפערט. איינער פון אירע פיל ליבהאָבער, אַ געוויסער פרייער פאָן ווייקס, איז געוואָרן אויפן פרינץ פאָן ליכטענבערג אייפערזיכטיק און האָט אים אַרויסגערופן אויף אַ דועל און אים שטערבלעך פאַרוואונדעט.

דאָסדאָזיקע געשעעניש איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין דער עפנטלעכקייט און האָט געמאַכט אין די אַריסטאָקראַטישע קרייזן פון דער עסטרייכישער רעזידענץ אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. אַלעמען האָט שטאַרק לייד געטאָן, וואָס דער גלאַנצפולער נאָמען פון פייגעלע אָרענשטיין איז אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַזאַ אַפערע. עס האָבן זיך געפונען אין ווין אייניקע אַנטיסעמיטישע בלעטער, וועלכע האָבן די זאַך צעשמירט, און דערביי אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף דעם כלל יידישע פרויען, אַז זיי דעמאָראַליזירן די קריסטלעכע הויכע געזעלשאַפט.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וויפל די קרישטאָל־ריינע, אומ־שולדיקע פייגעלע אָרענשטיין אַליין האָט געליטן איבערלעך פון דער גאַנצער געשיכטע. זי האָט אַפילו באַקומען פון די באַרימטסטע ווינער פערזענלעכקייטן, מענער און פרויען, טרייסט־בריוו; מ'האָט איר גע־

מוטיקט פון אומעטום, אַז זי זאָל זיך די זאַך נישט נעמען צום האַרצן, אַז די זאַך קאָן נישט וואַרפן קיין שום פלעק אויף איר גוטן נאָמען. אויף איר האָט זיך אָבער פון דעמאָלט אָן פאַרצויגן ווי אַ וואָלקן. זי האָט כּסדר געוויינט און געקלאָגט און שטאַרק באַדויערט דעם טויט פון איר מאַן, וועמען זי האָט נישט פאַרגעסן איר גאַנצן לעבן.

# IV

אַ געוויסע צייט האָט זיך פייגעלע אָרענשטיין נישט געוויזן אין דער עפנטלעכקייט. זי האָט פאַרשלאָסן איר סאַלאָן, האָט אויפגעהערט אָנצונעמען באַזוכער, האָט זיך צוריקגעצויגן פון יעדער כּלל־אַרבעט, און געלעבט גאַנץ שטיל און איינזאַם. זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט דער דערציִונג פון איר בת־יחידה הענריעטע, וועלכע איז געווען אַזוי געראָטן, ווי די מוטער, און איר געדינט אַלס טרייסט אין אירע ביטערע שעהן.

עס האָט זיך אָבער באַלד אָנגעהייבן מערקן, ווי די פאַרשידענע ווינער געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס הייבן אָן ווערן שוואַכער אין זייער טעטיקייט און פאַרוואַרלאָזט. אָן פייגעלע אָרענשטיינס מיטאַרבעטערשאַפט איז אַלץ געוואָרן פויל און ווי פאַראַליזירט. פיל פון די ווינער פּראָמינענטסטע פּערזענלעכקייטן האָבן זיך אויך פאַרבענקט נאָך פייגעלעס סאַלאָן. דעלעגאַציעס פון אַלערליי אינסטיטוציעס, וואוילטעטיקע און דערציערישע, האָבן אָנגעהייבן אָפּשלאָגן די שוועלן פון פייגעלע אָרענשטיין מיט בקשות, זי זאָל זיך צוריקקערן צו איר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אין דערזעלבער צייט האָבן איר די גרעסטע שריפטשטעלער און קינסטלער, געלערנטע און פילאָזאָפן, פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן אַטאַקירט, זי זאָל ווידער עפענען די טירן פון איר סאַלאָן.

ענדלעך האָט פייגעלע נאָכגעגעבן. קודם־כּל האָט זי זיך צוריקגעקערט צו דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, און נאָך מיט מער פלייס

און ענערגיע. עפּעס ווי זי וואָלט עס אָנגעגרירט מיט אַ צויבער-שטעטעלע, האָט באַלד אויף דאָסניי אַלץ אָפּגעלעבט. ס'איז נישט געווען אין ווין קיין פּאַריין און קיין אַנשטאַלט, אין וועלכע פייגעלע אָרענשטיין האָט צוריק נישט פאַרנומען דעם סאַמע אויבנאָן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז וואו פייגעלע אָרענשטיין שטעקט נאָר צו איר האַנט, הערשט דאָרט מזל-ברכה. די קריסטלעכע דאַמען פון העכסטן אַדעל האָבן אומעטום אָפּגעגעבן פייגעלען די פאָרזיצערשאַפט, און געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כבוד צו זיין פון אירע מיטהעלפערינס.

נאָכדעם האָט פייגעלע אָרענשטיין געעפנט איר סאַלאָן, וועלכער איז תיכּף צוריק געוואָרן דער גייסטיקער צענטער פון דער עסטרייכישער הויפּטשטאָט. אין פייגעלעס סאַלאָן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן די גרעסטע מענטשן פון אַלע וועלט-עקן. איר נאָמען איז איצט נאָך פיל פּאָפּולערער געוואָרן אין אַלע לענדער. איצט האָט זיך מיט איר געטיילט די פּאָפּולאַריטעט איר איינציקע יונגע טאָכטער, די שפּעטערדיקע באַראָנעסע פּערייראַ-אָרענשטיין, וועלכע איז געווען אַ בילדשיינהייט און האָט געירשנט פייגעלעס אינטעליגענץ און פּקחות. זי האָט שוין געהאָלפן דער מוטער אונטערצוהאַלטן די הויכע געסט דורך אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע שמועסן אויף אַלערליי ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע געביטן.

נאָך דער צווייטער מפּלה פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן האָט פייגעלע אָרענשטיין געמאַכט אַ נסיעה אין די רהיין-געגנטן. דאָרט האָט זי זיך פאַרקילט און זיך צוריקגעקערט אַהיים קיין ווין אַ קראַנקע. זי האָט געקרענקט נאָר אַ גאַנץ קורצע צייט, און דעם 8-טן יוני 1818 איז זי אין עלטער פון 61 יאָר געשטאָרבן.

פייגעלעס טויט האָט אַרויסגערופן נישט בלויז צווישן יידן, נאָר אויך ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג פון עסטרייך אַ טיפן טרויער. אַ לאַנגע צייט נאָכדעם האָבן די גרעסטע צייטונגען און זשורנאַלן אין אַלע לענדער געבראַכט אויספירלעכע אַרטיקלען וועגן דער פאַרשטאָרבענער מיט איר ביאָגראַפיע. אַלע אַרטיקל-שרייבער האָבן זי אָפּגעשאַצט אַלס אויסטערלישע פרוי, וועלכע מען באַגעגנט נאָר איינע אין אַ יאָרהונדערט. העכסט כאַראַקטעריסטיש איז דער פאָלגנדיקער פאַקט:

איינער פון די גרעסטע דייטשע שריפטשטעלער אין יענער צייט, וואַרענהאַגען פאָן ענזע, וועלכער איז געווען אַ

שטאַרקער באַזוכער פון הענריעטע הערצס בערלינער סאַלאָן און האָט עס אויסגענוצט, אום צוצוציען באַגאַבטע יידישע פרויען צום שמד (אַלס איינע פון זיינע קרבנות איז געפאַלן די באַרימטע ר ח ל ל ע ו ו י ן, מיט וועלכער ער האָט אויך חתונה געהאַט),–האָט שפּעטער אָפּגעגעבן אַ גרויס אָרט אין זיינע ווערק די באַשרייבונגען פון די באַרימטע יידישע פרויען פונם אַכצנטן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד. אין די דערמאָנטע באַשרייבונגען האָט ער זיך באַמיט צו דערווייזן, אַז דידאָזיקע אַלע אויסטערלישע יידישע פרויען האָבן געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צום קריסטנטום. אַלס אַזעלכע וויל ער באַצייכענען אויך פייגעלע אָרענשטיינען, כאָטש באמת האָט ער זי גאָרנישט געקענט, נאָר געהערט וועגן איר פון אַנדערע, און וויל שלאָגן פאַר זיך קאַפּיטאַל פון דעם פאַל, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן איר מיט דעם פּרינץ ליכטענבערג, וועגן וועלכן מיר האָבן פריער דערציילט. ער שרייבט, צווישן אַנדערן, אַז ער דערמאָנט זיך צו האָבן אַמאָל געלייענט אין אַ רייזע-באַשרייבונג פון אַן ענגלענדער, אַז פייגעלע אָרענשטיין האָט זייער באַדויערט דעם טויט פון איר געליבטן פּרינץ ליכטענבערג, און האָט יעדעס מאָל אין דעם טאָג פון זיין יאָרצייט פאַרבראַכט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט אין אַ באַזונדער „שוואַרצן קאַבינעט", אין וועלכן זי פלעגט זיך אָפּגעבן מיט אירע ערינערונגען וועגן דעם פאַרשטאָרבענעם פּרינץ, און וואו זי פלעגט ליב האָבן צו פאַרברענגען עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד אויך אין אַנדערע צייטן. וואַרענהאַגען פאַן ענזע פאַרענדיקט דעם עפּיזאָד מיט דידאָזיקע פ אַ ר ד ע כ ט י ק ע ווערטער: קיינער קאָן זיך נישט באַרימען, ער זאָל האָבן ווען עס איז געזען יענעם קאַבינעט; מ'האָט אָבער וועגן דעם גערעדט זייער פיל און, ווי עס ווייזט אויס, איז עס נישט קיין לעגענדע.

באמת איז באַקאַנט פונקט דער היפך, אַז פייגעלע אָרענשטיין האָט אָפּגעשטויסן מיט עקל יעדע האַנט, וואָס איז איר אָנגעבאָטן געוואָרן פון אַ קריסטלעכן ליבהאָבער, און איז פאַרבליבן אַ הייסע, איבערגעגעבענע יידישע טאָכטער ביז איר לעצטער מינוט.

# העגריעטע מענדעלסאָן.

## I

די יינגסטע טאָכטער פונם גרויסן יידישן פילאָזאָף משה מענדעלסאָן, העגריעטע, איז געבוירן אין בערלין אין יאָר 1768. זי האָט זיך איינגעגעבן אינגאַנצן אין פאָטער. ווי ער, איז זי אויך געווען קליין געוואַקסן מיט זייער נישט קיין שיינעם אויסזען. דערפאַר האָט זי אויך אָפּגעירשנט דעם פאָטערס גייסט, און דידאָזיקע ירושה האָט געצויגן אויף איר די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. מ'האָט באַוואונדערט איר שאַרפן פאַרשטאַנד, אירע ברייטע קענטעגישן, איר קלאָרן בליק אויף דער וועלט און מענטשן, אירע פיינע מאַנירן און איר איידעלן טאַקט.

אין דער דייטשער, פראַנצויזישער, ענגלישער און איטאַליעגישער ליטעראַטור האָט זיך העגריעטע געפילט „ווי אינדערהיים". ענגליש און פראַנצויזיש האָט זי גערעדט, ווי אַ געבוירענע ענגלענדערין און פראַנצויזין. דערביי איז זי געווען צופיל באַשיידן און עניותדיק. זי האָט, ווייזט אויס, אַליין נישט פאַרשטאַנען, ווי הויך זי שטייט איבער אַלעמען מיט איר רייכער בילדונג און וויסנשאַפטלעכער ערודיציע, און האָט נישט געזען, אַז איר גרויסער גייסט און איר הויכע נשמה פאַרדעקן די חסרונות פון איר קערפער און געזיכט. זי האָט זיך איינגעשמועסט, אַז איר פיזישע נישטגעראָטנקייט שטערט איר אין לעבן און פון מיידלווייז אָן האָט זי פאַרלוירן די אמונה, ווען עס איז אויפגעריכט צו ווערן, צו קריגן אַ פערזאָן, וואָס זאָל איר זיין נאָענט צום הארצן, אַ מאַן, וועלכער זאָל מיט זיינע מעלות פאַרדינען איר טיפע ליבע, און זאָל זי אויך

אַזוי ליב האָבן. דאָס אַלץ צו דערגרייכן האָט זי קיינמאָל נישט געהאָפט, צוליב איר צו גרויסער באַשיידנקייט.

איר עניוות האָט געבראַכט דערצו, אַז זי האָט אָפּגעשטויסן פון זיך איינעם פון די שענסטע ווינער יידישע יונגעלייט, וועלכער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע. דאָס איז געווען בערנאַרד פאָן עשקעלעס, אַ זון פון דעם רב ר׳ בעריש עשקעלעס, וועלכער האָט באַזעסן אַ גרויסן פאַרמעגן, און האָט הענריעטען געליבט צוליב איר הויכער בילדונג. באַגעגענענדיק זיך מיט איר צום ערשטן מאָל אין ווין, האָט ער, נישט געמענענדיק אין אַכט איר נישט אָנציענדע אויסערליכקייט, געמאַכט איר אַ הייראַטס-פאָרשלאָג.

ווי געזאָגט, האָט אים אָבער הענריעטע מדחה געווען, ווייל זי האָט נישט געגלויבט, אַז עס איז מעגלעך, עמעצער זאָל זיך אין איר פאַרליבן. עשקעלעס האָט עס אָבער געמיינט גאַנץ ערנסט, און אפילו נאָכדעם, ווי ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון דעם רייכן בערלינער באַנקיר דניאל איציג, איז אַליין געוואָרן אַ מולטי-מיליאָנער, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער פינאַנסן-וועלט, האָט באַקומען דעם טיטל „ריטער״, שפּעטער געוואָרן באַראָן, איז געווען פערזענלעך באַפריינדעט מיט דעם עסטרייכישן קייזער יאָזעף דער צווייטער, — אויך נאָכדעם איז ער פונדעסטוועגן אויף זיין גאַנץ לעבן פאַרבליבן הענריעטעס שטאַרקסטער פאַרערער און אָנהענגער.

אָנפאַנגס איז הענריעטע געווען לערערין אין אַלטאָנאַ, ביי האַמבורג. זי האָט דידאַקטיק באַשעפטיקונג זייער ליב געהאַט. איר האָט אָבער געצויגן צו אַ גרעסערער שטאָט, און אין פרילינג 1799 האָט זי פאַרלאָזט אַלטאָנאַ און איז אוועקגעפאָרן קיין ווין, וואו זי איז אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס גוואוערנאַנטין ביי אַ רייכער יידישער פאַמיליע. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז זי אויף דער איינלאַדונג פון איר ברודער, אברהם מענדעלסאָן, אַריבער וואוינען אין פאַריז אַלס דערציערין פון דעם באַנקיר פיעלדס טאָכטער. דערנאָך איז זי באַשטימט געוואָרן אַלס פאַרוואַלטערין אין אַ פאַריזער מיידל-אינסטיטוט.

דערציען און לערנען קינדער איז געווען ביי הענריעטען איר גאַנצער צוועק אין לעבן, און פון אָנהייב האָט זי זיך צו דעם איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן, כדי נישט געשטערט צו ווערן

אין איר אַרבעט, האָט זי תּמיד געזוכט דעם קרייז פון אירע פריינט צו פאַרקלענערן. פונדעסטוועגן איז איר קליינע און איינפאַכע וואוי-נונג געווען אַ צענטער פאַר אַלע געלערנטע און קינסטלער, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין פּאַריז. דער באַרימטער איטאַליענישער מוזיקער און קאָמפּאָזיטאָר, ספּאָנטיני, פלעגט ביי איר אָפּזיצן גאַנצע אָוונטן; די אַריסטאָקראַטיש-פראַנצויזישע שריפטשטעלערין, מאַדאַם דע שטאַעל, פלעגט גאַנץ אָפט קומען צו איר פאַרברענגען, און אַזוי אויך דער פראַנצויזישער פּאָליטיקער, רעדנער און שריפט-שטעלער בענזשאַמין קאָנסטאַנט. ביידע ברידער, די פילאָזאָפן אַלעקסאַנדער און ווילהעלם פאָן הומבאָלדט, פלעגן באַזוכן הענריעטען יעדעס מאָל, וואָס זיי פלעגן קומען קיין פּאַריז.

העגריעטע מענדעלסאָן, די „טיפסטע און זיניקסטע”, ווי מען האָט זי גערופן, האָט געהאַלטן נאָר פון דעם ריינעם פאַרשטאַנד. אַלע אַנדערע קוועלן פון גרונטזעצן און פּרינציפּן האָט זי גאַנץ אַנטשידן צוריקגעוויזן. דעם פאַלשן שריט פון איר עלטערער שוועסטער דאָראָטעאַ, וועלכע האָט אָנגענומען אַ קריסטלעכן גלויבן, און נאָך א העכסט פאַנאַטישן, האָט זי נישט געקאָנט באַגרייפן. אַ גאַנצע צייט האָט זי איר נישט געקאָנט מוחל זיין, און האָט כּסדר פון איר געפאָדערט אַ דין וחשבון, פאַרוואָס זי איז זיך אַזוי שענד-לעך באַגאַנגען. זי האָט דאָראָטעאַן נישט געפרעגט, פאַרוואָס זי האָט אַוועקגעוואָרפן איר יידישן מאַן שמעון פייט, און איז אַוועק לעבן מיטן דייטשן פילאָזאָף און טעאָלאָג פרידריך פאָן שלעגעל. זי האָט אָבער נישט געקאָנט רעכט מאַכן ביי זיך, אַז איר געלערנטע און וויסנשאַפטלעכע שוועסטער זאָל זיך שמדן. דאָראָטעאַ האָט איר אויף דעם גאָרנישט געענטפערט, און האָט נאָך איר פיל-מער צוגערעדט, זי זאָל אויך אָננעמען דעם קאַטוילי‌ציזם, וואָס עס פלעגט, געוויינלעך, זייער אויפרעגן די גרויסע דענקערין.

## II

הענריעטעס ענִיוות און איר נישט גלויבן אין איר כּוח האָבן זי אָבער דערפירט דערצו, אַז זי האָט ענדלעך נאָכגעטאָן איר עלטערער שוועסטער דאָראָטעאַ, און איז, ווי יענע, געוואָרן דער פלוך פון דעם יידישן פאָלק און די שאַנדע פון דער פאַמיליע מענדעלסאָן.

ביסלעכווייז האָט הענריעטען אָנגעהייבן צו ווערן אומדערטרעגלעך איר איינזאַם מאָנטאָן לעבן. איר נשמה האָט זיך גענומען רייסן צו ענדערונגען, צו נייע איינדרוקן. אין יאָר 1912 האָט זי איבערגענומען די שטעל פון אַ גוואווערנאַנטין ביי די קינדער פונם גראַף סעבאַסטיאַני אין פּאַריז. נאָך דער גרעפינס טויט איז הענריעטע געוואָרן אָנשטאָט איר די הויזווירטין. דעם גראַפס טאָכטער, וואָס הענריעטע האָט זי דערצויגן, האָט חתונה געהאַט מיט דעם הערצאָג פּראַסלין, וועלכער האָט זי שפּעטער דערמאָרדעט צוליב אייפערזוכט. די פאַמיליע איז אַזויאַרום צעשלאָגן געוואָרן און הענריעטע איז פון דאָרט אַוועק.

דער באַראָן עשקעלעס, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט הענריעטען, און האָט פון צייט צו צייט געמאַכט אויף אַלערליי וועגן חקירות ודרישות וועגן אירע שטימונגען, האָט געפּרואווט איצט איר פאָרלייגן, זי זאָל זיך באַזעצן אין ווין, וואו ער וועט פאַר איר באַקומען אַ פּאַסנדע פּעדאַגאָגישע באַשעפטיקונג. זי האָט אָבער דעם פאָרשלאַג נישט אָנגענומען, אָפּענטפערנדיק אויף אים קורץ: „איך בין דאָס נישט ווערט; עס זענען דאָ אין דער וועלט בילכערע פאַר מיר, וואָס פאַרדינען עס". זי האָט זיך שוין דעמאָלט אַרומגעטראָגן מיט אַנדערע געדאַנקען. די צייט, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין דער רייכער קאַטוילישער פאַמיליע, איז פאַר איר נישט אַוועק אומזיסט. גאָר אינקורצן איז זי אויך געגאַנגען און האָט אָפּגעטון דאָס, פאַרוואָס זי האָט פריער בשום אופן נישט געוואָלט פאַרצייען איר עלטערע שוועסטער: זי האָט זיך אָפּגעשמדט אויפן קאַטוילישן גלויבן.

אַלס אַזעלכע, האָט זיך הענריעטע שפּעטער צוריקגעקערט קיין בערלין, וואו זי האָט אָפּגעלעבט ביז אין איר טויט אַריין, אַלס „העכסט

פרומע קאַטוילִיקין". געשטאָרבן איז זי צו דרייאונזעכציק יאָר, דעם 9-טן נאָוועמבער 1831.

אַט דאָס זענען עס געווען די טעכטער פון דעם גרויסן יידישן פילאָזאָף משה מענדעלסאָן. זיין עלטערע טאָכטער, דאָראָטעאַ, האָט זיך געשמדט, ווייל זי האָט אפשר געהאַט צופיל געליבטע, און ווייל זי האָט געהייראַט אַ קריסט, און די יינגסטע טאָכטער האָט עס געטאָן, ווייל זי איז געוואָרן פאַרזעסן אַלס אַלטע מויד. און ביידע, לויט זייער אויסטערלישער גרעאָטנקייט און באַגאַבטקייט, האָבן דאָך געקאָנט דינען אַלס שטאָלץ פונם יידישן פאָלק, אַזוי ווי מיט זיי האָט שטאָלצירט די דייטשע קונסט און די דייטשע וויסנשאַפט.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, וועלכע סיבות עס האָבן געטריבן מענדעלסאָנס טעכטער אין זייער צייט אומטריי צו ווערן זייער פאָלק און דעם גלויבן פון זייערע עלטערן, — די רעזולטאַטן דערפון זענען געווען זייער טרויעריקע. מענדעלסאָנס טעכטער האָבן געדינט אַלס שענדלעכער ביישפיל פאַר אַ סך יידישע פרויען אין בערלין און אין דייטשלאַנד בכלל. ס'האָט דאַן צווישן די יידישע פרויען אויסגעבראָכן אַ מין מגפה פון אויסגעלאַסנקייט און שמד, וועלכע האָט דווקא אַרומגענומען די בעסטע און די שענסטע. וועגן אייניקע פון זיי, זייער אינטערעסאַנטע יידישע פרויען-טיפּן, וועלן מיר נאָך דערציילן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

צווישן די יידישע אָרטאָדאָקסישע קרייזן אין דייטשלאַנד האָבן זיך דאַן געלאָזט הערן איינצלנע שטימען, וועלכע האָבן געוואָרנט אין שאַרפע ווערטער פאַר די קאַטאַסטראָפאַלע רעזולטאַטן, וואָס די־דאָזיקע צעבושעוועטע שמד-עפּידעמיע איז עלול צו האָבן נישט בלויז פאַר דעם דייטשן יידנטום אַליין, נאָר אויך פאַר דער צוקונפט פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט. די־דאָזיקע ניכטערע שטימען זע־נען אָבער געוואָרן דערשטיקט אין דעם שטאַרקן גערויש פון די אַסימילאַטאָרישע טרומייטן, וועלכע האָבן גערופן יידן צו זעלבסט־פאַרדייקענונג.

## „פרינצעסין" סידאָניע.

### I

אַן אויסטערלישע פרוי איז זי געווען. זי האָט ממש פאַרבלענדט די אויגן מיט אירע קערפּערלעכע מעלות און גייסטיקער באַגאַבונג... נאָך אַלס יונג מיידל האָט מען אויף איר געזאָגט, אַז דאָס וואַקסט אַ „פּרינצעסין", און זי איז עסווירקלעך געוואָרן. זי האָט נאָר דערפאַר אַ צו טייערן קרבן געבראַכט: דעם גלויבן פון אירע עלטערן. די „יידישע פּרינצעסין" האָט אָבער געשטאָכן די אויגן פון דער הויכער קריסטלעכער געזעלשאַפט, מיט וועלכער דער גורל האָט איר צוזאַמענגעפירט, און דידאָזיקע געזעלשאַפט האָט איר פון זיך אַרויסגעשמיסן. ערשט דאַן האָט זיך די פּרינצעסין דערמאָנט אָן איר יידיש פאָלק, קעגן וועלכן זי האָט אַזוי געזינדיקט, און מיט אַ טיףנאַגנדיקן חרטה-געפיל און אַ פלוך אויף די ליפּן פון אירע פאַרפירער האָט זי זיך מיטן גאַנצן פייער פון איר יונגער נשמה איבערגעגעבן איר אַלטן שטאַם.

סידאָניע איז געבוירן געוואָרן דעם 15-טן פעברואַר 1852 אין דער מערישער שטאָט טאָביטשוי. איר פאָטער איז געווען דאָקטאָר צערקאָוויטש, וועלכער האָט געשמט אַלס זייער אָנגעזעענער און הויכגעלערנטער דאָקטאָר. איר ערשטע דערציונג האָט זי געגאָסן פון איר פאָטער אַליין. נאָך גאַנץ יונג האָט זי זיך מיט אירע עלטערן אַריבערגעצויגן קיין ווין, און פון דאָרטן קיין בודאַפּעשט. אין דער אונגאַרישער הויפּטשטאָט האָט סידאָניע דערוואָרבן גרויסע קענטעניש אין דער פראַנצויזישער, איטאַליענישער, דייטשער, אונגאַרישער, טשעכישער און ענגלישער שפּראַך. צו דרייצן יאָר האָט זי שוין פאַרעפנטלעכט

אַרטיקלען אין די בודאַפּעשטער אונגאַרישע און דייטשע בלעטער. אייניקע יאָר האָט זי זיך באַשעפטיקט מיט לערעריי. אונטער דער צייט האָט זיך אין איר אַרויסגעוויזן אַ גרויסער און אַ שטאַרקער טאַלענט צו טעאַטראַלישער קונסט. דאָס האָט איר באַוואויגן אַריבער־צוקלייבן זיך קיין מינכען, וואו זי איז אַריינגעטראָטן אין דער קעניגלעכער טעאַטראַלישער שול. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און זי האָט אויף זיך מיט איר שוישפּילערישן טאַלענט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די גרעסטע קונסט־מבינים. וועגן איר האָט זיך דערוואוסט אויך דער בייערישער קעניג, לודוויג דער צווייטער, וועלכער האָט איר באַשטימט אַ יערלעכע סובסידיע פון דעם מלוכה־אוצר.

פּלוצלונג איז אָבער סידאָניעס שטודיום איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן. אַמאָל, אויף אַ באַל האָט איר דערזען דער גריכישער קרוינפּרינץ טעאָדאָר קאָלאָקאָטראָניס, וועלכער איז אַזוי געוואָרן באַצויבערט פון איר בלענדנדיקער שיינקייט, דאָס ער האָט זיך אין איר באַלד פאַרליבט. סידאָניע האָט דאַן פאַרלאָזן די שול, האָט אָנגענומען דעם גריכיש־פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן און האָט חתונה געהאַט מיט דעם פּרינץ. נאָך דער חתונה איז זי מיט איר מאַן, דעם פּרינץ, אָפּגעפאָרן נאָך דער גריכישער רעזידענץ אַטען, וואו זי האָט זיך געריכט אויפגענומען צו ווערן אַלס פּרינצעסין מיט גרויס פּאַראַד און פייערלעכקייט.

איבערגליקלעך, פול שטאָלץ און האָפענונג אויף אַ גלענצנדיקער צוקונפט, האָט זיך דאָס יידישע מיידל געלאָזט מיט דעם גריכישן פּרינץ אין וועג אַריין. די גאַנצע נסיעה האָט זי זיך געפילט, ווי אַן עכטע מלכה. איר וואָרט איז געווען אַ געזעץ פאַר דער גאַנצער סוויטע, וואָס איז מיטגעפאָרן מיטן פּרינץ, און האָט איר אָפּגעגעבן קעניגלעכן כבוד.

דערדאָזיקער גרויסער גליק האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. ווי זי איז נאָר מיטן פּרינץ און מיט דער סוויטע אָנגעקומען אין דער גריכישער הויפּטשטאָט, איז איר גאַנצער גליק פּלוצלונג אַוועק ווי אין רויך, און אַלע אירע שיינע האָפענונגען זענען געוואָרן צונישט. גאַנץ אומגעריכט האָט זיך סידאָניע דערזען פּנים אל פּנים מיט דער רעאַלער ווירקלעכקייט, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער טרויעריק און ביטער.

## II

דעם פרינצס קעניגלעכע עלטערן זענען אויף אים שטאַרק אויפגע־בראַכט געוואָרן פאַר זיין מאָרגאַנאַטישער חתונה, און באַזונדערס האָבן זיי אים נישט געוואָלט מוחל זיין, דערוויסנדיק זיך, אַז זיין פרוי איז אַ יידיש קינד. די גאַנצע קעניגלעכע פאַמיליע האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט און דער צאָרן פון דעם קעניג און דער קעניגין האָט אַזוי געברענט אויפן פרינץ, דאָס זיי האָבן אים נישט דערלויבט צו באַווייזן זיך פאַר זייערע אויגן, און זיי האָבן אים מתרה געווען, אַז באַם ער צעשיידט זיך נישט מיט דער יידישער פרוי און האָט נישט חתונה מיט אַ קריסטלעכער פרינצעסין, זאָגן זיי זיך פון אים אָפּ אַלס זון, און דורך דעם וועט ער זיך געפינען אין געפאַר צו פאַרלירן אַלע זיינע רעכט און פריווילעגיעס.

דעם פאָטערס קאַטעגאָרישע דערקלערונג איז פאַרן פרינץ גע־ווען אַ טויט־קלאַפּ. די ערשטע מינוטן האָט ער פונדעסטוועגן נישט געוואָלט זען און הערן און האָט אָנגענומען דעם באַשלוס, אָפּצוזאָגן זיך פון דער קרוין מיט אַלע זיינע פירשטלעכע זכיות, אַבי צו פאַר־בלייבן לעבן צוזאַמען מיט זיין געליבטער סידאָניע. די הויף־לייט האָבן אים אָבער איינגיכן אַרונטערגענומען אונטער זייער השפעה. זיי האָבן מיט אים גענומען אייַנטענהן, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט זיך ביי דעם יידישן מיידל, פאַרשוועכט ער דעם כבוד פון די היסטאָרישע טראַדיציעס פונם גריכישן קעניגלעכן הויף. זייערע טענות האָבן ענדלעך געווירקט, און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט דער פרינץ געמאָלדן סידאָניען, אַז ער מוז זיך פון איר שיידן. דערביי האָט ער איר אָנגעבאָטן אַ קאָלאָסאַלן געלט־פּיצוי. סידאָניע האָט אים אָבער מוחל געווען דאָס געלט, און אַנטוישט און נידערגעשלאָגן האָט זי פאַרלאָזט דעם גריכישן האָפן.

זי איז געווען פאַרצווייפלט און האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. פאַרשעמט און געקרענקט, האָט זי זיך נישט געקאָנט באַשליסן אָנצוקומען צוריק אין דער מינכענער קעניגלעכער טעאַטער־שול; זי האָט זיך אויך געשעמט צו פאָרן אַהיים קיין בודאַפּעשט צו אירע עלטערן. עס איז ביי איר געבליבן צו פאָרן נאָך איר געבורטסשטאָט, קיין טאָבישוי.

דאָרט האָט זי באַלד צוריק אָנגענומען איר יידישן פאַמיליע־נאָמען צערקאָוויטש, איז אַריבער קיין ווין, וואו זי איז ווידער געוואָרן אַ לערערין. איר הויפּטבאַשעפטיקונג איז אָבער פון דעמאָלט אָן געווען די ליטעראַרישע טעטיקייט. אַרויסגעטרעטן אין דער ליטעראַטור איז זי אין יאָר 1874 מיט דער דייטשער איבערזעצונג פון אַ בינטל לידער פונם גרויסן אונגאַרישן דיכטער קאַלעמאַן טאָט. נאָכדעם האָט זי פאַרעפנטלעכט אַ ווערק אונטערן נאָמען „די לידער דער מאַרמאָנין”, אין וועלכן זי שילדערט דאָס לעבן פון אַ מאָרמאָנישער פרוי, וואָס איר מאַן האָט עטלעכע ווייבער. דאָס דערמאָנטע ווערק איז געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, דאָס עס איז איבערגעדרוקט געוואָרן עטלעכע מאָל. נאָכהער האָט זי פאַרפאַסט פיל גרעסערע און קלענערע ווערק, צווישן זיי אויך גרויסע קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער און שוישפּיל־קונסט, און אונטער אַנדערן אָפּשאַצונגען פון סאַראַ בערנאַר, וואָלטער, עלעאָנאָראַ דוזע, און וועגן נאָך אַזעלכע באַרימטע בינע־קינסטלער.

די ליטעראַרישע שאַפונג האָט אָפילו סידאָניען געמאַכט פאַרגעסן איר צער און פּיין. אָבער דעם ריכטיקן, אמתן טרייסט, נאָך וועלכן זי האָט אַזוי געבענקט, האָט זי נאָך נישט געפונען. דער שמערץ פון איר גרויסער אַנטוישונג האָט נאָך אין איר צייטנווייז געברענט, ווי אַ העליש פייער. ווי אַ וואָרעם האָט אין איר געעגבערט דער געדאַנק, אַז צוליב אויסערלעכן כבוד איז זי באַגאַנגען אַזאַ גרויסן פאַרברעכן, ווערנדיק אומטריי דער אמונה פון אירע עלטערן און דעם יידישן פאָלק. כּדי צו שטילן איר געוויסן, האָט זי אָנגעהייבן צו זוכן אַן אַריינגאַנג אין דער יידישער געזעלשאַפט, פון וועלכער זי איז ביזאַהער געשטאַנען אָן דער זייט. באַזונדערס האָט זי געשטרעבט צו פאַרקערן מיט נאַציאָנאַל־געשטימטע יידישע פאַמיליעס. נאָך לאַנגע זוכעניש—דאָס איז געווען אין יאָר 1877 — האָט סידאָניע געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אַ ווינער רייכן און זייער געבילדעטן יידישן סוחר, וועלכער איז געווען העכסט נאַציאָנאַל געזאָנען, — גרינוואַלד האָט ער געהייסן — און האָט מיט אים חתונה געהאַט.

ערשט איצט האָט סידאָניע — די אַמאָליקע „פּרינצעסין” — אָנגעהייבן צו גלויבן, אַז זי איז ענדלעך צוגעשוואומען צו יענעם שטילן, רואיקן ברעג, צו וועלכן זי האָט אַזוי שטאַרק געשטרעבט, זינט עס

זענען געוואָרן צערונען אירע זיסע האָפענונגען וועגן דער קרוין פון דער גריכישער מלוכה. ביזאַהער האָט זי זיך נישט אויפגעהערט צו פילן שולדיק פאַר דעם יידישן פאָלק, און האָט אָנגעווענדט אַלע קרעפטן איר שולד צו פאַרגלעטן. דאָס האָט זי געמאַכט אַלס לעבנס-צוועק. דעם ערשטן טריט אויפן וועג צו דעמדאָזיקן צוועק האָט זי געגלויבט צו טאָן, חתונה האָבנדיק מיט אַזאַ שטרענג נאַציאָנאַלן יידן, ווי גרינוואַלד, וועמענס הויז עס איז געווען אַ נעסט פון תורה און חכמה. סידאָניע האָט נאָך אָבער געטאָן אַ ווייטערן שריט: זי איז אַרויס אין עפנטלעכן קאַמף מיט דעם אַנטיסעמיטיזם, וועלכן זי האָט שאַרף אָנגעגריפן אין פּראָזע און אין פּאָעזיע. אין דידאָזיקע אַרטיקלען האָט זי זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַ הייסער יידישער טאָכ-טער, וועלכע איז צוגעבונדן צו איר פאָלק מיט לייב און זעל. דאָס אַלץ האָט נאָך אָבער סידאָניען נישט געבראַכט די פולקומע זעלישע רו, און איר גאַנצן לעבן האָט זי באַדויערט דעם פאַלשן טריט, וואָס זי האָט "עטאָן אין איר יוגנט—מקריב צו זיין דעם גלויבן פון אירע עלטערן צוליב אַ פאַרגענגלעכן מאַטעריעלן צוועק, פון וועלכן ס'האָט זיך צום סוף אויסגעלאָזט אַ טייך...

# גליקעל פאָן האַמעלן.

## I

אַ יידיש-דייטשע שריפטשטעלערין אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, וואָס האָט זיך באַזונדערס באַרימט געמאַכט דורך אירע מעמואַרן, וועלכע אַנטהאַלטן זייער וויכטיקע שילדערונגען פון דעם יידישן לעבן אין מיטל-אייראָפּע נאָך דער תקופה פון דעם פאַלשן משיח שבתי-צבי.

גליקעל איז געבוירען אין האַמבורג אין אַ משפחה פון רייכע סוחרים, בכבודיקע אָרטאָדאָקסן, וועלכע האָבן איר געגעבן אַ רעליגיעזע דערציונג. זי איז געגאַנגען אין חדר, וואו זי האָט געלערנט תנ״ך און העברעיש, אין וועלכע זי האָט געמאַכט זייער גרויסע פּאָרטשריט. ווערנדיק אַ ביסל עלטער, האָבן אירע עלטערן איר גענומען לערער אויך פאַר וועלטלעכער בילדונג, און אין קורצן איז זי געוואָרן באַהאַוונט אויך אין דער דייטשער ליטעראַטור פון יענער צייט.

בעת גליקעל איז נאָך געווען אַ קינד פון אַ פּאָר יאָר, זענען די יידן דורך אַ קייזערלעכן דעקרעט אַרויסגעטריבן געוואָרן פון האַמבורג. אירע עלטערן האָבן זיך דאַן אַריבערגעקליבן וואוינען אין דעם נאָענטן שטעטל אַלטאָנאַ. אין יאָר 1657, בעת די שוועדן האָבן איינגענומען האַמבורג, האָבן זיך אַהין צוריקגעקערט גליקעלס עלטערן. צו פערצן יאָר האָבן די עלטערן אויסגעגעבן גליקלען פאַר אַ וואוילגעראָטענעם יונגן בחור פונם שטעטל האַמעלן, וואו זי איז נאָך דער חתונה געבליבן וואוינען. אין אַ יאָר אַרום האָט זיך דאָס פּאָרפאָלק באַזעצט אין האַמבורג, וואו גליקעלס עלטערן האָבן איינגעאָרדנט פאַר איר מאַן, וועמען מ׳האָט גערופן חיים פון האַמעלן —

אויפן נאָמען פון זיין שטעטל — אַ גרויס געשעפט. חיימלען, וועלכער איז געווען אַן ענערגישער מענטש און סוחריש זייער באַגאַבט, איז באַלד גוט אַוועקגעגאַנגען, און ער איז געוואָרן גאַנץ רייך. גליקעל האָט געפירט אַן עכט אַריסטאָקראַטיש הויז. עס האָבן ביי איר פאַרקערט די גרעסטע האַמבורגער פּערזענלעכקייטן, יידן און קריסטן, וועלכע האָבן זי זייער הויך געשעצט פאַר אירע זעלטענע מעלות.

גליקעל איז געווען אַ מוטער פון זעקס זין און זעקס טעכטער. די פיר עלטערע האָט זי חתונה געמאַכט נאָך פאַר איר מאַנס לעבן. אין יאָר 1689 איז חיים געשטאָרבן, און גליקעל איז געבליבן אַן אלמנה מיט אַכט יונגע קינדער. נאָך איר מאַנס טויט האָט גליקעל געמוזט איבער־נעמען אויף זיך נישט בלויז די דערציונג פון די קינ־דער, נאָר אויך די פירונג פון דעם גרויסן געשעפט. אַ דאַנק איר שטאַרק אַנטוויקלטן פּראַקטישן פאַרשטאַנד, האָט זי געבראַכט דאָס געשעפט צו אַ גלענצנדן מצב און צו אַ היפּשן קאַפּיטאַל.

אַ גליקעלעך לעבן האָבן פאַרבראַכט אויך גליקעלס אויסגעגע־בענע עלטערע טעכטער. זייערע מענער זענען געווען פון די שענסטע יידישע פאַמיליעס אין דייטשלאַנד. דער פאָטער פון איר עלטסטן איידעם, אליהו גאָמפּערץ, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביים קע־ניגלעכן הויף. ביי דער חתונה־פייערונג פון זיין זון האָבן זיך גע־פונען אייניקע מיטגלידער פון דער קעניגלעכער פאַמיליע פון בראַנ־דענבורג. אויך אירע איבעריקע איידעמס האָבן געשמט פאַר זייער אָנגעזעענע און העכסט רייכע לייט.

ווי באַשעפטיקט גליקעל איז תמיד געווען, האָט זי דאָך גע־זוכט און געפונען צייט פאַר ליטעראַרישער אַרבעט, צו וועלכער זי האָט געפילט נאָך פון איר פריסטער יוגנט אַ שטאַרקע נייגונג. אַ באַזונדער תשוקה האָט זי געהאַט צו פאַרצייכענען פון צייט צו צייט אויפן פּאַפּיר אירע איבערלעבענישן. אגב, פלעגט זי שוין ביי זיך פאַרשרייבן פּאַסירונגען און געשעענישן פונם יידישן לעבן בכלל.

גליקעל האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אַז ווי זי גיט נאָר אויס אירע איבעריקע קינדער, וועט זי אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל, צו פאַרברענגען דאָרט אירע לעצטע יאָרן. אָבער נישט אַזוי לייכט טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. די צייט האָט זיך דערווייל גע־

טאָן דאָס איריקע, אינגיכן האָט זיך דאָס רעדל אָנגעהייבן דרייען צוריק, און גליקעלס עסקים זענען אַוועק זייער נישט גוט.

נאָכדעם, ווי גליקעל האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי האָט שוין פאַרלוירן אַ גרויסן טייל פון איר פאַרמעגן, האָט זי אויפגעגעבן איר פּלאַן וועגן ארץ־ישראל, און האָט אין יאָר 1700 — זי איז דאַן געווען אַלט אַ יאָר זיבנאונפופציק — אַ צווייט מאָל חתונה געהאַט פאַר דעם באַנקיר ס ע ר ף ל י וו אַ ו פון מ ע מ ץ. צו איר אומגליק, האָט ליוואו באַלד דעם ערשטן יאָר נאָך זייער חתונה פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן צוזאַמען מיט גליקעלס קאַפּיטאַל. גליקעל איז דאַן אַזוי אַראָפּ פון מעמד, אַז זי האָט געמוזט אָנקומען צו דער שטיצע פון אירע קינדער. דידאָזיקע בייגעשאַפענע לאַגע, נאָכדעם, ווי זי איז געווען געוואוינט צו לעבן פירשטלעך, האָט זי אינגאַנצן אָנטמוטיקט און נידערגעשלאָגן. אין יאָר 1712 איז איר צווייטער מאַן געשטאָרבן, און דעמאָלט האָט זי זיך באַזעצט ביי אירער אַ טאָכטער. כדי צו פאַרטרייבן איר טרויער, האָט זי זיך געזוכט טרייסט אין אירע מע־מוארן, וועלכע זענען ביי איר ביסלעכוויז אויסגעוואקסן אין אַ זייער אינטערעסאַנט און וויכטיק ווערק.

## II

געשריבן איז דאָס ווערק אין יידיש־דייטש, לויט דעם דעמאָל־טיקן סטיל, וועלכער איז געווען געמישט פון העברעישע ווערטער און אויסדרוקן. אירע שילדערונגען זענען דאָס רוב פאַרווירצט מיט מאמרי חז״ל, אַרויסגענומען פון מדרש און גמרא, און מיט ווערטלעך פון אַנדערע יידישע ספרים. גליקעלס אַן אייניקל, חיים האַמעל, דער זון פון משה האַמעל, וועלכער איז געווען רב אין באַיערסדאָרף, האָט דאָס ווערק אינגאַנצן איבערגעשריבן פון זיין באָבעס כתב־יד, און פון דערדאָזיקער קאָפּיע, וועלכע געפינט זיך ביז היינטיקן טאָג אין דער פאַריזער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, האָט עס ערשט אין יאָר 1896, דאָס הייסט אין צוויי הונדערט יאָר אַרום, נאָכדעם, ווי גליקעל

האָט עס פאַרפאַסט, דער פּראָפעסאָר דוד קויפמאַן אַרויסגעגעבן, געדרוקט אין פראַנקפורט אַם מאַין אונטערן נאָמען „די מעמוּאַרן דער גליקעל פאָן האַמעלן".

כדי צו געבן דעם לעזער אַ באַגריף פונם דאָזיקן אינטערעסאַנטן ספר, ברענגען מיר דאָ אייניקע אויסצוגן פון גליקעלס הקדמה לויט איר אייגענעם נוסח און אויסלייג:

„מיין געבורט, מיין איך, איז געוועזן אין יאָר ה׳ת״ז, דאָס איז 1647. דאָס מיך מיינע כשר׳ה פרומע מוטער האָט צור וועלט געבראַכט מיט היקף אונד באַרמהערציגקייט פון דעם גרויסען גאָט; אונד אויב אונזערע חכמים, זעליגען אנדענקען, שוין געזאָגט: „בעסער, דער מענש ווערט ניכט געשאַפען, אַלס דאָס ער געשאַפן איזט", ווייל דער מענש זאָ פיעל אויף דער זינדיגער וועלט מוס אויסשטעהן, זאָ דאַנקע און לויבע איך דאָך מיין שעפּפער, דאָס ער מיך נאָך זיינעם ווילען אונד וואָהלגעפאַלען בעשאַפען האָט, אונד ביטע דען גראָסען, גיטיגען גאָטט, דער וויל ער מיך יאַ נאך זיינעם הייליגען ווילען בעשאַפען האָט, מיך דאָך אין זיינעם הייליגען שוטץ צו נעמען".

אינטערעסאַנט איז איר שילדערונג פונם דעמאָלטיקן יידישן לעבן אין דייטשלאַנד:

„ווער הונגריג געגאַנגען אין מיינעם פאַטערס הויז, איזט זאט ווידער העראויסגעגאַנגען. זיינע קינדער, זאָוואָהל זעהנע אַלס טעכטער, האָט ער לאַסען לערנען „במילי דשמיא ובמילי דעלמא", ד. ה. אין געטליכען אונד וועלטליכען דינגען. איך בין אין האַמבורג געבאָרען, אָבער וויא איך געהערט האַבע פון מיינען ליעבען עלטערן אונד אַנדערן: איך בין קיינע דריי יאהרע אַלט געוועזן, אַלס אַלע בר־ישראלים האבען איינע פערטרייבונג אויס האַמבורג געהאַבט אונד אַללע מוסטען נאָך אלטאָנא ציהען, וועלכעס דעם קעניג פאָן דענעמ[illegible]ק געהערט, אונד גאָטלאָב גוטען שוטץ האַבען. אלטאָנא איזט קוים איינע פיערטעל שטונדע פאָן האַמבורג. אין אלטאָנא האָבען עטליכע יודען געוואָהנט, אונגעפעהר פינפאונדצוואַנציג הויזהאַלטונגען אונד דאָרט האַבען וויר אונדזערע סינאַגאָגע אונד פריעדהאף געהאבט; אַלזאָ האַבען וויר געוואָהנט אין אלטאָנא איינע צייט לאנג. אונד ענדליך אין האַמבורג משתדל געוועזן, דאַס מאַן די איזראַעליטען אין אלטאָנא האָט פאַססען געגעבען, דאס זיא האבען מעגען אין דיא

שטאָדט געהען אונד געשעפטע טרייבען. איין יעדער פאַס האָט גע־גאָלטען אויף פיער וואכען; דעמזועלבען האָט מאָן פאָן דען רעגיע־רענדען בערגערמייסטער פאָן האמבורג בעקאָמען אונד האָט געקאָ־סטעט איינען „האגאַר״, אונד ווען דער פאַס איזט אויס געוועזען, האָט מאָן ווידער איינען נייען מיסען לאָזען, אָבער אויס דען פיער וואכען זינד אָפט אַכט וואכען געוואָרדען, וויל די לייט קונדשאפט מיט דען בערגערמייסטער אָדער מיט דען בעאַמטען געהאבט האָבען. עס איזט דען לייטען נעביך גאָר שווער געפאַללען, דען זיא האבען איהר געשעפט אַללעס מיססען אין דער שטאָדט זוכען, אונד בעזאָנ־דערס דאס נעביך אָרמע דירפטיגע לייט זיין געוועזען. מאַנכע האָבען זיך אָפט געוואגט, אָהנע פאַס אין דער שטאָדט צו שלייכען; ווען זיא דאַן זינד פאָן דען בעאַמטען ערטאַפט געוואָרדען, האט מען זיא איינגעשפערט, האָט אַלעס דאַן פיעל געלד געקאָסט, אונד ליי־דען געהאַבט דאס מאָן זיא ווידער האָט פריי בעקאָמען.

„פריה אָם אַנדערען מאָרגען, זאָבאַלד זיא נעביך אויס דער שוהל זיין געקאָמען, זיין זיא אין דיא שטאָדט געגאַנגען, אונד גע־גען נאַכט, אַלס מאַן דאָס טהאָר האָט וואָלן צומאַכן, ווידער נאָך אַלטאָנאַ געגאַנגען, אונד ווען זיא נעביך הערויס זיין געגאַנגען, דאָס לעבען אָפט נישט זיכער געוועזען פאָן רשעות וועגען פאָן בייזען לייטען אונד לומפען־געזינדעל, דאָס איין יעדע פרוי נעביך האָט גאָט געדאַנקט דאָס זיא איהרען מאַן ווידער געזונט ביי זיך גע־האַבט האָט.

„עס זינד צור זעלביגען צייט קיינע פיערציג הויזהאלטונגען מיט דענזעלבען, דיא פאָן האמבורג נאָך אַלטאָנאַ געקאָמען זינד, אין דערזעלביגע צייט אויך קיינע גראָסע עשירים געוועזען. דאָך איין יע־דער האָט זיך עהרליך ערנעהרט. די רייכסטען לייט אין דערזעלבען צייט זינד געוועזען חיים פירשט, זעלבער איזט איין מאַנן געוועזען פאָן 10,000 רייכסטהאָלערן. מיין זעליגער פאָטער איזט איין מאַנן גע־וועזען פון 10,000 רייכסטהאָלערן, אַנדערע פאָן 6000 אויך פאָן 2000 רייכסטהאָלערן, האַבן זיך אַבער זעהר שעהן געפיהרט, אונד גאָר באהבה ובחבה מיט אנאַנדער געלעבט. אַבער אין יענער צייט האַבען בעסער געלעבט אַלס יעטצט אין דיעזען געשלעכטערן, דאָס דיא ריי־כען לייטע ניכט צו ערזעטיגען זיין. אונד דערויף זאָגען מיר אמן״.

גליקעלס בוך, וואָס זי האָט געשריבן מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק, ווערט אָנערקענט פאַר דער עלטסטער געשיכטע פון די יידן אין האַמבורג.

גליקעל איז געשטאָרבן אין מעטץ אין יאָר 1724, אין עלטער פון זיבנאונזיבעציק יאָר.

## III

גליקעל האַמעל האָט גאָר קיינמאָל נישט געקלערט, אַז אירע זכרונות זאָלן פאַרעפנטלעכט ווערן אין דרוק און אַזוי אַרום פאַר־שפּרייט ווערן אין ברייטע, ווייטע קרייזן. בעת זי האָט געשריבן אירע מעמוארן, האָט זי געהאַט אין זינען בלויז איר פאַמיליע, און איר באַגער איז געווען, אַז דאָס, וואָס זי דערציילט, זאָל ווערן איבערגעגעבן פון די קינדער צו די אייניקלעך; אָבער אַלץ נאָר אין דעם ענגן קרייז פון דער משפחה. און דעריבער האָט זי נישט גע־לייגט קיין באַזונדער ווערט אויף דער סטיליסטישער זייט און האָט עס נישט באַאַרבעט ליטעראַריש. גאַנץ אָפט האָט זי זיך פאַרנומען מיט קלייניקייטן און מיט פּריוואַט־אָנגעלעגנהייטן, אָבער פון דעם קנויל אין פלוג אומבאַדייטנדע פאַקטן אַנטוויקלען זיך אונטער איר פעדער פּראַכטפולע העכסט רעאַליסטישע שילדערונגען פון איר עפּאָכע. די געשעענישן, וועלכע זי האָט פאַרפיקסירט אין אירע מע־מוארן, באַלויכטן אַ שטיק יידישע געשיכטע, פון וועלכער מיר וואָלטן קיין אָנונג נישט געהאַט, און זיי ווערן געלייענט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג.

גליקעל האַמעלן דערציילט, למשל, אַזאַ געשיכטע:

אין האַמבורג האָט אויסגעבראָכן די דזשומע־עפּידעמיע. גליקעל מיטן מאַן און די קינדער זענען אַנטלאָפן צו אירע קרובים קיין האַ־נאָווער. האָט געדאַרפט פּאַסירן, אַז ביי איר יינגסטן קינד האָט זיך באַוויזן אַ געשוויר אונטערן אָרעם. עס האָבן זיך באַלד גענומען טראָגן קלאַנגען, אַז דאָס איז אַ סימפּטאָם פון דזשומע, און אויף

די האַנאָווער יידן איז אָנגעפאַלן אַ גרויס פּחד. העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דעמאָלטיקן רעכטלאָזן מצב פון די יידן איז דער פאַקט, אַז זיי האָבן זיך געשראָקן נישט אַזוי פאַר דער עצם עפּידעמיע, ווי פאַר דעם, טאָמער דערוויסט זיך, חלילה, דער גרויס־הערצאָג פון האַנאָווער וועגן דער געשיכטע. און דאַן וועט מען אַלע יידן אַרויסטרייבן פון לאַנד, און די שולדיקע וועט מען פאַרמשפּטן צום טויט. כּדי נישט צו דערוועקן קיין חשד, האָט מען דאָס קינד מיט דער דינסט אָפּגעשיקט שטילערהייט אין אַ דאָרף לעבן האַנאָווער. מען האָט זיי פאַרשטעלט אַלס בעטלער, און אַן אַלטער אָרעמער פויער מיט אַן אַלטער פרוי האָבן זיי אַוועקגעפירט אין דאָרף אַריין. פון דאָרף פלעגן זיי יעדן טאָג קומען קיין האַנאָווער, צו ברענגען פון דאָרט שפּייז פאַר דעם קראַנקן קינד מיטן דינסטמיידל.

„מיר האָבן אונזער ליבעס קינד אינמיטן הייליקן יום־טוב פון אונז אַוועקגעשיקט. איך וויל יעדן פאָטער און יעדער מוטער דאַריבער אורטיילן לאָזן, ווי אונז איז אויפן האַרצן געווען. מיין מאַן האָט זיך אין איין ווינקל געשטעלט וויינען און מתפּלל זיין, און איך — אין דעם צווייטן. איך האָב דעם שטובמיידל די קליידער פאַרקערט אָנגעטאָן און איך האָב דאָס קינד אין צעריסענע בעטלער־שמאַטעס אָנגעקליידט, און אַזוי זענען מיין גוטעס שטובמיידל, מיין ליבעס קינד, דער אַלטער מאַן און אַלטע פרוי נאָך דעם דאָרף אַוועקמאַרשירט. דאָס קינד זעלבסט איז לוסטיק און פריילעך געווען, ווי אַ קינד, וואָס ווייסט נאָך פון גאָרנישט. מיר, אַנדערע אָבער, וויפל עס זענען נאָר אין האַנאָווער געווען, האָבן געוויינט, צו גאָט געבעטן און דעם הייליקן יום־טוב אין שמערץ פאַרבראַכט"*).

אייניקע זייטלעך פאַרנעמען גליקעלס זכרונות וועגן דעמדאָזיקן צופאַל... זי גיט איבער אויספירלעך אירע אומזיסטע שרעק מיט יסורים, ווייל באמת איז דעם קינדס געשוויר געווען אַ גאַנץ געוויינלעכע וואונד, וועלכע האָט מיט דזשומע גאָרנישט געהאַט צו טאָן. קינסטלעריש שילדערט זי דעם שווערן ביטערן קאַמף, וואָס איר איז אויסגעקומען צו פירן מיט די האַנאָווער יידן און אויך מיט אירע קרובים, זיי זאָלן דערלויבן צוריקברענגען דאָס קינד פון דאָרף. דערביי ווערט זי געשטימט הומאָריסטיש און שרייבט:

„גוט, זאָג איך צו די האַנאָווער יידן, וואָס וועט זיין דער סוף

---

*) ציטירט לויט דעם פאַריידישטן טעקסט פון ש. גאָרעליק אין זיין אַרטיקל: „ווי די באָבע דערציילט."

פון אייערע נאַרישקייטן? איר זעט דאָך, אַז דאָס קינד איז פריש און געזונט, און זיין קראַנקהייט איז נישט קיין געפערלעכע. לאָזט דאָך דעם קינד צוריקקומען".

„די האַנאָווער יידן האָבן זיך וועגן דער זאַך פיל צווישן זיך געעצהט און באַשלאָסן, אַז פריער פאַר שמחת־תורה קאָן דאָס קינד צוריק נישט קומען. אום שמחת־תורה איז אונזער משרת מיכל אַוועקגעגאַנגען, און האָט דאָס קינד צוריקגעבראַכט. ווער עס האָט נישט געזען די פרייד פון מיין מאַן, פון מיר און אַלע אַנוועזנדע, דער קאָן זיך עס גאָרנישט פאָרשטעלן. פאַר שמחה האָבן מיר גע־מוזט וויינען, און יעדער וואָלט דאָס קינד גערן אויפגעגעסן. אַזאַ שיין קינד, וועלכעס האָט נישט זיין גלייכן".

באַזונדערס אינטערעסאַנט באַשרייבט גליקעל דאָס דעמאָלטיקע יידישע פאַרשלאָסענע געטאָ־לעבן. פון דרויסן האָט מען די יידן פאַר־אַכט און גערודפט, אָבער ביי זיך אין געטאָ זענען זיי געווען פרינצן. אין דער עפנטלעכקייט, פאַר לייטן, האָבן זיי געהאַט אַ פנים פון שקלאַפן, אָבער הינטער די טויערן פון זייערע אָפּגעזונדערטע קוואַר־טאַלן האָבן זיי זיך געהאַלטן שטאָלץ און געפירט אַ פּאַטריאַרכאַליש לעבן. זייער כאַראַקטעריסטיש איז דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד:

מיין פאָטער—דערציילט גליקעל האַמעלן—האָט איינמאָל אַ פאַר־נעמען קריסט געבאָרגט אויף אַ משכון 500 רייכסטאָלער. אין אַ גע־וויסער צייט אַרום איז געקומען דער קריסט מיט נאָך צוויי אַנדערע פאַר־נעמע לייט, און האָט געוואָלט אויסלייזן דעם משכון. מיין פאָטער איז אַרויף אויבן נאָך דעם משכון, און די שטיפשוועסטער האָט זיך דערווייל גע־זעצט שפּילן קלאַוויר, כדי די פאָרנעמע הערן צו פאַרווילן. דערווייל האָבן זיך די צוויי הערן אָפּגערעדט צווישן זיך צוצונעמען דעם משכון און דעם חוב נישט צו באַצאָלן. זיי האָבן געפירט דעם שמועס אין פראַנצויזיש, און זיי איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דאָס יונגע יידישע מיידל פאַרשטייט, וואָס זיי רעדן. בעת דער פאָטער איז צוריקגע־קומען מיט דעם משכון, האָט די שטיפשוועסטער, שפּילנדיק, אָנגע־הייבן הויך אויף ה ע ב ר ע י ש צו זינגען: „אום הימלס ווילן, נישט געבן דעם משכון אָן געלט!" דער פאָטער האָט זיך אָפּגערופן צו דעם פאָרנעמען מאַן: „מיין הער, וואו איז דאָס געלט?" אויף דעם האָט געענטפערט דער הער: „גיט מיר דעם משכון." האָט דער פאָטער ווידער געזאָגט: „איך גיב נישט קיין משכון; איך מוז ערשט דאָס

געלט האָבן". האָט אַ זאָגגעטאָן איין פאַרנעמער הער צום צווייטן:
„ברודער! מען האָט אונז אַרויסגעגעבן. די חצופה קען פראַנצויזיש!"

# IV

אויך די תקופה פון שבתי-צבי האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין גליקעלס זכרונות.

„בעת איך האָב געבוירן מיין טאָכטער מאַטע, האָט מען אָנגע-הייבן צו רעדן וועגן שבתי-צבי. אָבער ווי אונז, וועלכע האָבן גע-זינדיקט און האָבן דערלעבט דאָס, וואָס מיר האָבן געהערט, און אין וואָס מיר האָבן זיך איינגעבילדעט. ווען איך טראַכט נאָר, וויפל יונגע מענטשן האָבן דאַן תשובה געטאָן, — דאָס איז דאָך אין דער גאַנצער וועלט באַקאַנט. אָ! הער פון דער גאַנצער וועלט, ווי מיר האָבן געהאָפט, אַז דו וועסט מיט דיין פאָלק ישראל באַרים-האַרציקייט טאָן און עס דערלייזן. דאַן זענען מיר צו אַ פרוי גע-גליכן געוועזן, וועלכע גייט צו קינד און ליידט גרויסע שמערצן און ווייטיקן; זי מיינט נאָך אַלע שמערצן און ווייטיקן מיט אַ קינד באַגליקט צו ווערן, אָבער זי האָט נאָר דעם ווינט געהערט. אַזוי, מיין ליבער גאָט און קעניג, איז אויך מיט אונז געשען. אַלע דיינע ליבע קנעכט און קינדער אין דער גאַנצער וועלט האָבן זיך מיט תשובה, געבעט און וואוילטעטיקייט באַמיט, און דיין ליבעס פאָלק ישראל איז צוויי ביז דריי יאָר לאַנג אויף דער געבויר-שטול געזעסן, אָבער עס איז נאָר ווינט פון דעם אַרויסגעקומען".

„וואָס פאַר אַ פרייד עס פלעגט הערשן, בעת מען פלעגט באַ-קומען בריוו, וועלכע דערציילן פון שבתי-צבי, — איז נישט צום באַ-שרייבן. דאָס רוב בריוו האָבן די ספּרדישע יידן באַקומען. זיי פלעגן מיט די בריוו אין די שולן גיין און עס דאָרט פאַרלייענען. אויך די אשכנזים, יונג און אַלט, פלעגן גיין אין די ספּרדישע שולן, אין די בעסטע יום-טובדיקע קליידער אָנגעטאָן, מיט גרינע, ברייטע זיידנ-בענדער אַרומגעבונדן, כדי דאָרט די בריוו וועגן שבתי-צבי צו הערן.

פיל האָבן זייער האָב און גוטס מיט די הייזער פּאַרקויפט, ווייל זיי האָבן געהאַפט יעדן טאָג דערלייזט צו ווערן. מיין שווער. וועלכער האָט געוואוינט אין האַמעלן, איז פון דאָרט אַוועק, האָט פּאַרלאָזט שטוב און גוטס, באַזעצט זיך אין הילדעסהיים, און פון דאָרט געשיקט צוויי פעסער מיט כל המיני שפייזן: אַרבעס, באָב, געטריקנטע פלוימען, ווייל דער אַלטער מאַן האָט געטראַכט, אַז גיך וועט מען מוזן פון האַמבורג אין דעם הייליקן לאַנד גיין".

דער באַרימטער דייטשער געלערנטער פּראָפעסאָר זאָמבאַרט האָט אַרויסגעזאָגט וועגן גליקעל האַמעלנס מעמואַרן פאָלגנדיקע מיינונג:

„איר דערציילונג איז פון זעלטענער נאַטירלעכקייט און פון אַ האַרץ-דערקוויקנדיקער פרישקייט. איך האָב תמיד וועגן אָט דער פרוי געטראַכט, לעזנדיק אירע זכרונות, אין וועלכע אַ גאַנצער מענטש דערציילט פון אַ וואָרהאַפט רייכן לעבן".

אין די ערינערונגען פון גליקעל האַמעלן זענען צוזאַמענגעמישט אַ לייכט שפּרודלדיקער הומאָר מיט אַ צאַרטן ליריזם, און זיי ביידע מאַכן דאָס ווערק פון דער מערקווירדיקער יידישער פרוי העכסט אינטערעסאַנט און באַלערנד.

# אסתר כהן.

## I

פון עלפטן יאָרהונדערט אָן האָבן די פאַנאַטישע קריסטלעכע מושלים פון אייראָפּע נישט אויפגעהערט צו פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן טערקיי, כּדי אָפּצונעמען בײַ איר ארץ־ישראל מיט דער הויפּטשטאָט ירושלים. די דאָזיקע מלחמות, וועלכע זײַנען באַקאַנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען די „קרייצציגע״ (מסעי־הצלב), האָבן אין זייער צייט אָפּגעקאָסט יידן טייכן בלוט. די אייראָפּעישע קעמפנדיקע אַרמייען האָבן, אָנגערייצט פון אַלערליי העצער, חרוב גע־מאַכט די יידישע קהילות כּמעט אין אַלע ערטער, וואו זיי זײַנען נאָר דורכגעגאַנגען, און האָבן אויסגעשאָכטן מאַסן יידן. די מלחמה האָבן זיי אָבער פאַרשפּילט. ארץ־ישראל איז איבערגעגאַנגען פרייוויליק פון האַנט צו האַנט, און צום סוף איז זי פאַרבליבן בײַ טערקיי.

פון דעמאָלט אָן זײַנען נאָך פון צייט צו צייט געמאַכט געוואָרן פּרואוון מצד פאַרשידענע אייראָפּעישע מאָנאַרכן, וועלכע האָבן נישט געקענט גלייכגילטיק צוזען, ווי טערקיי הערשט איבער דעם הייליקן לאַנד, אַרייַנצולאָזן זיך מיט איר אין נייע מלחמות. אַזאַ פּרואוו האָט אויך געמאַכט אין די ערשטע יאָרן פון זעכצעטן יאָרהונדערט דער דײַ־טשער קייזער קאַרל דער פינפטער, וועלכער איז געווען העכסט רע־ליגיעז און אים האָט זייער געקרענקט דאָס, וואָס דער הייליקער קבר געפינט זיך אין דעם רשות פון סולטאַן. ער האָט דערקלערט טערקיי מלחמה. און די ערשטע צייט האָט אים ווי אַ שיין געטאָן דאָס גליק. זײַן גענעראַל אַנדרעאַס דאָריא האָט באַזעצט אייניקע טערקישע טע־ריטאָריעס, און צווישן זיי די צוויי דעמאָלט באַרימט־געוואָרענע

פאַרטשטעט פּאַטראַס און קאָראָן. דידאָזיקע צוויי שטעט, וועלכע געהערן ביי היינטיקן טאָג צו גריכנלאַנד, האָבן דאַן געהאַט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט זיך דאָרט אונטערן שוץ פון די אָטאָמאַנישע הערשער זייער רואיק געלעבט און זיך געפילט גאַנץ זיכער.

מיטן אַריינגאַנג פונם דייטשן מיליטער האָבן די קריסטלעכע איינוואוינער פון יענע שטעט באַלד פאַרריסן די קעפּ און זיך געוואָרפן אויף דאָס יידישע האָב און גוטס. דער גענעראַל האָט אָבער תיכּף די רויבערייען אָפּגעשטעלט, אַרויסלאָזנדיק אַ באַפעל, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן אָנצורירן דאָס יידישע פאַרמעגן. אין דערזעלבער צייט האָט ער אָבער פאַרעפנטלעכט אַ ווענדונג צו די יידן, זיי זאָלן נעמען „זעקל־פּעקל" און פאַרלאָזן די שטעט און דאָס לאַנד. ער האָט זיי אויף דעם געגעבן אַ טערמין פון דריי טעג.

די יידן פון די דערמאָנטע שטעט, וועלכע זענען דאָרט געווען איינגעפונדעוועט יאָרנלאַנג מיט געשעפטן און אונטערנעמונגען, האָבן באַטראַכט די גזירה פאַר אַ שווערן קלאַפּ פון גורל. נאָר נעמענדיק אין אַכט, אַז ס'האָט נאָך געקאָנט פיל ערגער זיין און אַז זיי האָבן דאָ בערך נאָך גוט אָפּגעשפּילט, האָבן זיי אָפּגעדאַנקט גאָט פאַרן גרויסן חסד, וואָס ער האָט מיט זיי געטאָן, און אַרויסראַטעווענדיק פון זייער פאַרמעגן וויפל ס'איז נאָר געווען מעגלעך, האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין שיפן און זענען אָפּגעפאָרן קיין איטאַליע. איטאַליע האָט זיך אפילו דעמאָלט, אונטער דער השפעה פון די פויבסטן, באַצויגן צו יידן זייער נישט פריינטלעך. און די נייע איינוואַנדערער האָבן געהאַט אַ גאַנץ קנאַפּע האָפענונג צו פאַרבעסערן דאָרט זייער מערכה. זיי האָבן אָבער קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, ווייל דער דייטשער גענעראַל האָט זיי געטריבן, און איטאַליע איז געווען דער נאָענטסטער האַפן, וואו זיי האָבן געקאָנט אויסשטייגן.

## II

צווישן די אַרויסגעטריבענע פּאַטראָסער יידן האָט זיך געפונען איינער פון די דאָרטיקע יידישע פּערזענלעכקייטן, אַ געוויסער יעקב כּהן מיט זיין פרוי אסתּר. דידאָזיקע אסתּר האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זעלטענע מעלות. זי איז געווען אַ בילדשיינהייט, אַ גרויסע מלומדת, זייער קלוג און איידל. אויפן שיף איז זי אַרומגעגאַנגען אַלס טרייסטערין צווישן די צעבראָכענע הערצער, האָט אַלעמען דער-מוטיקט, און קיינעם נישט געלאָזט ביי זיך אַראָפּפאַלן. פאַר איטלעכן האָט זי געהאַט אַ גוט וואָרט, און אַזוי האָט זי כּסדר אויפגעהאַלטן דעם מוט פון די אויסוואַנדערער און זיי אָפּגעהיט פון יאוש. דער-פאַר האָט זי דער גאַנצער יידישער עולם, וואָס האָט זיך געפונען אויפן שיף, געהאַלטן ווי דאָס „אויג פון קאָפּ", און ווען אַנדערע פון זיי האָבן באַמערקט, אַז די קריסטלעכע מיטפאָרער לאָזן פון איר נישט אַראָפּ זייער בליק, האָבן זיי זי ווי ווייט מעגלעך געזען אויסצובאַהאַלטן, און בילדן אַרום איר אַ מין שוץ. לאַנג האָבן זיי אָבער נישט געקענט זי באַשיצן; אין אַ געוויסן טאָג האָט איר באַמערקט דער קאַפּיטאַן פון שיף, און פון דער ערשטער מינוט אָן איז ער צו איר צוגעשמידט געוואָרן. ער האָט געזוכט און געפונען געלעגנ-הייטן צו פאַרפירן מיט איר שמועסן, און מיט יעדן מאָל איז ער געוואָרן צו איר אַלץ מער ליידנשאַפטלעך צוגעטאָן. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, און ער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע, וואָס זי האָט געוויינלעך אָפּגעשטויסן מיט פאַראַכטונג. דאָס האָט אָבער זיין ליידנשאַפט נאָך פיל מער פאַרשטאַרקט, און איינמאָל, אין אַ געשפּרעך, האָט ער, דערזעענדיק, אַז ער וועט מיט דער יידישער פרוי גאָרנישט מאַכן, איר מרמז געווען, אַז ווען זי גיט זיך אים נישט אונטער מיט גוטן, וועט ער זי נעמען מיט בייזן.

דאַן האָט אסתּר ביי אים געפרעגט, ער זאָל איר געבן עטלעכע טעג אויף ישוב-הדעת. די איינציקע טעג האָט זי פאַרבראַכט אין געבעט און געוויין. נישט דערציילנדיק דעם מאַן קיין זאַך, האָט זי זיך אַליין איבערלייגט, וואָס זי האָט דאָ צו טאָן. זי האָט זיך אַרומ-געזען, אַז זי באַזיצט נישט קיין שום מיטלען צו באַפרייען זיך פון

קאַפּיטאַן, וואָס איז דער איינציקער הערשער פון שיף, און אַלע רייזנדער געפינען זיך ביי אים אין האַנט, און ער קאָן מיט יעדן טאָן, וואָס ער וויל, און בפרט מיט אַזאַ שוואַכער יידישער פרוי, ווי זי.

דעם לעצטן טאָג אינדערפרי איז אסתר אַראָפּ פון איר אין טרערן-אויסגעווייקטן געלעגער און, אָנשטעלנדיק אַ פריילעך פּנים, איז זי צוגעגאַנגען צום קאַפּיטאַן און האָט אים דערקלערט, אַז באַטראַכטנדיק גוט זיין פאָרשלאַג, האָט זי זיך אַרומגעזען, אַז די ליבע פון אַזאַ הויכן מאַן, ווי ער, איז פאַר איר אַ גרויס כּבוד, בכן איז זי מסכּים צו ממלא זיין זיין פאַרלאַנג; די זאַך דאַרף נאָך אָבער האָבן עטוואָס געדולט.

דער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט אויף קיין זאַך נישט פאַרקלערט, האָט איר גערן געגלויבט, פילנדיק זיך איבערגליקלעך. די גאַנצע צייט איז ער פון איר נישט אָפּגעטרעטן, און כּסדר נאָר מיט איר אַרומשפּאַצירט איבערן שיף, פאָרשטעלנדיק איר באַצויבערנדע בילדער פון זייער נאָענטן עתיד.

אין אַ געוויסן טאָג, ווי זיי האָבן זיך ביידע אַזוי אַרומשפּאַצירט אויפן פאָרדעק, פאַרטיפט אין אַ שמועס, איז אסתר מיטאַמאָל געבליבן שטיין ביים עק שיף, באַטראַכנדיק כּלומרשט דעם ים און באַוואונדערנדיק דעם פּרעכטיקן וואַסערשפּיגל. פּלוצלונג האָט זי צוגעמאַכט די אויגן און איז האַסטיק אַריינגעשפּרונגען אין ים.

די ערשטע רגע איז דער קאַפּיטאַן אַזוי צעדולט געוואָרן, אַז ער איז געבליבן שטיין, ווי פאַרשטיינערט. אסתרס אַראָפּשפּרינגען אין וואַסער איז פאָרגעקומען אַזוי פּלוצלונג, אַזוי אומגעריכט און אויף אַזאַ וואונדערבאַרן אופן, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון פון דעם, וואָס עס איז דאָ נאָר וואָס געשען. ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער געקומען צו זיך, און האָט תּיכּף באַפוילן אָפּצושטעלן די שיף און אַראָפּלאָזן די רעטונגסשיפלעך. דער באַפעל איז תּיכּף דערפילט געוואָרן, און די מאַטראָזן האָבן אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אים אַרויסצוציען די יידישע פרוי פון וואַסער. זייער מי איז אָבער געווען אומזיסט. די שיינע אסתר איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער טיפעניש פון די וואַסער-כוואַליעס.

דער מאַן פון דער אומגליקלעכער, יעקב כּהן, האָט זיך אויס גרויס פאַרצווייפלונג אויך געוואָלט וואַרפן אין וואַסער; זיינע חברים, די אויסוואַנדערער, האָבן אים אָבער אין דער לעצטער מינוט דער-

פון אָפּגעהאַלטן. אויפהייבנדיק אַ גרויסע יללה, זענען זיי אַלע גע־בליבן ליגן אויף די פּנימער. די העלדישע טאַט פון אסתר כהן האָט זיי אַלעמען איבערראַשט און נידערגעשלאָגן. איר פרייוויליקער טויט אינם נאָמען פון דער יידישער צניעות איז פון זיי באַטראַכט געוואָרן אַלס אמתער מסירת־נפש על קידוש־השם.

דער אין זיין צייט באַרימט־געוועזענער העברעישער דיכטער יהודה־ליב גאָרדאָן האָט דאָסדאָזיקע אויסטערלישע היסטאָרישע גע־שעעניש באַנוצט אַלס סיוזשעט פאַר זיין באַקאַנטער פּאָעמע „במצולות ים", וועלכע וואַרפט אַ דיכטערישן גלאַנץ אויף דער גרויסער יידי־שער מאַרטירערין, וואָס האָט ווייניק איר גלייכן אין אונזער געשיכטע — אסתר כהן.

# חוה בכרך.

### (חוהלע די רביצין).

## I

אין די לעצטע יאָרן פונם זעכצנטן יאָרהונדערט האָט געקלונגען די יידישע וועלט מיט אַן אויסטערלישער פרוי, אַ גרויסע מלומדת, וועלכע איז געווען קלאָר אין תנ״ך און אין גמרא, תלמוד-בבלי און ירושלמי און אין דער גאַנצער רבנישער ליטעראַטור: אין יורה-דעה, פוסקים און שאלות ותשובות פון די גאונים. דערצו האָט זי נאָך גע־שריבן אַ גלענצנדיקן העברעיש אין דעם הויכן ביבלישן מליצה-סטיל. דאָס איז געווען חוה בכרך, אָדער ווי ס׳האָט איר גערופן דער ברייטער עולם: „חוהלע די רביצין״.

חוה איז געבוירן געוואָרן אין דער בעמישער הויפּטשטאָט פּראָג אין יאָר 1585 בערך. איר פאָטער, דער דאָרטיקער רב, ר׳ יצחק בן שמשון הכהן, האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די גרעסטע גאונים פון יענער צייט. איר מוטער, פייגעלע, איז געווען אַן אייניקל פון דעם באַרימטן פּראָגער רב ר׳ לוי בן בצלאל (מהר״ל), וועגן וועלכן עס האָט זיך געשאַפן די לעגענדע, אַז ער האָט געמאַכט אַ ליימענעם גולם, וואָס האָט אים באַדינט, ווי אַ נאַטירלעכער מענטש. נאָך זייענדיק אַ יינג קינד, איז שוין חוה געזעסן צווישן איר פאָטערס דער־וואַקסענע תלמידים, האָט צוזאַמען מיט זיי געהערט דעם „שעור״, און זיך מפלפל געווען אין דברי-תורה, ווי אַן אמתער וואוילערנער.

אין יאָר 1600, בעת חוה איז אַלט געוואָרן 15 יאָר, האָבן אירע עלטערן זי אויסגעגעבן פאַר אַ געוויסן למדן מופלג, ר׳ אברהם שמואל

בכרך, וועלכער איז באַלד נאָך דער חתונה אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין וואָרמס, איינע פון די גרעסטע און עלטסטע יידישע קהילות, וואו ער איז געווען זייער געאַכט. דעם 20 אַפּריל 1615, בשעת מ'האָט אַרויסגעטריבן די יידן פון וואָרמס, האָט דער רב פונם דאָזיקן גירוש זייער פיל געליטן, און איז געבליבן אַן אָרעמאַן. אין פינף וואָכן אַרום האָט חוהן נאָך אַ גרעסער אומגליק פּאַסירט: עס איז איר אָפּגעשטאָרבן דער מאַן.

פאַרבלייבנדיק אַן אַלמנה, האָט חוה, וועלכע איז דעמאָלט אַלט געווען בלויז 30 יאָר, גענומען איר 14-יאָריקן זון און האָט זיך מיט אים צוריקגעקערט קיין פּראָג צו איר מוטער. אין קורצן האָט מען איר אָנגעהייבן רעדן שידוכים מיט די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט; זי האָט אָבער, אויס ליבע צו איר פאַרשטאָרבענעם מאַן, באַשלאָסן, נישט חתונה צו האָבן נאָכאַמאָל. מען דערציילט, אַז אין יאָר 1621 האָט דער פּראָגער רב הכולל, ר' ישעיה הורוויץ, וועלכער איז באַקאַנט ביי די חסידים אונטער דעם נאָמען „דער של"ה הקודש" (אויף דעם נאָמען פון זיין ספר „שני לוחות הברית"), ביי וועמען עס איז אָפּגעשטאָרבן די פרוי, געשיקט אַ שדכן צו חוה בכרך און איר פאָרגעלייגט מיט אים חתונה צו האָבן. דערביי האָט איר דער שדכן דערציילט, אַז ר' ישעיה האָלט ביים אַרויספאָרן קיין ארץ-ישראל. אָבער חוה, ווי זייער זי האָט געגאַרט צו באַזעצן זיך אין ארץ-ישראל, האָט זיך פון דעם שידוך אָפּגעזאָגט. דאַן זאָל דער של"ה האָבן באַמערקט זיינע מקורבים, אַז ער זעט באַשיינפּערלעך, דאָס נאָר זיינע זינד האָבן גורם געווען, ער זאָל זיך נישט קאָנען מזדווג זיין מיט אַזאַ צדיקת.

אין פּראָג איז חוה פאַרבליבן וואוינען ביז איר 24-יאָריקער זון משה שמשון איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס רב אין דער מערישער שטאָט גערינג. זי איז דאַן מיט אים אַהין מיטגעפאָרן, און האָט דאָרט אָפּגעוואוינט ביז איר אויבן דערמאָנטער זון האָט באַקומען די רבנות-שטעל אין וואָרמס, וואו זיין פאָטער איז אַמאָל געווען רב. חוה האָט זיך דעמאָלט באַזעצט ביי איר זון אין וואָרמס, וואו זי האָט אים געהאָלפן טראָגן די לאַסט פון זיין רבנות. האָט אים גאַנץ אָפט פאַרטראָטן אין פסקענען שאלות און אין האַלטן דרשות פאַרן עולם.

חוהס אַן אייניקל, דער רב ר' יאיר חיים בכרך, גיט איבער־

וועגן איר אין דער הקדמה צו זיין ספר „חות יאיר“ (אַ נאָמען נאָך דער באָבען) די פאָלגנדיקע, זייער אינטערעסאַנטע פרטים:

„איך געדענק, אַז מיין באָבע האָט געהאַט אַ „מדרש רבה“ פון אַן אַלטן דרוק. דערדאָזיקער מדרש האָט נישט געהאַט ביי דער זייט קיין פירושים, און זי האָט אים אויסגעטייטשט לויט איר פאַרשטאַנד. אין פיל ערטער האָט זי אויפגעוויזן, אַז דער „מתנות כהונה“, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר דעם ערשטן און בעסטן פירוש אויף מדרש, איז אַראָפּגעקראָכן פון וועג, ווייל ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם ריכטיקן פשט.“ די לומדים פון יענער צייט האָבן אנערקענט פה אחד, אַז אירע דערקלערונגען צום מדרש זענען פיל ריכטיקער. אַזוי פלעגט זי אָפּט שאַרף קריטיקירן די אנגענומענע פירושים אויף פיל ערטער אין „מחזור“ און אין די „סליחות“, און אפילו אין רש״י צו חומש און נ״ך, און די שטאָטישע וואויללערנער פלעגן תמיד האַלטן מיט איר. ווען מען נעמט אין אַכט, ווי הייליק רש״י איז געווען ביי יידן מיט צוויי, דריי הונדערט יאָר צוריק, און איז נאָך ביז היינטיקן טאָג, קאָן מען זיך לייכט פאָרשטעלן, ווי הויך חוה בכרך איז געווען געשעצט פאַר איר גרויסער, אויסטערלישער לומדות.

איר אייניקל, דער דערמאָנטער ר׳ יאיר חיים בכרך, האָט אַ סך פון אירע חדושי־תורה פאַרשריבן אין זיינע ספרים. פיל מאָל האָט פּאַסירט, אַז די גרעסטע רבנים האָבן זיך מתווכח געווען וועגן אַ געוויסער שאלה אין דיני איסור והיתר, און האָבן נישט געקאָנט צווישן זיך דורכקומען. אין אַזעלכע פאַלן פלעגן זיי זיך ווענדן צו „חוהלע די רביצין“, און איר מיינונג איז פון זיי תמיד געוואָרן אָנגענומען.

איין יאָר בסך הכל האָט חוה פאַרבראַכט ביי איר זון אין וואָרמס, און דערנאָך — דאָס איז געווען אין יאָר 1651 — האָט זי באַשלאָסן צו פאַרווירקלעכן איר לאַנגיאָריקע הייסע שטרעבונג, אַרויסצופאָרן און צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. ווי מען דערציילט, זענען אין יעדער שטאָט, וואו זי איז נאָר דורכגעפאָרן אויף איר וועג אין הייליקן לאַנד, אַרויסגעגאַנגען איר מקבל־פנים זיין די שענסטע יידן, וועלכע האָבן איר אָלע אָפּגעגעבן דעם כבוד, וועלכן מען גיט געוויינלעך אָפּ אַ רב. ליידער, האָט אָבער חוה איר גרויסן ציל נישט דערגרייכט. אין דער היינטיקער בולגאַרישער רעזידענץ

סאָפּיע, וועלכע האָט דעמאָלט אָנגעהערט צו טערקיי, איז זי קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. זי איז דאַן אַלט געווען 66 יאָר.

אין פּנקס פון דער וואָרמסער קהילה, וואו חוה האָט געוואוינט, זענען געוואָרן פאַרצייכנט אירע גרויסע, זעלטענע מעלות אַלס פרוי און וואויל-געלערנטע צום אייביקן אָנדענקען.

## II

חוה בכרך איז געוואָרן פאַראייביקט אויך אין אַ ריי פאָלקס-לעגענדעס, וועלכע זענען נאָך עד היום שטאַרק פאַרשפּרייט באַזונ-דערס אין גאַליציע און טשעכאָ-סלאָוואַקיע. מען דערציילט, למשל, אַז בעת זי האָט געוואוינט ביי איר זון משה שמשון, ווען ער איז געווען רב אין דעם מערישן שטעטל גערינג, איז אַמאָל אויף אַ שבת צוהיגעקומען צו פאָרן אַ באַוואוסטער רב פון אונגאַרן, וועלכער האָט געשמט פאַר אַ גרויסן גאון, און האָט באַקומען פונם שטאָט-גבאי די דערלויבעניש צו זאָגן נאָך מנחה אַ „חילוק" אין דער גרויסער שול. האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע האָבן אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער אונגאַרישער גאון איז געקומען קיין גערינג, כדי צו ווייזן דעם עולם, אַז ער שטייגט ר' משה שמשונען אַריבער אין לומדות, און צו פאַרלאַנגען אויף דעם סמך פאַר זיך די היגע רבנות. אַז ר' משה שמשון האָט זיך עס דערוואוסט, האָט ער געהאַט דערפון גרויס צער, און אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר דער מוטער. חוה האָט אים געטרייסט און געזאָגט:

— האָב קיין מורא נישט, מיין זון, טאָמער וועט ער וועלן ווייזן, אַז ער איז אַ גרעסערער גאון פון דיר, וועל איך ווייזן, אַז איך בין אַ גרעסערער למדן פון אים.

— וואָס רעדסטו, מוטער? — האָט איר דער זון געפרעגט שטאַרק פאַרוואונדערט. — ער איז דאָך טאַקע באמת אַ גאון-עולם.

— אָט קוק און שוויג, — האָט זי אים געענטפערט.

שבת נאָך מנחה, בעת דער אונגאַרישער גאון איז אַרויף אויף

דער בימה און האָט אָנגעהייבן זאָגן דעם „חילוק" מיט אַ מימרא פון רמב"ם, האָבן זיך מיטאַמאָל אויפגעריסן די פענסטערלעך פון דער עזרת-נשים, און איבער דער גאַנצער שול האָט געגומען דונערן חוהס קול:

— איר זענט אייך טועה! ס'איז נישט ריכטיק! נישט אַזוי זאָגט דער רמב"ם...

און נישט וואַרטנדיק אויף דעם, וואָס דער גאון וועט אויף דעם ענטפערן, האָט זי אָנגעהייבן צו רעגענען ממש מיט ציטאַטן פון אַלטע און פון נייע ספרים, האָט אָנגעשאָטן מימרות אויף מימרות, האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ פאַרדרייטן, פאַרפּלאָנטערטן פּלפול, פון וועלכן עס האָט זיך נישט אַרויסגעזען קיין סוף, ווייל זי איז ווי אַ פייל פון בויגן געפלויגן פון איין ענין צום אַנדערן, נישט אָפּ-שטעלנדיק זיך אויף אַ מינוט. טאָמער האָט דער גאון געפּרוווט עפענען דאָס מויל און געוואָלט איר אָפּשלאָגן, האָט זי אים כסדר געשריען אַנטקעגן:

— איר זענט אייך טועה! ס'איז נישט ריכטיק! נישט אַזוי זאָגט דער אָדער יענער פּוסק...

און זי האָט אים גאָר אויף דאָסניי פאַרשאָטן מיט מראי-מקומותן פון פּוסקים, ראשונים און אַחרונים, פון וועלכע דער גאַנצער עולם, צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפונען די גרעסטע שטאָט-לומדים, איז געבליבן שטיין ווי פאַרבליפט.

דער סוף איז געווען, — אַזוי דערציילט די לעגענדע, — אַז דער אונגאַרישער גאון האָט איבערגעריסן דעם „חילוק", און איז אינמיטן אַראָפּ פון בימה, און איז נאָך דעמזעלבן מוצאי-שבת, תיכף נאָך הבדלה, אָפּגעפאָרן פון גערינג.

און נאָך און נאָך אַזעלכע לעגענדעס גייען אַרום אין פּאָלק וועגן חוהלע דער רביצין.

# דינה יחייא.

## I

אין די לעצטע יאָרן פונם פופצנטן יאָרהונדערט האָט זיך יידן אין פּאָרטוגאַל נישט שלעכט געלעבט. דער קעניג אַלפאָנז דער פינפטער איז געווען א מלך חסד און האָט זיינע יידישע אונטער־טאַנען באַהאַנדלט נישט ערגער, ווי די קריסטלעכע. ער האָט זיי געגעבן פולע בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט. צווישן זיינע מקורבים האָבן זיך געפונען אויך עטלעכע יידן. אַ באַזונדער התקרבות האָט ער אַרויסגעוויזן אַ געוויסן יידישן געלערנטן, דאָן יוסף אבן־יחייא האָט ער געהייסן, וועלכער האָט געשמט אויך מיט זיין גרויסער פּקחות. מיט דעמדאָזיקן דאָן יוסףן האָט זיך אַלפאָנז גאַנץ אָפט אונטערהאַלטן וועגן פאַרשידענע וויסנשאַפטלעכע ענינים. נישט זעלטן האָט זיך באַטייליקט אין די דערמאָנטע געשפּרעכן אויך דאָן יוסףס עלטערער זון, דוד, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אַלס גרוי־סער העברעישער מדקדק און פילאָזאָף. דער פאָטער מיטן זון האָבן תּמיד געזוכט אויסצונוצן זייער הויכע שטעלונג לטובת די פּאָרטו־גאַלער יידן.

נאָך זייענדיק גאַנץ יונג, האָט דוד אבן־יחייא חתונה געהאַט מיט אַ מיידל פון דער העכסטער יידישער אַריסטאָקראַטיע, אַ בלענדנדע שיינהייט, וועלכע האָט גענאָסן אין איר עלטערן־הויז פון אַ שטרענג רעליגיעזער דערציונג און אַ רייכלעכער וועלטלעכער בילדונג. זי האָט באַזעסן אַ סך יידישע קענטענישן, גערעדט און געשריבן אייניקע שפּראַכן, געווען באַלעזן אין וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע ספרים, און געקרוינט מיט דעם נאָמען „די שיינע דינה".

צו דעם אַלעם האָט זי זיך נאָך אויסגעצייכנט אַלס זייער קלוגע און ענערגישע פרוי מיט אַן אייזערנעם ווילן. אין די געפערלעכסטע מאָמענטן – און אַזעלכע מאָמענטן האָט זי געהאַט נישט ווייניק אין איר לעבן – איז זי ביי זיך נישט געוואָרן אַראָפּגעפאַלן און האָט זיך נישט פאַרלוירן, נאָר געפאַסט מוט און ריטערלעך געקעמפט מיט איר שיקזאַל אויף וויפל ס'האָט זיך געלאָזט.

אין יאָר 1481 איז אַלפאָנז דער פינפטער געשטאָרבן, און דעם קעניגלעכן טראָן האָט געירשנט זיין זון, דאָן זשואַן דער צווייטער. די ערשטע צייט איז ער געגאַנגען אין די וועגן פון זיין פאָטער, און האָט אויך גוטס געטאָן מיט יידן. ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, און ער איז אונטערגעפאַלן אונטער דער השפּעה פון דער קלעריקאַלער, גלחיש געשטימטער הויף-פּאַרטיי, וועלכע האָט אים כּסדר געהעצט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז אין אַ געוויסן טאָג האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אויפן פּאָרטוגאַלישן באָדן, זאָלן זיך שמדן. דערצו האָט ער נאָך באַפוילן, אַז די התחלה זאָל מאַכן נישט קיין אַנדערער, ווי נאָר דאָן יוסף.

דידאָזיקע גאַנץ אומגעריכטע גזירה האָט ביים פּאָרטוגאַלישן יידנטום אַרויסגערופן אַ שטאַרקע צערודערונג. פאַר דאָן יוספן, אַ זקן פון זיבעציק יאָר, איז זי געווען אַ טויט-קלאַפּ. נישט לאַנג קלערנדיק, האָט ער גענומען דודן מיט זיינע צוויי יינגערע זון און איז מיט זיי אַנטלאָפן פון פּאָרטוגאַל, איבערלאָזנדיק דאָרט זיינע שנירן אויף גאָטס באַראָט. דודס פרוי, דינה, וועלכע איז נאָך דאַן געווען אַ יונג ווייבל פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר און האָט גראָד דעמאָלט געשוואַנגערט, איז זיי אָבער נאָכגעלאָפן. זי האָט זיך פאַרקליידט פאַר אַ מאַנסביל און זיך אַריינגעשמוגלט אין דערזעלבער שיף און איז מיט זיי מיטגעפאָרן. ערשט ווען די שיף איז צוגעגאַנגען צום ברעג, האָט זי זיך זיי געלאָזט דערקענען.

אַ לאַנגע צייט האָט זיי די שיף געטראָגן איבער דעם מיטללענדישן ים, ביז זיי האָבן דערגרייכט צו אַ שפּאַנישן ברעג. דאָרט האָט מען זיי אָבער תּיכּף אַרעסטירט, ווייל אין יענער צייט איז יידן געווען פאַרבאָטן אַריינצוקומען קיין שפּאַניע. מ'האָט זיי אַלעמען אַריינגעזעצט אין תּפיסה, און ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַ חקירה ודרישה, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן פּסק-דין, אַז דער אַלטער דאָן יוסף,

אַלס ראש פון דער משפחה, מוז פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט אויפן שייטער-הויפן, און זיינע דריי זין מיט דינהן דאַרפן אַרויסגעטריבן ווערן פון שפּאַניע. אָבער צו דאָן יוספס גליק האָט פּאַסירט, אַז איינער אַ הערצאָג פון יענער געגנט, אַ העכסט ליבעראַלער מענטש, האָט אים גראָד געקענט און, דערהערנדיק וועגן זיין פּראָצעס, האָט ער זיך אַריינגעמישט אין דער זאַך און האָט געפּועלט ביי דער שפּאַנישער מאַכט, מ'זאָל דעם זקן אַרויסלאָזן פון געפענגעניש און דערלויבן זיי אַלעמען פאָרן ווייטער.

די אַנטלאָפענע פּאָרטוגאַלער יידן האָבן זיך ווידער אַריינגעזעצט אין אַ שיף און געלאָזט זיך אין וועג אַריין, נישט וויסנדיק אליין וואוהין. ביי אַ דריי חדשים בערך זענען זיי אַזוי אַרומגעפאָרן איבערן ים, ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער איטאַליענישער שטאָט פּ י ז אַ. האָט גראָד געדאַרפט פּאַסירן, אַז אין יענער צייט האָט דער שוועדישער קעניג קאַרל דער אַכטער געפירט מלחמה מיט איטאַליע, און בעת די שיף מיט די פּאָרטוגאַלער יידישע פּליטים איז צוגעגאַנגען צום ברעג, זענען זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון קאַרלס אַרמיי. באַלד, אין דער ערשטער מינוט, ווי די אָפיצירן האָבן דערזען דינהן, האָבן זיי, נישט קאָנענדיק זיך אָפּוואונדערן פון איר זעלטענער שיינקייט, זי געוואָלט צונעמען מיט געוואַלט. איר מאַן מיט זיינע צוויי ברידער האָבן זיך געפּרואווט שטעלן קעגן די אָפיצירן און זיי האָבן פאַרטיידיקט דינהן מיט אַלע זייערע כוחות. דינה, וועלכע האָט נישט געקאָנט צוזען ווי די גאַנצע פאַמיליע געפינט זיך אין גרויס סכנה צוליב איר, האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעריסן פון די אָפיצירן, איז פון זיי אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין זייער אַ הויכן טורעם. די אָפיצירן האָבן תיכף נאָך איר אַרויסגעשיקט זעלנער, וועלכע האָבן זי עטלעכע שעה כסדר אַרומגעזוכט, ביז זיי זענען ענדלעך דערגאַנגען, אַז זי געפינט זיך אין טורעם. אָנפאַנגס האָט דינה געהאַט בדעה אַריינצולאָזן זיך מיט די סאָלדאַטן אין אַ געראַנגל. זי האָט זיך אָבער באַלד אַרומגעזען, אַז נישט פאַר אַ פרוי, ווי זי, וואָס געפינט זיך נאָך אין אומשטענדן, איז צו קעמפן מיט זעלנער. נעמענדיק דאָס אין אַכט, האָט זי זיך געמאַכט הצרך, און אויסרופנדיק אויפן קול: „בידך אפקיד רוחי״, — האָט זי זיך אַראָפּגעוואָרפן פון טורעם.

## II

די זעלנער, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט דעם טורעם, זענען געוואָרן דערשטוינט, דערזעענדיק, אַז דינה איז פאַרבליבן נישט גע־ניזקט, און אַפילו נישט פאַרוואונדעט. זי איז נאָר געלעגן ווי צעדולט און באַוועגונגסלאָז מיט אויסגעגלאָצטע אויגן צום הימל. די זעלנער האָבן דינהן אויפגעהייבן פון דער ערד און זי אָפּגעפירט אין לאַגער. דער הויפּט־אָנפירער פון דער אַרמיי, אַן עלטערער גענעראַל, האָט געהייסן שמידן דינהן אין קייטן און איינשפּאַרן זי אינם זעלביקן געפענגעניש, וואו עס זענען געזעסן איר שווער מיט זיינע דריי זין. דאָן יוסף האָט פאַרשטאַנען אונטערצוקויפן פאַר אַ גרויסער געלט־סומע דעם גענעראַל, וועלכער האָט זיי אַלעמען באַפרייט. נישט פילנדיק זיך נאָך זיכער מיט זייער לעבן, האָבן זיך די פּאָרטוגאַלער פּליטים געשטעלט אונטער דער שוץ פון דעם פיזאַער הערצאָג.

די ערשטע צייט האָט דער הערצאָג באמת באַשיצט, און זיי האָבן זיך געפילט אונטער זיין שוץ גאָרנישט שלעכט. מען האָט זיך אָבער באַלד דערוואוסט אין שטאָט, אַז די יידישע פאַמיליע האָט מיט זיך אַרויסגעפירט פון פּאָרטוגאַל אַ גרויס פאַרמעגן, און דאָס איז שוין געווען גענוג צו דערוועקן די געלט־גיריקע מושלים צו מאַכן אַ גוט געשעפט מיט דער פרייהייט פון די קיין פיזאַ פאַר־וואָגלטע יידן. ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַ העצעריי קעגן דעם אַלטן דאָן יוסף; מ'האָט אים באַשולדיקט, אַז ער אַגיטירט אינדערשטיל די אנוסים צוריקצוקערן זיך צו זייער יידישן גלויבן, און מ'האָט פאַרפירט קעגן אים אַ פּראָצעס. דערווייל האָט מען אים אַרעסטירט. אין תפיסה האָט מען אים געפייניקט מיט די שרעקלעכסטע עינויים. דער סוף איז געווען, אַז די פיזאַער רעגירונג האָט אַרויסבאַקומען ביי דאָן יוספן ביי אַ צען טויזנט גאָלדענע דוקאַטן, און האָט אים באַפרייט. די אינקוויזיטאָרישע ווערקצייג, מיט וועלכע מ'האָט אים אין תפיסה געפייניקט, האָבן אָבער פאַרקירצט זיין לעבן. אין עט־לעכע טעג אַרום נאָך זיין באַפרייונג איז דאָן יוסף געשטאָרבן.

דערווייל האָט די שיינע דינה אָנגעהייבן צו מערקן, אַז מען לויערט איר נאָך פון אַלע זייטן. ענדלעך האָט זי זיך איבערצייגט,

אַז די רעגירונגסלייט וואַרפן אויף איר אויגן און פאַרשפּרייטן אַרום איר אַ נעץ. דאָס האָט זי באַוואויגן צו פאַרלאָזן פּיזאַ, און אין אַ פינסטערער נאַכט איז זי אַנטלאָפן קיין פלאָרענץ, וואו זי האָט באַלד געבוירן איר בכור, וועמען זי האָט אַ נאָמען געגעבן יוסף, נאָך איר מאַנס פאָטער. דערדאָזיקער יוסף איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס גרויסער געלערנטער און פילאָזאָף, און האָט באַרייכערט די העברעישע ליטעראַטור פון מיטלאַלטער. אינגיכן איז צו דינהן געקומען איר מאַן, ר' דוד אבן-יחייא, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר אַ רב אין נעאַפּאָל. דאָרט האָט זיך דינה אַלס רביצין אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער גרויסקייט. זי איז געווען אַ מוטער נישט בלויז פאַר איר קהילה, נאָר אויך פאַר די מאַסן געטרודפטע יידן פון אַנדערע לענדער, וועלכע זענען געקומען אָדער געבראַכט געוואָרן געפאַנגען קיין נעאַפּאָל. קיין לאַנגע רו איז אָבער דינהן נישט געווען באַשערט. און יאָר 1540 איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן נעאַפּאָל. פון דעמאָלט אָן איז דינהן מיט איר פאַמיליע אויסגעקומען אָפּצוריכטן גלות און ארומצוּוואַנדערן פון אָרט צו אָרט, ביז זיי האָבן זיך צום סוף באַזעצט אין דער איטאַליענישער שטאָט אימאָלאָ.

די שיינע דינה האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ באַרימטן נאָמען אויף דורות-לאַנג

# חוה פראַנק

## I

חוה פראַנק איז געווען די טאָכטער פון דעם טרויעריק באַוואוסטן יעקב פראַנק, וועלכער האָט אין דער צווייטער העלפט פונעם אַכטצנטן יאָרהונדערט געזוכט צו פאַרשפּרייטן צווישן יידן, אַ פריער אין דער וואָלאַכיי און דערנאָך אין גאַליציע, פּאָדאָליע און פּוילן, די געהיימע לערע פון דעם פאַלשן משיח שבתי-צבי. דורך זיין השתדלות האָבן זיך אין די דערמאָנטע לענדער געגרינדעט פאַרבאָרגענע חברות פון לומדים און מקובלים, וואָס האָבן געלערנט יום ולילה דעם „זוהר" און אַלערליי אַנדערע קבלה-ספרים, פון וועלכע זיי האָבן געוואָלט דרינגען, אַז שבתי-צבי איז גאָר באמת נישט געשטאָרבן, און אַז מען דאַרף דערוואַרטן, אַז ער וועט נאָך ווידער אַראָפּקומען צו באַלויכטן די יידישע וועלט. פאַר דיזאָזיקע חברות, וועלכע האָבן געהאַט אַלס מיטגלידער אי מאַנסביל, אי פרויען, האָט יעקב פראַנק מתקן געווען אַ באַזונדער מין גאָטעס-דינסט, וואָס איז באַשטאַנען פון זינגען קאַפּיטלעך תהלים אויף דעם לשון פון „זוהר", מיט משונהדיקע ווילדע און אויסגעלאַסענע טענץ. דערביי האָט פראַנק געפּסקענט, אַז די דינים פון דער גמרא מיטן שלחן-ערוך דאַרפן נישט אָפּגעהיט ווערן, און אַז דער עיקר איז בלויז די קבלה. דאָס אַלץ האָט צום סוף געפירט דערצו, אַז אונטער דער מאַסקע פון זייער נייער לערע האָבן די פראַנקיסטן אייַנגעריסן נישט בלויז מיט די יידישע טראַדיציעס, נאָר אויך מיט דער מענטשלעכער מאָראַל, האָבן אייַנגעפירט צווישן זיך אַ הפקר-לעבן און זיך פאַרגעטאָן אין הוליטייסטווע און אויסגעלאַסנקייט.

ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אויב די פרומע, גאָטס-פאָרכטיקע יידן פון יענעם דור זענען געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט אויף דערדאָזיקער סעקטע, וועלכע האָט זיך אונטערגעגראָבן אונטער די הויפט-יסודות פון יידנטום. עס האָבן אויסגעבראָכן גרויסע מחלוקתן מיט מסירות פאַר דער רעגירונג פוןביידע צדדים. די רבנים אין גאַליציע און פּאָדאָליע האָבן די פראַנקיסטן אַריינגעלייגט אין חרם, און האָבן מכריז ומודיע געווען אין דער וועלט, אַז אַלע יידן מוזן זיך פון דערדאָזיקער סעקטע מרחק זיין און נישט האָבן מיט אירע אָנהענגער קיין שום מגע ומשא.

שטיצנדיק זיך אויף די מסירות, האָט די פּוילישע רעגירונג געפונען פאַר נייטיק זיך אַריינצומישן אין דעמדאָזיקן ענין. ווי עס איז געווען דער שטייגער פון יענער צייט, איז די זאַך איבערגעגעבן געוואָרן די קאַטוילישע בישאָפן, וועלכע האָבן, כדי אויסצעפאָרשן ריכטיק די זאַך, איינגעאָרדנט עפנטלעכע רעליגיעזע וויכּוחים צווישן די רבנים מיט די אָנפירער פון די פראַנקיסטן.

דידאָזיקע דיסקוסיעס האָבן זיך פון צייט צו צייט איבערגעחזרט, און זייערע רעזולטאַטן זענען געווען נישט קיין גלייכע. עס זענען געווען בישאָפן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט לטובת די פראַנקיסטן. דער בישאָף פון קאַמעניעץ פּאָדאָלסק, למשל, האָט איינגעפונען, אַז גערעכט זענען די, וועלכע האַלטן פאַרן „זוהר" און זענען קעגן דער גמרא, און ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די רבנים מוזן פאַרגיטיקן די פראַנקיסטן פאַר זייער בזיון מיט אַ געוויסער געלט-סומע, און אַז מ'זאָל צונויפנעמען אַלע ש"סן קיין קאַמעניעץ-פּאָדאָלסק, און זיי דאָרט פאַרברענען. די גזירה וואָלט געוויס פאַרווירקלעכט געוואָרן, אָבער עס האָט גראָד פּאַסירט, אַז יענער בישאָף איז פּלוצלונג געשטאָרבן. דערפאַר זענען אויך געווען אַזעלכע בישאָפן, וואָס האָבן געהאַלטן מיט די רבנים.

כדי צו פאַרענדיקן איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט די רדיפות מצד די פרומע יידן, האָט זיך פראַנק מיישב געווען און אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז דער „זוהר", אויף וועלכן עס שטיצט זיך די לערע פון זיין סעקטע, איז נוטה צום קריסטנטום. דידאָזיקע דערקלערונג האָט אויף דער קאַטוילישער יעראַרכיע געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. מ'האָט זיך אָבער צו איר באַצויגן מיט ווייניק גלויבן. מ'האָט עס געהאַלטן בלויז פאַר אַ שיינעם זשעסט, אין וועלכן עס איז

אָבער גישטאָ קיין שפור אמת. מ׳האָט דעריבער מרמז געווען פראַנקן, אַז מען פאַרלאַנגט פון אים אַ קאָנקרעטן צייכן. תחילת האָט עס אַריינגעבראַכט פראַנקן אין גרויס פאַרלעגנהייט. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, און ער איז אַראָפּגעקומען און האָט דערציילט די חברים א ספור-המעשה, אַז „שבתי-צבי" אליין האָט זיך צו אים אַנט-פּלעקט, און אים געהייסן אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. ער האָט אַזוי פאַרשטאַנען צו פאַרפלאָנטערן די אומוויסנדע מיטגלידער פון דער סעקטע, אַז זיי זענען איינגעגאַנגען אויף זיין פאָרשלאַג, און האָבן צוזאַמען מיט אים אָנגענומען די קאַטוילישע אמונה. פונדעסט-וועגן זענען זיי נאָך פאַרבליבן פעסט ביי זייער גלויבן אין שבתי-צבי און ביי זייער באַזונדערן גאָטעסדינסט און אייגענע מנהגים. זיי האָבן זיך, אַחוץ מיט זייערע חברים, מיט קיינעם נישט געחברט, זיי האָבן אויך שידוכים געטאָן נאָר צווישן זיך, און געהאַלטן פראַנקן פאַר דעם הייליקן פאָרשטייער פון זייער אמונה. די גלויביקע קאַ-טאָליקן האָבן עס באַמערקט, און דאָס איז זיי שטאַרק נישט גע-פעלן געוואָרן. מען האָט אָנגעהייבן מאַכן וועגן פראַנקן חקירות ודרישות אַזוי לאַנג, ביז מען איז דערגאַנגען, אַז מיט אַ צייט צוריק, בעת ער האָט געוואוינט אין טערקיי, האָט ער אָנגענומען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. מ׳האָט פראַנקן פאַרמסרט פאַר דער רעגירונג, און אויף איר באַפעל איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין וואַרשע. דער קאַטוילישער אויבערשטער טריבונאַל האָט דאַן פראַנקן פאַרמשפּט צו לעבנסלענגלעכער תפיסה אין אַ טשענסטאָכאָווער מאָנאַסטיר.

אין יענער צייט — דאָס איז געשען אין יאָר 1760 — איז געשטאָרבן געוואָרן זיין טאָכטער חוה, אַ זייער גרעסעטע, און האָט זיך נאָך פון קינדווייז-אָן זייער באַליבט געמאַכט ביי דער גאַנצער סעקטע.

# II

אין טשענסטאָכאָווער מאַנאַסטיר האָט פראַנק פאַרבראַכט 13 יאָר. בעת פוילן איז געוואָרן צעטיילט צווישן די דריי גרעסטע אייראָפּעישע מלוכות, און טשענסטאָכאָוו איז אַריבער צו די רוסן, האָבן זיי באַלד פריינקן באַפרייט.

די גאַנצע צייט, וואָס פראַנק איז געזעסן אין טשענסטאָכאָוו, האָבן זיינע אָנהענגער געזאָרגט פאַר דעם גורל פון זיין טאָכטער, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אַ בילדשיין מיידל. ביסלעכווייז האָבן די פראַנקיסטן אָנגעהייבן קוקן אויף דאָס מיידל, ווי אויף אַ הייליקן, וועלכע האָט אין זיך פיל ניצוצות פון אַ הויכער הימלישער נשמה, און האָבן זי נישט אָפּגעלאָזט פון אויג. יעדער פון די חברים האָט אָנערקענט, אַז חוהן שטייט פאַר צו שפּילן אַן אויסטערלישע ראָלע אין דעם לעבן פון דער סעקטע, און דעריבער האָט מען געזען צו באַפרידיקן אַלע אירע באַדערפעניִשן.

נאָכדעם, ווי מ׳האָט פראַנקן באַפרייט פון תפיסה, איז ער אַריבער וואוינען מיט זיין פאַמיליע קיין ברין, די דעמאָלטיקע הויפּט-שטאָט פון מערן. אַהין פלעגן קומען פון פוילן מאַסן מענטשן, וועלכע פלעגן מיט זיך מיטברענגען די טייערסטע מתנות. כמעט דער גאַנצער זיך צוזאַמענגעקליבענער עולם פלעגט האָבן אין זינען נאָר די שיינע „הייליקע” חוהן, וועלכע האָט שוין דאַן געפאַנגען ממש אַלעמענס הערצער.

אַזוי האָט חוה אָנגעהייבן ביסלעכווייז שפּילן אין דער סעקטע יענע גרויסע ראָלע, וועלכע מ׳האָט איר פאָרויסגעזאָגט. נעמענדיק דאָס אין אַכט, האָט פראַנק קאָנצענטרירט אין חוהן אַלע זיינע אויס-טערלישע האָפענונגען אויף דער צוקונפט, און האָט זי גענומען אַרומפירן איבער דער גרויסער וועלט. עטלעכע מאָל האָט ער חוהן געבראַכט קיין ווין, וואו ער האָט זי פאָרגעשטעלט פאַר דער קע-ניגין מאַריאַ-טערעזאַ, וועלכע האָט זיך פון איר נישט געקאָנט אָפּוואונדערן, און צוליב איר האָט זי צו זיך מקרב געווען אויך דעם פאָטער, אין וועלכן זי האָט געמיינט צו באַגריסן דעם פאַרשפּרייטער פון דעם קריסטלעכן גלויבן צווישן יידן. אַ באַזונדערס שטאַרקן איינ-

דרוק האָט חוה געמאַכט אויפן עסטרייכישן קיסר פראַנץ יאָזעף דער ערשטער, וועלכער האָט זי נישט אויפגעהערט צו האַלזן און קושן.

פראַנק, וועלכער האָט זיך שוין געפילט שוואַך פון זיינע שווערע איבערלעבענישן, האָט באַשלאָסן צו מאַכן חוהן פאַר זיין גייסטיקער יורשטע אַלס אָנפירערין פון דער סעקטע. ער האָט מיט איר געלערנט דעם „זוהר" און ספרים פון אַנדערע מקובלים; ער האָט מיט איר איינשטודירט די מנהגים פון דער סעקטע און די פאַרשידענע צערע־מאָניעס פון דעם פראַנקיסטישן גאָטעסדינסט. ער האָט איר אויך גע־געבן די נייטיקע אָנווייזונגען, ווי צו דרשענען פאַרן עולם. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט חוה באַוויזן, אַז זי האָט שוין אין דידאַזיקע אַלע למודים אויף זייער פיל איבערגעשטיגן דעם פאָטער.

פראַנק האָט שוין געהאַט בדעה צו פאַרבלייבן אויף שטענדיק אין עסטרייך, וואו די מאַכט האָט אים צוערשט אַרויסגעוויזן גרויס התקרבות. מ'האָט אָבער פון פּאָדאָליע אַריינגעשיקט קיין עסטרייך מסירות אויף דער סעקטע, אַז אירע מיטגלידער זענען נישט קיין יידן און נישט קיין קריסטן, און אַז זיי זענען גאָר אָנהענגער עפּעס פון אַן אַנדער משונהדיקן גלויבן. דאַן האָבן פראַנק מיט זיין טאָכ־טער געמוזט פאַרלייגן זייער רעזידענץ אין אַן אַנדער אָרט.

ווערנדיק אויף אַזאַ אופן דערווייטערט פון עסטרייך און אָפּ־געריסן ממילא פון „הויף", וואו די שיינע חוה האָט שוין באַוויזן צו ווערן אַ שטענדיקער אָנגעלייגטער גאַסט, האָט עס פראַנק אין אָנהייב באַטראַכט אַלס אַ טויטקלאַפּ. ער האָט אָבער באַלד געפונען אַ טרייסט אין דעם, אַז יואו חוה זאָל נאָר נישט זיין, וועט זי אוי־מעטום באַזיצן דעם צויבער צוצוציען צו זיך מאַסן מענטשן. און כך הוה. זיי האָבן זיך באַזעצט אין אָפּענבאַך, אַ קליין דייטשיש שטעטל, און אינגיכן האָבן אַהין גענומען שטראָמען טויזנטער מענטשן, באַזונדערס פון פּוילן, וועלכע האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַזויפיל געלטמיטלען, אַז עס האָט געקלעקט פראַנקן איינצופירן ביי זיך ממש א פירשטלעך לעבן מיט די טייערסטע שפּייזן און געטראַנקען, מיט פערד און עקיפּאַזשן. כדי נישט צו ווענדן אויף זיך און אויף זיין טעטיקייט קיין באַזונדער אויפמערקזאַמקייט, האָט ער זיך געהייסן רופן פון אַלעמען: „באַראָן פאָן פראַנק".

## III

דערווייל איז פראַנק געוואָרן אַלט און שוואַך, און אים איז שוין געווען אוממעגלעך אויפצונעמען אַליין דעם גאַנצן המון פון זיינע אָנהענגער, וואָס האָבן געשטראָמט צו אים פון די נאָענטע און זאַגאַר ווייטע לענדער. דאָס רוב האָט ער פאַרבראַכט אָפּגעזונדערט פון לייט אין אַ באַזונדער חדר, און פאַרן עולם פלעגט ער זיך באַווייזן זייער זעלטן. קורץ פאַרן טויט האָט ער איבערגעגעבן די הערשאַפט איבערן המון זיין איינציקער טאָכטער חוהן, וועלכע האָט באַקומען דעם נאָמען „די הייליקע פירערין".

אינגיכן האָט חוה אָנגעהייבן זאָגן „זוהר" פאַר די צונויפגעפאָרענע טויזנטער פראַנקיסטן. אָבער פיל מער ווי זי האָט געווירקט אויפן עולם דורכן „זוהר", האָט זי אויף אים משפיע געווען דורך איר אויסגעלאַסענער אויפפירונג, וועלכע זי האָט דערקלערט פאַר דער וויכטיקסטער דאָגמע פון דעם פראַנקיסטישן גלויבן. פון אַלע זייטן האָט מען איר געבראַכט פיל געלט און געשענקען, וועלכע האָבן איר געגעבן די מעגלעכקייט צו פירן זייער אַ רייכן שטאַט, וואָס האָט אַלעמען ממש פאַרבלענדט די אויגן.

אַ באַזונדערס גרויסע ראָלע האָט חוה גענומען שפילן נאָכן טויט פון איר פאָטער אין יאָר 1791. פון דעמאָלט אָן איז זי געוואָרן די אַליינהערשערין איבער דער גאַנצער סעקטע, וועלכע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און האָט זיך פאַרשפּרייט אין פאַר־שידענע קלענערע און גרעסערע לענדער. איצט האָט זי שוין געמוזט נאָכאַנאַנד דרשענען און תורה זאָגן. תמיד איז פאַר איר געלעגן אָפן דער „זוהר" און אַנדערע קבלה־ספרים. זי איז אַפילו אין דידאָזיקע זאַכן נישט געווען קיין באַזונדערס גרויסע ידענטע, און דער קלענסטער למדן וואָלט איר גאַנץ לייכט געקאָנט שטרויכלען. צו איר גליק האָט זי אָבער געהאַט צו טאָן מיט איינפאַכע, פשוטע יידן, וועלכע האָבן, נישט נעמענדיק אין באַטראַכט, צי זיי פאַרשטייען וואָס זי זאָגט פאַר זיי, אָדער נישט־געשלונגען אירע ווערטער, האַלטנדיק זיי פאַר הייליק און דערהייבן. אגב, איז ביי דעם גרעסטן רוב פון דעם אָנגעפאָרענעם עולם געווען דער עיקר נישט דאָס, וואָס זיי האָבן גנ-

הערט, נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן געזען. מ'איז געקומען הויפּטזעכ־לעך, כּדי צו זעטיקן זיך אָן חוהס אויסטערלישער שיינקייט, וועלכע האָט איר געמאַכט אַ נאָמען אין דער גאַנצער וועלט און האָט צו איר ווי מיט אַ צויבערקראַפט צוגעצויגן די הערצער פון טויזנטער מענטשן.

חוה האָט פאַרשטאַנען זיך באַליבט צו מאַכן ביים פאָלק נישט בלויז דורך איר בלענדנדער שיינקייט, נאָר אויך דורך איר גוטהאַר־ציקייט. וועגן איר צדקות האָט מען דערציילט גאַנצע לעגענדעס. זי האָט ממש געשאָטן מיט די גרעסטע נדבות אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט אונטערשיידנדיק דערביי צווישן יידן און קריסטן. וואו נאָר אָרעמע און עלנטע, וואו נאָר פאַרצאָגטע און פאַרביטערטע הער־צער,—אַלע האָבן זיי געפונען ביי חוהן הילף און טרייסט. זי פלעגט אַליין אין די שפּעטע אָוונט-שעהן אַרומבלאָנדזשען איבער די הינ־טערשטע שטאָט-געסלעך, וואו עס וואוינט, געוויינלעך, די אומפאַר־מעגלעכערע באַפעלקערונג, אום אויסצוזוכן די נויטבאַדערפטיקע, און אַרויסהעלפן זיי פון זייער נויט. מען האָט דערציילט, אַז ביי אירע רייכע טישן פלעגן תמיד זיצן הונדערטער הונגעריקע, מאַנסביל און ווייבער, פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט.

חוה האָט זיך כּסדר אַרומגעטראָגן מיטן חלום חתונה צו האָבן און צו געבוירן דעם ווירקלעכן משיח, וועלכער וועט האָבן די מיסיע אויסצולייזן די יידן פון גלות און באַפרייען די וועלט פון די איר מיט געוואַלד אָנגעבונדענע געזעצן און לערעס. זי האָט זיך אָבער נישט געקענט צופּאַסן קיין חתן, וועלכער זאָל זיין ראוי צו זיין דער מאַן פון דער „היילִיקער אָנפירערקע" און צו שטיין בראש פון דער גרויסער פראַנקיסטישער סעקטע. די יונגעלייט, וואָס האָבן זיך צו איר געשדכנט, זענען געווען וויניק, אָדער גאָרנישט אינטע־ליגענט, און מיט אַזעלכע האָט זי זיך נישט געוואָלט פאַרבינדן. זי האָט אַזוי געקליבן און געקליבן די חתנים, ביז זי אַלט געוואָרן עט־לעכע און דרייסיק יאָר.

ביסלעכווייז זענען אירע האָפענונגען צו געבוירן משיחן אַוועק ווי רויך. דאָ האָט זיך חוה ווידער אַריינגעלאָזט אין גרויס אויסגע־לאַסנקייט, און איר פּאַלאַץ איז געוואָרן אַ נעסט פאַר די ווילדסטע אָרגיעס. דעם „זוהר" מיט די איבעריקע קבלה-ספרים האָט זי שוין פאַרבויגן און אַוועקגעלאָזט אָן אַ זייט, און האָט גענומען איינשמועסן

דעם אומוויסנדן עולם, אַז דער גלויבן באַשטייט נאָר אין „לעבן אַ גוטן טאָג". און זי, חוה אַליין, האָט געוואָלט דינען אַלס מוסטער און באַווייזן באַשיינפּערלעך, וואָס עס הייסן אַזוינס „גוטע טעג". דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אירע ריזיקע הכנסות האָבן נישט גע־קלעקט צו דעקן אירע הוצאות. זי האָט דאַן געפּרואווט באַשטייערן אירע מאַסן אָנהענגער, און דער עולם האָט איר געטראָגן געלט פון אַלע זייטן. פאַר איר איז דאָס אָבער געווען צו ווייניק, און איר מצב איז געוואָרן געדריקטער פון טאָג צו טאָג.

## IV

דערווייל האָט זיך די צייט געטאָן דאָס איריקע. חוה האָט זיך געעלטערט, און מיט דער עלטער האָט גענומען אָפּבליען איר שיינ־קייט. איר פּנים האָט באַקומען קנייטשן, און מיט יעדן קנייטש האָט זי אַלץ מער פאַרלאָרן איר אַמאָליקע צוציונגסקראַפט. דאָס האָט גע־מאַכט, אַז די צאָל פון אירע אָנהענגער זאָל זיך פאַרמינערן מיט יעדן טאָג. דערצו זענען נאָך פיל פון די פראַנקיסטן אויסגעשטאָרבן. טאָמער זענען אויף זייער אָרט אויסגעוואַקסן אַנדערע, נייע פראַנ־קיסטן, זענען זיי שוין אָבער געווען נישט אַזוי שטאַרק צוגעבונדן צו דעם משיח־גלויבן פון דער סעקטע, ווייל חוה האָט שוין איצט נישט פאַרמאָגט איר פריערדיקן כּוח אָנצופייערן די מאַסע און אַריינ־געבן אין איר התלהבות צו דעם אידעאַל פון איר פאָטער. דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז אירע הכנסות זענען אַ סך ווייניקער געוואָרן. און געשען איז עס אין דער צייט, וואָס איר רייך, כּמעט פירשטלעך לעבן, איז פאַרבליבן דאָסזעלבע, וואָס געווען, ווייל זי האָט זיך בשום אופן נישט געקענט אָפּגעוויינען פון דעם לוקסוס, אין וועלכן זי האָט זיך דערצויגן און אָפּגעלעבט די גאַנצע צייט. דורכדעם האָט זיך חוה ענדלעך פאַרפּלאָנטערט אין חובות, וועלכע האָבן באַטראָפן אַ סך מיליאָנען גולדן.

אריינקומענדיק אין אזא פאַרלעגנהייט, האָט חוה נישט געפונען פאַר זיך קיין אַנדער מיטל, ווי נאָר אויסצופּועלן ביי די דריי עלטסטע מיטגלידער פון דער סעקטע, וואָס האָבן תּמיד געוואוינט אין איר פּאַלאַץ, פאַנאַנדערצושיקן בריוו אין אַלע יידישע קהילות, וואו עס געפינען זיך נאָך פראַנקיסטן און שבתי-צביניקעס, מיט דער בקשה, נישט צו לאָזן פאַלן די „הייליקע אַנפירערקע", אויף וועלכער עס רוט דער גרויסער גייסט פון איר פאָטער, און וועלכע איז געוואָרן באַשטראָפט צוליב די זינד פון די אומגלויביקע, און זען צו דערהאַלטן זי אין איר ביזאַהעריקער דערהייבנקייט. די בריוו האָבן געמאַכט אַ רושם. גאָר אינגיכן האָבן אָנגעהייבן אָנקומען גרויסע סומעס געלט פון בעמען, באַזונדערס פון דער הויפּטשטאָט פּראָג, וואו די סעקטע האָט נאָך געהאַט פיל אָנהענגער, און אויך פון רוסלאַנד. דאָס איז נאָך אָבער פאַר איר אַלץ געווען צו ווייניק, ווייל אונטער דער צייט האָבן זיך שטאַרק פאַרמערט די הוצאות. חוה האָט זיך דאַן אָפּגעבעטן ביי אירע בעלי-חובות, זיי זאָלן איר וואַרטן ביז אַ געוויסן טערמין. זי האָט געהאָפט צו באַקומען דורך נייע צירקולאַרן נייע סומעס געלט. איר האָפענונג איז אָבער נישט מקוים געוואָרן. די נייע צירקולאַרן האָבן שוין אויפן עולם נישט געווירקט. דאַן האָבן זיך אירע בעלי-חובות צוזאַמענגערעדט און אויסגעפּועלט ביי דער מאַכט, מ'זאָל חוהן אַרעסטירן.

פאַר דער „הייליקער" חוהן איז דערדאָזיקער פּסק-דין נאָך געווען ערגער פון טויט. צו שטאַרבן פאַר אירע אידעען — אַזוי האָט זי דערקלערט אירע מקורבים — וואָלט זי געווען צופרידן, ווייל דאָס וואָלט איר געקרוינט אַלס מאַרטירערין, און דער סעקטע וואָלט עס פאַרשאַפט גרויס כּבוד. אָבער איינגעשפּאַרט צו ווערן אין תּפיסה צוליב פרעמד געלט אַלס באַנקראָטניצע, — דאָס איז אַ חרפּה, וועלכע זי וועט נישט איבערלעבן. דידאָזיקע חוהס דערקלערונג האָט געמאַכט אויף די עלטסטע פון דער סעקטע אַ געוואַלדיקן רושם. זיי האָבן תּיכּף געזוכט און אויסגעפונען אַ פּלאַן, און נאָך איידער די פּאָליציאַנטן זענען געקומען אַרעסטירן חוהן, איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז די „הייליקע אַנפירערקע" פון דער פראַנקיסטישער סעקטע איז געשטאָרבן.

דערדאָזיקער קלאַנג, וועלכער איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער שטאָט און דער גאַנצער מדינה האָט דערגרייכט זיין

צוועק. די בעלי-חובות זענען געוואָרן אָפהענדיק און חוה איז נישט אַזוי גיך געוואָרן אַרעסטירט. דערווייל האָט זי זיך אינדערשטיל צונויפגערעדט מיט איינעם פון די העכסטע רעגירונגסבאַאַמטע, וועלכער האָט איר געהאָלפן אַרויסצוגנבענען זיך פון איר פאַלאַץ און צו אַנטלויפן.

אָבער דידאָזיקע אויסטערלישע פרוי, וועלכע איז פון איר פריסטער יוגנט אָנגענומען געוואָרן ביי גרויסע מאַסן אַלס הייליקע, אין פאַר וועלכער מענטשן האָבן זיך געבוקט, ווי פאַר אַ גאָטהייט, באַטראַכטנדיק זי אַלס די צוקונפטיקע מוטער פון דעם אמתן משיח, האָט דידאָזיקע חרפה נישט געקענט איבערטראָגן, און איז פון האַרצווייטיק קראַנק געוואָרן. זי האָט זיך אַפילו דערהאָלט, אָבער פון דעמאָלט אָן איז זי געבליבן עלנט און אָרעם, פאַרלאָזן און פאַרגעסן. פון טאָג צו טאָג איז זי אויסגעגאַנגען, ווי אַ ליכט, און אין דעצעמבער 1816 איז זי ערגעץ אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל געשטאָרבן.

בכלל האָט זיך פון דער פראַנקיסטישער סעקטע גאָרנישט אויסגעלאָזט. פון אירע מיטגלידער, וועלכע האָבן זיך צעשפרייט איבער דער גאַנצער וועלט, זענען אַנדערע צוריק געוואָרן יידן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן, פילנדיק זיך גאַנץ אַנטטוישט, אָנגענומען פון גרויס פאַרדרוס דעם קאַטוילישן גלויבן, און זענען געוואָרן אויסגעמישט מיט די קריסטן.

# חיה וואָלאָווסקי (שור).

## I

אין דערזעלבער צייט, ווען חוה פראַנק, וועגן וועלכער מיר האָבן געשריבן דאָס פאָריקע מאָל, האָט אָנגעפירט מיט גרויסע יידישע מאַסן אין פוילן, האָט אינם לעבן פון דידאָזיקע יידן געשפילט נישט קיין קליינע ראָלע נאָך איינע אַ פרוי, — חיה וואָלאָווסקי האָט זי געהייסן.

חיה וואָלאָווסקי האָט געשטאַמט פון אַ רבנישער פאַמיליע. איר פאָטער, אלישע שור, איז געווען רב אין דעם גאַליציאַנער שטעטל, ראָהאַטין. גלייך מיט פיל אַנדערע אין זיין צייט איז ער געוואָרן אַ הייסער אָנהענגער פון דעם פאַלשן משיח שבתי-צבי, און האָט נאָך זיך אַריינגעשלעפט אין דער באַוועגונג זיין גאַנצע פאַמיליע, אַלע — מענטשן מיט עקזאַלטירטע נאַטורן, וועלכע האָבן געשעפט זייער גייסט קע יניקה פון קבלה-ספרים.

דער אַלטער אלישע אַליין האָט פון תמיד אָן געשמט פאַר אַ גרויסן בעל-מקובל. נאָך אין דער יוגנט האָט ער זיך אויסגעטאָן לגמרי פון דער וועלט און געשוועבט כסדר אין די עולמות העליונים. די שרעקלעכע תוכחות, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט אויסגעגאָסן אויף יידן, באַזונדערס דורך די באַנדעס פון כמעלניצקין, גאָנטאַ און אַנדערע, האָבן אין אים דערוועקט דעם געדאַנק, אַז דידאָזיקע יידישע צרות זענען עס די פאָרויסגעזאָגטע „חבלי-משיח" און אַז גאָר אינגיכן וועט קומען דער דערלייזער. אַז ס'איז אָבער אַריבער אַ צייט, און דער „גואל" האָט זיך נאָך גאָרנישט אָנגעהייבן צו ווייזן, האָט ער געגומען חלומען אַליין, אָן קיינעמס היזק, אַראָפּצוברענגען די-

„גאולה". ער האָט זיך דערצו באַנוצט מיט די פאַרשידענע מיטלען, וועלכע ער האָט אויסגעפונען פון די קבלה-ספרים. ער האָט נאָכאַנאַנד מתפלל געווען, באַדנדיק זיך דערביי אין ימען טרערן, ער האָט גע-פאַסט תעניתים, געפירט אַן אַסקעטיש לעבן און זיך שטאַרק געפייניקט, אַזוי, אַז ער האָט שוין געהאַלטן ביים טויט. זיינע מיטלען האָבן אָבער גאָרנישט געהאָלפן; ס'האָט זיך אַפילו נישט באַוויזן קיין איין צייכן פון דער אַזוי געגאַרטער „גאולה", און דער גרייזגרויער ראָהאַטינער רב איז אַריינגעפאַלן אין גרויס יאוש.

אין יענע טעג האָבן יידן דורכפאָרער געבראַכט קיין ראָהאַטין די ידיעה, אַז שבתי-צבי, וועגן וועלכן מען זאָגט, אַז ער איז גע-שטאָרבן, לעבט גאָר ערגעץ, און באַלד וועט ער זיך ווידער באַ-וויזן אין דער עפנטלעכקייט אַלס משיח; דערווייל שיקט ער אַרום איבער דער וועלט זיין שליח מיוחד, וועלכער ציט פון לאַנד צו לאַנד און זאָגט אָן יידן די גוטע בשורה וועגן דעם באַלדיקן דער-שיינען פון דעם מלך המשיח. דערדאָזיקער שליח מיוחד איז דאָס געווען יעקב פראַנק. עס האָט נאָכדעם לאַנג נישט געדויערט, און יעקב פראַנק אַליין איז אַראָפגעפאָרן קיין ראָהאַטין. מען האָט אים גלייך אַוועקגעפירט צו דעם קראַנקן רב, וועלכער האָט, אים דער-זעענדיק, ווי פון דאָסניי אויפגעלעבט און אויסגערופן: „יאָ, משיח גייט! איך הער שוין זיינע טריט!"...

פון דעמאָלט אָן איז דער גרייז-גרויער אלישע מיט זיינע זין און איידעמס און מיט זיין יינגסטער טאָכטער חיהן אַריין אַלס מיט-גלידער אין דער פראַנקיסטישער סעקטע. זיי זענען שוין אַלע נאָך פון פריער אָן געווען שטאַרק באַהאַוונט אין „זוהר" און אין אַנדערע קבלה-ספרים. באַזונדערס האָט זיך אין דעם אויסגעצייכנט די מוזינקע חיהלע, וועלכע איז געווען זייער אַ פעאיקע מיט אַן אויסטערלישן כוח-הזכרון. מ'האָט וועגן איר דערציילט, אַז זי האָט געזאָגט אויסנ-ווייניק גאַנצע שטיקער „זוהר". דערצו האָט זי געהאַט אַ פאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן געשאָסן מיט פייער און פאַר וועלכע יונגעלייט האָבן נישט געקאָנט איינשטיין. נאָך מיידלווייז איז זי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פראַנקיסטישער באַוועגונג, וועלכער זי האָט זיך איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. איר שטייגער איז גע-ווען צונויפקלייבן אַרום זיך גרעסערע און קלענערע געזעמלען מענטשן און אָפּהאַלטן פאַר זיי שעהן-לאַנג דרשות וועגן משיחן, וועלכער

האָלט שוין אין גיין און דאַרף באַלד אָנקומען. דער פּראָסטער המון, וועלכער פלעגט פון אירע דרשות אַריינקומען אין גרוי התפעלות, האָט איר אַ נאָמען געגעבן „חיה די נביאהטע”. ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז זי אַליין האָט זיך שוין אויך איינגעשמועסט, אַז זי איז באמת אַ נביאה. פון דעמאָלט אָן האָט זי אָנגעהייבן זאָגן אירע דרשות פאַרן עולם אין דער פאָרם פון נביאות, מאַכנדיק דערביי נביאישע מינעס און העוויות. אַריינקומענדיק אין גרויס התלהבות, פלעגט זי זיך אַ וואָרף טאָן אויף דער ערד און בלייבן ליגן באַוואוסטלאָז, ווי אָן אַ נשמה, מיט צוגעמאַכטע אויגן און אָן אַ שום לעבנסצייכן. געפינענדיק זיך אין דערדאָזיקער פּאָזע, האָט זיך פון איר מויל געגאָסן נביאות, ווי פון אַ קוואַל. גערעדט האָט זי אין דער שפּראַך פון „זוהר”, וועלכע עס האָבן קוים פאַרשטאַנען בלויז וואוילגעלערנטע און מקובלים. אירע רייד זענען באַשטאַנען הויפּטזעכלעך אין נביאות אויף דער צוקונפט. אויפן סמך פון דער קעגנוואַרט האָט זי פאָרויסגעזאָגט דאָס, וואָס עס וועט געשען מיט דעם יידישן פאָלק בעת משיח וועט ווידער דערשיינען אין דער געשטאַלט פון שבתי צבי. און וואָס מער זי האָט גערעדט, אַלץ מער איז זי אַריינגעקומען אין גרעסערע התלהבות. דורך אירע צוגעמאַכטע אויגן האָט זי פאַר זיך געזען דאָס בילד פונם יידישן עתיד, וואָס איז פון איר געשילדערט געוואָרן אין די העכלעכסטע פאַרבן. זי האָט געמאָלט די יידישע גאולה מיט אַלע פּיטשעוועקעס, מיט די קלענסטע פּרטים, אַפילו מיט דעם אייזל, אויף וועלכן משיח וועט קומען צו רייטן. בעת זי פלעגט ענדיקן רעדן, פלעגט זי זיך מיטאַמאָל אויפכאַפּן, ווי פון אַ טיפן שלאָף, פלעגט עפענען די אויגן און אַזוי זיך ביסלעכווייז קומען צו זיך. זי האָט שוין אָבער אינגאַנצן פאַרגעסן אַלץ, וואָס זי האָט געזען און גערעדט. זי האָט בלויז געדענקט, אַז זי האָט געזאָגט נביאות וועגן משיחן, און אַז גאָט אַליין האָט אַריינגעלייגט די ווערטער אין איר מויל. דער אַרומיקער עולם האָט שטאַרק געהאַלטן פון איר נביאות, און אין איר געגלויבט, ווי אין דער נביאות פון אַ הייליקער.

## II

קיין אשה צנועה איז אָבער „חיה די נביאהטע" נישט געווען. באַטייליקנדיק זיך אין די פאַרזאַמלונגען פון די פראַנקיסטן, וועלכע זענען געוואָרן אָפּגעהאַלטן תמיד הינטער פאַרמאַכטע טירן און פענסטער, און ביי וועלכע מען פלעגט טאַנצן און זינגען אויסגעקליבענע קאַפּיטלעך תהלים, פלעגט זי, אריינקומענדיק אין גרויס עקסטאַז, אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער און בלייבן מוטער-נאַקעט. דער גאַנצער עולם, אָנגעצונדן מיט דעם הייליקן פייער פון דער אמונה אין משיחן, האָבן אַרום איר געטאַנצט אין אַ ראָד. אין יענע מינוטן פלעגט חיה פאַרלירן איר מענטשלעכן פרצוף, און פלעגט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ וועזן פון אַן אַנדער, משונהדיק-ווילדער וועלט...

חיהס ברודער, שלמה שור, איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע פראַנקיסטן. בשעת דעם וויכּוח, וועלכער איז פאָרגעקומען צווישן די רבנים מיט די פראַנקיסטן אין קאַמעניעץ-פּאָדאָלסק, אין דער אָנוועזנהייט פונם קאַטוילישן בישאָף, האָט אים פראַנק געשטעלט פאַר דעם הויפּטרעדנער פון זיין צד. שפּעטער איז ער אַרומגעפאָרן איבער די יידישע קהילות מיט אַ וויכטיקער שליחות פון דער סעקטע. פאַר זיין טויט האָט פראַנק אויסגעקליבן שלמה שורן פאַר איינעם פון די יועצים, וועלכע זענען געשטאַנען ביי דער זייט פון זיין טאָכטער חוה און געשפּילט די ראָלע פון פאַרמיטלער צווישן איר מיט די יידן אין פוילן.

נאָך דעם צווייטן וויכּוח פון די רבנים, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט, כּידוע, מיט דער פולשטענדיקער מפּלה פון די פראַנקיסטן און מיט זייער איבערגאַנג צום קאַטאָליציזם, האָבן די שורס אָנגענומען דעם פאַמיליע-נאָמען וואָלאָווסקי („שור", וואָס באַטייט אין העברעיש „אָקס", הייסט אויף פויליש: „וואָל").

אלישע, דער ראָהאַטינער רב, האָט זיך נישט געשמדט. אים האָט דער טויט צוגענומען נאָך פאַרן צווייטן וויכּוח מיט די רבנים. אין יענער צייט האָט צווישן די פּאָליאַקן אין גאַליציע אויסגעבראָכן אַ בונט קעגן דער רעגירונג, און ביי דעם צופאַל האָבן זיי אויסגעלאָזט זייער גאַנצן כּעס צו די יידן. זיי האָבן אומעטום געמאַכט אָנפאַלן אויף יידן, און אַ סך פון זיי באַרויבט און דערהרגעט. די

בונטאָוושטשיקעס האָבן אויך נישט אויסגעמיטן ראָהאָטין, וואו זיי האָבן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג געמאַכט אַ בלוט־באָד. צווישן זייערע ערשטע קרבנות איז געווען אויך אלישע שור.

נאָך דעם מאַסן־שמד פון די פראַנקיסטן האָט זיך מיטאַמאָל פון חיה וואָלאָווסקין אָפּגעטאָן דער רוח־הקודש, און זי איז געוואָרן אויס נביאהטע. די פראַנקיסטישע סעקטע איז ביסלעכווייז צעפאַלן, אירע אָנפירער האָבן זיך צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אַנדערע — אַלס קאַטויליקן, און אַנדערע — אַלס צוריקגעקערטע יידן. פון דעמאָלט אָן איז חיה וואָלאָווסקי אַראָפּ פון דער סצענע, מען האָט אויפגעהערט צו פאָרן צו איר, און אינגיכן איז זי אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן.

עס איז געבליבן אומבאַקאַנט, צי חיה האָט ווען עס איז חתונה געהאַט און מיט וועמען. מ׳ווייסט אויך נישט, ווען זי איז געשטאָרבן. בכלל האָט זיך פון אַלע וואָלאָווסקיס, מיט וועלכע עס האָט אַ לאַנגע צייט געקאָכט די יידישע וועלט אין פוילן, גאָרנישט אויסגעלאָזט.

# סאַראַ מייער.

## I

סאַראַ מייער איז געווען אַ טאָכטער פון שטרענג אָרטאָדאָק־סיש־געשטימטע יידישע עלטערן אין בערלין. איר פאָטער האָט גע־פירט גרויסע געשעפטן מיט אויסלאַנד און זיך דערוואָרבן אַ קאָלאָ־סאַלן קאַפּיטאַל. סאַראַ האָט גענאָסן די בעסטע דערציונג פון יענער צייט—די צייט פון הענריעטע הערץ, דאָראָטעאַ מענדעלסאָן און רחל לעווין—און פאַרבראַכט איר יוגנט אין העכסטן גליק. זי מיט איר יינגערער שוועסטער האָבן זיך באַרימט געמאַכט אין גאַנץ דייטש־לאַנד מיט זייער זעלטענער שיינקייט, רייכער בילדונג, גרויסע ידיעות אין פרעמדע שפּראַכן און ליטעראַטור, מיט זייער עלעגאַנץ און גראַציע.

נאָך פון איר פריסטער יוגנט האָט זיך סאַראַ אָנגעהערט אַלערליי קאָמפּלימענטן און חניפה־ווערטלעך פון די דעמאָלטיקע באַרימטסטע דייטשע שריפטשטעלער, ווי לעסינג און הערדער. שפּעטער איז סאַראַ מייער געשטאַנען אין אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם גרעסטן דייטשן דיכטער געטע, וועלכער האָט זיך צו איר באַצויגן מיט פיל אַכטונג און פריינטשאַפט.

נאָך גאַנץ יונג האָט איר פאָטער זי חתונה געמאַכט מיט אַ יונגנמאַן פון אַ העכסט אַריסטאָקראַטישער בערלינער יידישער פאַ־מיליע, וועלכער האָט זי זייער געליבט און געזוכט צו פאַרזיסן איר לעבן אויף ווי ווייט מעגלעך. אָבער פון דער ערשטער מינוט אָן נאָך איר חתונה האָט זיך סאַראַ גענומען פילן העכסט אומגליקלעך. שטאָלצירנדיק מיט איר שיינקייט און קענטעניש, און שטרעבנדיק צו

אַ פרייען לוסטיקן לעבן לויט דער מאָדע, וואָס העבריעטע הערץ האָט איינגעפירט אין איר סאַלאָן, האָט זי זיך נישט געקענט איינלעבן מיט איר יוגנטלעכן מאַן, וועלכער איז געשטאַנען פיל נידעריקער פון איר אין אַלע הינזיכטן. אַרומגערינגלט מיט רייכקייט און גלאַנץ, איז איר דאָך איר מאַנס הויז אויסגעקומען ווי אַ קליין שטייגל, וואו מ'האָט זי מיט געוואַלט אַריינגעזעצט, בעת איר הערץ און אַלע אירע געפילן רייסן זיך סטיכיש צו דער גרויסער, ברייטער וועלט.

כּדי צו דערשטיקן אין זיך איר שמערץ, האָט זיך סאַראַ מייער אַריינגעטאָן איבגאַנצן אין דער ליטעראַטור. זי האָט פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, גרעסערע און קלענערע, איז אויפגעטרעטן אַלס דראַמאַטישע שריפטשטעלערין, האָט געשריבן פילאָזאָפישע און אויך פּאָליטישע אַרטיקלען אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן, דייטשע, און פראַנצויזישע. אירע פראַנצויזישע שריפטן האָבן ביים לעזע-פּובליקום אַרויסגערופן אַ באַזונדער הייסע אָנערקענונג.

איר מאַן, אַ מענטש מיט זייער אַ גוטמוטיקן און איידעלן כאַראַקטער, האָט אָנגעהייבן פילן, אַז סאַראַ ווערט צו אים קעלטער פון טאָג צו טאָג, אַז זי באַמיט זיך אויסצומיידן זיין געזעלשאַפט. ווי זייער אים האָט עס באַנג געטאָן, וויפל שרעקלעכע אינערלעכע יסורים דאָס האָט אים פאַרשאַפט, האָט ער דאָך סאַראַן קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט. ער האָט ביי זיך אין האַרצן מודה געווען, אַז זי איז גערעכט, און בעת זי האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן געווענדט צו אים מיט דער בקשה, ער זאָל איר געבן גט, האָט ער פיל נישט געטראַכט, און געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו דערפילן איר רצון. דערביי האָט ער מוסיף געווען, אַז טאָמער גייט איר אַוועק נישט גוט און זי באַקומט חרטה אויף איר שריט, איז זיין הויז און זיין פאַרמעגן פאַר איר תּמיד אָפן.

סאַראַ מייער האָט באַקומען גט, און פון יענעם טאָג אָן איז אין איר פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. די שטענדיק אין זיך פאַרטיפטע, די שטענדיק דענקנדיקע און שעפערישע, וועלכע איז געווען ווי אויסגעטאָן פון דער וועלט און געשוועבט אין די הויכע הימלען פון פּאָעזיע און קונסט, האָט זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און זיך גענומען שטאַרק צו „עולם הזה". זייענדיק אַ טרייע תּלמידה פון העבריעטע הערץ, האָט זיך ביי איר אָנגע

הייבן אַ באַזונדער נייגונג און סימפּאַטיע צו דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, האָט זיך אַרומגערינגלט מיט קריסטלעכע פאַרערער, און אינאיינעם פון זיי — דאָס איז געווען דער ליפלענדער באַראָן פאָן גראָטוס — האָט זי זיך באַלד פאַרליבט און, נישט פיל טראַכטנדיק, האָט זי זיך אָפּגעשמדט און מיט אים חתונה געהאַט, נישט נעמענדיק אין אַכט זיין נידעריקן מאָראַלישן ווערט.

איינער אַ יידיש־דייטשער שריפטשטעלער, וועלכער האָט סאַראַן גאַנץ גוט געקענט, האָט שפּעטער געגעבן וועגן איר פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק: „אויפגעהאָדעוועט אין וואוילטיק און זייענדיק פון תמיד אָן געוויינט צו הערן אַלערליי שיינע קאָמפּלימענטן און חניפות, איז זי אַרויפגעשטיגן אויף דער העכסטער מדרגה פון אייטלקייט און פוסטן שטאָלץ, באופן, אַז גאַנץ בערלין האָט אויף איר אָנגעהייבן צו קוקן מיט אַנדערע אויגן. אירע חברטעס האָבן אויף איר געלייגט רחמנות איבער איר צו שטאַרקן גלויבן אין איר שיינקייט און אירע אַנדערע מעלות. „די באַרימטע רחל לעווין האָט זיך וועגן איר אויסגעדריקט כּהאי לישנא: „הויך איז זי געפלויגן און נידעריק איז זי געפאַלן". מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זי מרמז געווען אויף דעם, אַז סאַראַ, אויף וועלכער מ׳האָט געלייגט אַזויפיל שיינע האָפענונגען, איז אַראָפּ פונם רעכטן וועג. דאָס האָט מען, אייגנטלעך, באַדויערט נישט סאַראַ מייערס טויף־אַקט — אַזעלכע אַקטן זענען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע צווישן די יידישע געבילדעטע טעכטער — נאָר דאָס, וואָס זי האָט פאַרלאָזט איר ליטעראַריש שאַפונגספעלד, אויף וועלכן זי האָט אַרויסגעוויזן אַזויפיל זשעני, און האָט זיך אַריינגעלאָזט צוליב איר פאַרבינדונג מיט דעם קריסטלעכן באַראָן אין פאַרגעניגנס, וועלכע האָבן נישט קיין שום שייכות מיט דער העכערער גייסטיקער וועלט.

די מלחמות, וועלכע האָבן זיך געפירט צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך אין אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט, האָבן דעם באַראָן פאָן בראַטוס אינגאַנצן רואינירט, און ער איז געוואָרן שטאַרק פאַראָרעמט. זיינע גרויסע גיטער זענען חרוב געוואָרן, זיין פאַרמעגן האָט מען באַרויבט, און ער איז געבליבן נאַקעט און הויל. ענדלעך האָט ער דורך דער השתדלות פון פריינט, באַקומען די שטעלע פון אַ פאָסט-מייסטער אין אָראַניענבורג. דער באַראָן אַליין איז, אַבי נאָר צו זיין געזיכערט פון הונגערטויט, דערמיט געבליבן צופרידן. סאַראַן האָט אָבער דידאָזיקע גרויסע פאַרענדערונג אינגאַנצן צעבראָכן און זי אַלט געמאַכט פאַר דער צייט. פון איר אַמאָליקער בלענדנדער שיינקייט איז נישט געבליבן קיין שפור. זי האָט אָבער געוואָלט אָפּראַטעווען איר פריערדיקן גלענצנדן ליטעראַרישן נאָמען, כדי אָפּגעהיט צו ווערן פון פאַרגעסנקייט. צוליב דעם צוועק האָט זי, קודם-כל, גע-פונען פאַר נייטיק, צו שיידן זיך מיט איר קריסטלעכן מאַן, וועלכער האָט איר קיין באַזונדער כבוד נישט צוגעגעבן. זי האָט בעת-מעשה נישט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, אַז דורך דעמדאָזיקן שריט שטייט איר פאָר אַרויסגעוואָרפן צו ווערן אויף דער גאַס. דער עיקר איז ביי איר געווען, צוריקצוקערן זיך צו איר אַמאָליקן גלאַנץ אַלס שריפטשטעלערין.

אין אַ געוויסן טאָג האָט סאַראַ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם באַראָנעסע-טיטל, איז אַוועק פון מאַן, און זיך געלאָזט רופן מיט איר אַלטער פאַמיליע „מייער". זי האָט אָבער באַלד אָנגעהייבן פילן גרויס נויט, וואָס האָט זי געשטערט צוריקקערן זיך צו איר איבער-געריסענער ליטעראַרישער טעטיקייט. דאָ איז איר איינגעפאַלן דער געדאַנק, צו פאַרעפנטלעכן אַלע בריוו, וועלכע זי האָט דערהאַלטן אין דער צייט פון איר גלאַנץ, פון די גרעסטע ליטעראַטן און פילאָ-זאָפן, ווי: לעסינג, הערדער, שטאָלבערג, ראַמלער, שילער, געטע, פרוי פאָן שטאַעל און אַנדערע. זי האָט געהאָפט, אַז דורך דידאָזיקע בריוו וועט צוריק אַרויפשווימען איר אַמאָליקער גלענצנדער נאָמען אין דער עפנטלעכקייט, און זי וועט אויך דורכדעם געהאָלפן ווערן

מאַטעריאַל. זי האָט זיך שוין גענומען צו סאָרטירן די בריוו, אָבער דורך אַ נישט-אויפגעקלערטער סיבה זענען ביי איר די מאַנוסקריפּטן פאַרברענט געוואָרן. אַרויסגעראַטעוועט פון פייער זענען געבליבן נאָר 21 בריוו פון געטען. דידאָזיקע בריוו האָט דער גרויסער דיכטער און דענקער צו איר געשריבן פון 1797 ביז 1815, און זענען פאַר-עפנטלעכט געוואָרן דורך דעם באַרימטן שריפטשטעלער וואַרנהאַגען פון ענזען—דער מאַן פון רחל לעווין—ערשט נאָך סאַראַ מייערס טויט.

סאַראַס ערשטער יידישער מאַן, וועלכער האָט, זינט ער האָט זיך מיט איר צעשיידט, נישט אויפגעהערט זיך מיט איר צו אינטע-רעסירן און תמיד געוואוסט, ווי עס האַלט מיט איר מאַטעריעלן מצב, האָט, דערהאַלטנדיק די ערשטע ידיעות וועגן איר נויטבאַדערפטיקייט, איר דערמאָנט אין אַ בריוו אָן זיין אַמאָליקן צוזאָג, אַז שטענדיק, ווען זי וועט נאָר וועלן, זענען פאַר איר אָפן זיין הויז און זיין פאַרמעגן. סאַראַ איז פון דעם בריוו געבליבן זייער גערירט, האָט אַפילו יאָמערלעך געוויינט ביי די זכרונות, וועלכע ער האָט ביי איר אַרויסגערופן; דאָך איז זי פאַרבליבן שטאָלץ אויף אַזויפיל, אַז זי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפגעזאָגט צו נעמען פון איר אַמאָליקן מאַן אַ וועלכע-עס-איז שטיצע. זי האָט אים נאָר האַרציק אָפגעדאַנקט פאַר זיין גוט האַרץ און גרויסמוטיקייט.

דעם 11-טן דעצעמבער 1828 איז באַראָנעסע סאַראַ פאָן גראָ-טוס—די אַמאָליקע באַרימטע סאַראַ מייער—געשטאָרבן ווייט פון דעם גרויסן „גליק", וואָס זי האָט געהאָפט צו געפינען אין איר שמד.

# דינה וואל.

## I

נאָך עד היום גייען אַרום אין גאַליציע פאַרשידענע לעגענדעס וועגן דער אויסטערלישער געלערזאַמקייט פון דער בריסקער רביצין דינה וואל, די פרוי פון דעם וועלט-באַרימטן גאון, ר׳ יהושע-העשל, וועלכער איז שפּעטער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין בראָד, וואו ער האָט פאַרבראַכט די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר פון זיין לעבן.

דינה וואַל האָט געשטאַמט פון העכסטן יחוס. זי איז געווען אַן איינִיקל פון דעם גרויסן ר׳ שאול וואל, וועלכער איז געווען עטלעכע טעג אַ קעניג איבער פּוילן.

עד היום איז נאָך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן אויף ריכטיק, צי די ווייט און ברייט פאַרשפּרייטע געשיכטע וועגן די אייניקע טעג פון ר׳ שאול וואלס מלוכה אין פּוילן האָט באמת פּאַסירט, אָדער ס׳איז נאָר אַ מיף. דערציילט ווערן וועגן דעם אַלערליי בבא-מעשיות. לויט איין ווערסיע האָבן די פּאָליאַקן נישט געקאָנט קומען צווישן זיך צו אַ הסכם, ווען אויסצוקלויבן פאַר אַ קעניג. אַפשפּאַרנדיק זיך אַזוי אַ היפּשע צייט, האָבן זיי צום סוף אָנגענומען דעם באַשלוס, אַז ווער ס׳וועט מאָרגן גאַנץ פרי אַריין דער ערשטער אין שטאָט, זאָל ווערן קעניג. האָט פּאַסירט, אַז דער ערשטער, וואָס איז אַריין אין שטאָט, איז געווען ר׳ שאול וואל... אַזאַ מעשה לאָזט זיך אָבער שווער גלויבן. מען זעט, אַז עס איז נאָר אַ לעגענדע אָן אַ שום היסטאָרישן אונטערשלאַק.

לאָגישער באַגרינדעט קומט שוין אויס דער פאָלגנדיקער נוסח. געטראָפן האָט דאָס געשעעניש אין זעכצנטן יאָרהונדערט. אין יענער

צייט האָט זיך געפונען צווישן די מיטגלידער פון דער פוילישער קעניגלעכער פאַמיליע דער פירשט ניקאָלאַי ראַדזיוויל. דערדאָזיקער פירשט האָט געפירט אַ זייער אויסגעלאַסן לעבן און האָט דורכדעם באַקומען דעם נאָמען: „דער שוואַרצער“. אַז ער איז עלטער געוואָרן, האָבן אים אָנגעהייבן פייניקן שווערע געוויסנסביסע און ער איז אַוועקגעפאָרן צום פויבסט אין רוים, ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ תשובה. דער פויבסט, פּיוס דער פינפטער, האָט אים געהייסן, ערשטנס, אָפּזאָגן אַלע זיינע דינער, און, צווייטנס, אַרומצוּוואַנדערן עטלעכע יאָר איבער דער וועלט, ווי אַ בעטלער. דער פירשט האָט די תשובה אויף זיך מקבל געווען, און איז אַוועק אין גלות. בעת די באַשטימטע יאָרן פון זיין תשובה זענען אַריבער, האָט זיך ראַדזיוויל דאַן געפונען אין דער שטאָט פּאַדוואַ, אָנגעטאָן אין זיינע צעריסענע בעטלער־מלבושים, מיט אַ טאָרבע אין דער האַנט, און אָן אַ גראָשן געלט. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער פון די קריסטלעכע איינוואוינער פון דער איטאַליענישער שטאָט, האָט יעדן דערציילט, ווער ער איז, און האָט דערביי געבעטן נדבות. אַלע האָבן אָבער אים אויסגעלאַכט, און אַנדערע האָבן אים נאָך געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם.

פירשט ראַדזיוויל איז אַריינגעפאַלן אין גרויס יאוש. נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג, האָט ער זיך געווענדט נאָך הילף צו דעם פּאַדוער רב, ר׳ שמואל־יהודה קאַצענעלנבויגן. דער רב האָט תיכף דערקענט, אַז פאַר אים שטייט נישט קיין געוויינלעכער פּראָפעסיאָנעלער בעטלער, און האָט אים זייער פיין אויפגענומען. אויסהערנדיק זיין בקשה, האָט ער זיך משתדל געווען און באַקומען פאַר אים ביי איינצלנע פון די פּאַדוער יידישע נגידים אַ געוויסע סומע געלט, וועלכע האָט אים געקלעקט נישט בלויז אויף די הוצאות פון דער נסיעה אַהיים, נאָר אויך אויף שיין צו באַקליידן זיך. ביים געזעגענען זיך האָט דער פירשט פאָרגעלייגט דעם רב, ער זאָל עפּעס פון אים פאַרלאַנגען פאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן. דער רב האָט דאַן אַרויסגענומען דאָס פאָטאָגראַפישע בילד פון זיין ייִנגסטן זון שאול, וועלכער איז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַוועקגעפאָרן קיין פוילן לערנען און עס דערלאַנגט דעם פירשט מיט דער בקשה, אַז קומענדיק אַהיים, זאָל ער אים זען אויסזוכן אין איינער פון די פיל ישיבות, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין פוילן.

ווי נאָר פירשט ראַדזיוויל האָט זיך צוריקגעקערט קיין פוילן.

האָט ער זיך באַלד דערמאָנט אָן דעם פּאַדוער רבס בקשה. ער איז אַרומגעפאָרן איבער אַלע שטעט, וואו עס זענען דאָ ישיבות, ביז ער האָט געפונען שאולן אין דער בריסקער ישיבה. שאול איז געווען זייער אַ געראָטענער יונגערמאַן, אַ קלוגער און אַ וואוילגעלערנטער, און איז דעם פירשט אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט אים אַוועקגעפירט צו זיך אין שלאָס. דאָרט האָט ער אים פאַרשאַפט אַלע מעגלעכקייטן צו זיצן און צו לערנען און זיך קונה שלימות זיין אין וועלטלעכער בילדונג. אין משך פון אַ קורצער צייט האָט זיך שאול גייסטיק זייער אַנטוויקלט, און די פוילישע גרויסע מאַגנאַטן, וואָס פלעגן אָפט באַזוכן דעם פירשט ראַדזיוויל, האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דעם יידישן יונגנמאַנס גרויסער געלערזאַמקייט. דורכדעם איז שאול ביסלעכוויז פּאָפּולער געוואָרן אין גאַנץ פוילן.

אין יאָר 1586 איז דער פוילישער קעניג סטעפאַן באַטאָרי געשטאָרבן. נאָך זיין טויט האָבן זיך די פּאָליאַקן צעטיילט אין צוויי פּאַרטייען: די זאַמאָיסקיס און די זבאָראָווסקיס. עס האָבן זיך דאַן געפונען אַ סך בעלנים אויפן פוילישן טראָן. אָבער די צאַנקעריי פון די פּאַרטייען האָט נישט דערלאָזט אָנצונעמען אַן איינשטימיקן דעצידירנדיקן באַשלוס וועגן דעם פּאַסנדסטן קאַנדידאַט. אין פוילן איז פון קדמונים אָן געווען אַ געזעץ, אַז דער מלוכה-טראָן טאָר אַ לאַנגע צייט נישט בלייבן אומבאַזעצט, און אין פאַל, ווען די וויילער קאָנען נישט קומען צו קיין הסכם, דאַרף מען צייטווייליק מאַכן פאַר אַ קעניג אַ זייטיקן מענטשן. די דאָזיקע בכבודיקע שטעל האָט מען פאָרגעלייגט פירשט ראַדזיווילן. ראַדזיוויל האָט זיך אָבער דערפון אָפּגעזאָגט און דערקלערט, אַז עס איז דאָ אַ מענטש, וועלכער געהערט נישט צו קיין שום פּאַרטיי און דערצו באַזיצט ער נאָך אַלע מעלות. אויב דער סיים וועט דערצו געבן זיין איינשטימיקע הסכמה, וועט ער זיי דאַן מגלה זיין, ווער יענער מענטש איז. דער סיים האָט תיכף פאַרשטאַנען וועגן וועמען ראַדזיוויל רעדט דאָ, און די קאַנדידאַטור פון שאולן אַלס פּראָוויזאָרישער קעניג איבער פוילן איז אָנגענומען געוואָרן פה אחד, און אונטער די אַלגעמיינע ענטוזיאַסטישע אויסרופן: „עס זאָל לעבן דער קעניג שאול!” — האָט ער באַשטיגן דעם פוילישן טראָן.

אַזוי ווייט דער ספּור המעשה. ס'איז אָבער פאַרבליבן אומבאַ-

קאַנט, ווי לאַנג שאול האָט געקעניגט. אַנדערע זאָגן: עטלעכע טעג, און אַנדערע — אַז בלויז איין נאַכט. אָבער לויט אַלע נוסחאות האָט זיך ר׳ שאול באַנוצט מיט דער געלעגנהייט אַרויסצוגעבן עטלעכע וויכטיקע געזעצן לטובת דעם פוילישן פאָלק און צו פאַרבעסערן דעם יידישן מצב אין פוילן. די פאַמיליע וואָל האָבן אים יידן געגעבן צוליב דעם, וואָס ער איז געוואָרן אויסגעוויילט איינשטימיק.

## [illegible]

אין דערדאָזיקער הויך־מיוחסדיקער פאַמיליע איז דינה אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן. פון קינדווייז אָן האָט זי געלערנט ביי די בעסטע שטאָט־מלמדים צוזאַמען מיט יינגלעך, וועלכע זי האָט תמיד אַריבערגעשטיגן. גאַנץ פרי האָט זי דער פאָטער אויסגעגעבן פאַר אַ יונגנמאַן אַן עלוי פון אַ שיינער משפחה אין בריסק, וועלכער האָט געפירט צוזאַמען מיט זיין רייכן פאָטער גרויסע געשעפטן. ער איז אָבער אין קורצן קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און דינה איז פאַרבליבן אַ יונגע אַלמנה. גראָד איז אין יענער צייט אָפּגעשטאָרבן די פרוי פון דעם בריסקער גאון ר׳ יהושע־העשל. בעת דינה איז נאָך געוועזן אַ מיידל, פלעגט ר׳ יהושע־העשל אָפט באַזוכן איר פאָטער, און ביי דער געלעגנהייט פלעגט ער מיט איר שמועסן אין דברי־תורה. נאָך דאַן — אַזוי דערציילט מען — האָט זיך דינה געוואונטשן צו האָבן אַזאַ מין ר׳ יהושע־העשלען פאַר אַ מאַן. איצט, נאָכדעם, ווי ער איז געוואָרן אַן אַלמן, האָט אין איר אויפגעבליצט דער געדאַנק, אפשר איז פאָרט באַשערט, עס זאָל דערפירט ווערן איר אַלטער וואונטש, און זי זאָל ווערן זיין פרוי. אין שטאָט האָט מען אָבער געזאָגט, אַז בעת זיין ווייב איז געלעגן אויפן קראַנקן בעט, האָט ר׳ יהושע־העשל אַ נדר געטאָן קיין צווייטע פרוי קיינמאָל נישט צו נעמען. דינה האָט דערפון געוואוסט, און האָט זיך באַשלאָסן, צו פּרוּוון פונדעסטוועגן אַליין צו מאַכן אים דעם פאָרשלאַג. זי האָט אים אָנגעשריבן אַ שיינעם העברעישן בריוו, אין

וועלכן זי האָט אים געבעטן, ער זאָל איר דערלויבן צו האָבן מיט אים אַ קורצן געשפּרעך. דעם בריוו האָט זי אַליין אַוועקגעטראָגן צו אים אַהיים. ר׳ יהושע-העשל איז דאַן געזעסן אין זיין אויבער-שטיבל און האָט געלערנט. זי האָט אים דעם בריוו אַרויפגעשיקט דורך זיין שמש און געהייסן זאָגן, אַז זי בעט דעם רב זיך מטריח צו זיין און אַרונטערקומען צו איר.

תחילת האָט ר׳ יהושע-העשלען שטאַרק פאַרדראָסן: וואָס אַ אשה אַ מיוחסת קאָן זיך דערלויבן! ער האָט אָבער געעפנט דעם בריוו און אים איבערגעלייענט. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער בריוו אויף אים געמאַכט אַ רושם, און ער האָט באַשלאָסן אַראָפּצוגיין אין דער אונטערשטער שטוב, און אויסצוהערן צו וואָס זי דאַרף אים. צוגייענדיק צו די טרעפּ, האָט ער דערזען דינהן שטייענדיק אונטן. ער איז געבליבן שטיין אויבן און האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס ווילט איר מיר זאָגן?

אויף דעם האָט אים דינה געענטפערט קורץ מיט דעם מאמר פון דער גמרא: „נחות דרגא ונסיב אתתא!”... (דאָס הייסט: גיי אַרונטער אַ טרעפּ, און נעם אַ ווייב”).

דער געדאַנק פון דערדאָזיקער קורצער מימרה אויפן אָרט איז, אַז ווען עמעץ גייט חתונה האָבן, זאָל ער נישט קוקן צו שטאַרק אויף זיין אייגענעם יחוס, נאָר ער קאָן נעמען אַ פרוי פון אַ פאַ-מיליע, וועלכע שטייט אין יחוס מיט אַ מדרגה נידעריקער פון זיינער. דינה האָט זיך אָבער באַנוצט מיט דעם מאמר אין זיין ווערטלעכן זין, און דאָס איז אַרויסגעקומען זייער שאַרפזיניק.

ר׳ יהושע-העשל איז געוואָרן שטאַרק איבערראַשט פון דעם ווייבלס דרייסטן איינפאַל און באַזונדערס פון איר טיפזיניקן ענטפער. ער איז תיכף אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ און איז מיט דינהן אַריין אין שטוב. דאָרט האָבן זיי צווישן זיך געהאַט אַ גאַנץ קורצן שמועס, און אין אַ פאָר טעג אַרום האָט זיך ר׳ יהושע-העשל מתיר נדר געווען.

שפּעטער זענען זיי אַרויסגעפאָרן קיין בראָד. צוליב איר ברייטער ווויסנשאַפט און גרויסער פרומקייט איז דינה געווען זייער פּאָ-פּולער און האָט באַקומען דעם נאָמען: „די גדולה”. געשטאָרבן איז זי אין בראָד.

# שרה קאָפּיאַ-סולאַם.

## I

סוף זעכצנטן יאָרהונדערט האָט געוואוינט אין ווענעדיג זייער אַ רייכער ייד, אַ וואוילגעלערנטער און אַ גרויסער מענטש,—ר' שמעון קאָפּיאַ האָט ער געהייסן. דערדאָזיקער ר' שמעון האָט געהאַט אַן איינציקע טאָכטער, שרה, וועלכע האָט זיך נאָך אין איר פריסטער יוגנט אַרויסגעוויזן אַלס אומגעוויינלעך באַגאַבט מיט זעלטענע פעאיקייטן. באַזונדערס צו שפּראַכן. נאָך גאַנץ יונג האָט זי שוין פולקום באַהערשט אין וואָרט און שריפט איטאַליעניש און שפּאַניש, לאַטיין און גריכיש, דערצו נאָך העברעיש. אויסערדעם, האָט זיך נאָך אין איר באַמערקט אַ שטאַרקער פּאָעטישער טאַלענט. צו 14—15 יאָר האָט זי געשריבן לירישע לידער, וועלכע האָבן אויף זיך געצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. זייענדיק אויך שיין און קלוג, איז זי געווען דער שטאָלץ נישט בלויז פון אירע עלטערן, נאָר אויך פון דעם גאַנצן יידישן געטאָ.

צו 18 יאָר האָט זיך שרה פאַנאַנדערגעבליט אויסטערליש שיין. און עס האָט מיט איר געקלונגען אויך אין די ווענעדיגער אַריסטאָקראַטישע קרייזן. יונגע קריסטן פון דער העכסטער אַריסטאָקראַטיע האָבן געזוכט איר באַקאַנטשאַפט, און אַנדערע פון זיי האָבן זיך איר דערקלערט אין ליבע. די עלטערן זענען אַפילו געווען זיכער, אַז שרה איז נישט פון די לייכטזיניקע מיידלעך, וועלכע קען זיך לאָזן פאַרפירן צו אַ פאַלשן שריט; דאָך, כדי אויסצומיידן אומאַנגענעמע סורפּריזן, האָבן זיי געפונען פאַר נייטיק איר באַצייטנס

חתונה צו מאַכן. אגב, האָט זיך דאַן דער פאָטער, ר׳ שמעון, אָנגע־הייבן פילן נישט גוט, און דאָס האָט אים באַוואויגן, וואָס גיכער אויסצוזוכן אַ חתן פאַר זיין בת־יחידה, אום ער זאָל זי נאָך אַליין קענען פירן צו דער חופּה. דאָס איז אים אָבער נישט באַשערט גע־ווען: ער איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן מיט דעם לעצטן וואונטש אויף די ליפּן, אַז נישט נעמענדיק אין אַכט די אבילות, זאָל מען תיכף שרהן חתונה מאַכן. באַלד נאָך זיין טויט האָט די אלמנה, רחל קאָפּיאַ, אויסגעפונען פאַר איר טאָכטער אַ גע־ראָטענעם יונגנמאַן, אַ פיינער און אַ געלערנטער, פונם גרעסטן ווע־נעדיגער יידישן יחוס, יעקב סולאַם, און שוין אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז געפייערט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד די חתונה.

נאָך דער חתונה האָט שרה געפירט אַ שטיל, רואיק לעבן. דער מאַן, וועלכער האָט זי זייער געליבט און געשעצט, האָט איר גע־לאָזט אַרומשוועבן אומגעשטערט אין דער וועלט פון אירע דיכטע־רישע פאַנטאַזיעס. כסדר איז זי געזעסן און געלעזן, האָט פיל גע־דענקט און ליטעראַריש געשאַפן, און זיך געפילט איבערגליקלעך. אָבער גאַנץ אומגעריכט האָט פּאַסירט אַזעלכעס, וואָס האָט אויפגע־טרייסלט איר זעלישע רו.

אין גענואַ האָט געלעבט אַ געוועזענער איטאַליענישער מיניסטער אַנסאַלדאָ צעבאַ, וועלכער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין הויכע שטעלונג, כדי צו קענען אָפּגעבן זיך אינגאַנצן מיט פילאָזאָפיע און פּאָעזיע, צו וואָס ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג נאָך פון דער יוגנט. דערדאָזיקער צעבאַ האָט אין יאָר 1615 פאַרפאַסט אַ דראַמע אונ־טערן נאָמען „אסתר״ אויף אַ סיוזשעט, גענומען פון תנ״ך. די דראַמע האָט אַרויסגערופן אין דער עפנטלעכקייט פאַרשידענע מיי־נונגען: פאַר און קעגן. אַנדערע האָבן די דראַמע געלויבט, און אַנ־דערע־שאַרף קריטיקירט. שרה האָט אָנגעהערט צו די ערשטע. דעם פאַקט, אַז אַ קריסטלעכער דיכטער און דענקער האָט אויסגעקליבן אַ יידיש קינד אַלס קרוין־העלדין פון זיין דראַמע, האָט זי באַטראַכט פאַר אַ צייכן, אַז דער פאַרפאַסער איז אַ הייסער אָנהענגער פון יידנטום, און זייענדיק אַליין איבערגעגעבן מיט לייב און זעל דעם יידישן פאָלק און זיין אמונה, האָט זי זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אין אַן ענטוזיאַסטישן טאָן געשריבענעם בריוו אויסגעדריקט דעם איר אומבאַקאַנטן דיכטער איר דאַנקבאַרקייט פאַר זיין דראַמאַטישער

פּאָעמע, „װעלכע זי לאָזט נישט אַרױס פון האַנט אַפילו אױף אַ מינוט, און אױך בײנאַכט ליגט זי עס אַרונטער צוקאָפּנס, כּדי צו האָבן עס אָנגעגרײט בײ זיך בײם דערװאַכן".

דער דיכטער איז געבליבן װי פאַרכישופט פון שׂרהס בריװ, און דער ערשטער געדאַנק, װאָס האָט אין אים אױפגעבליצט, איז געװען, אַרונטערצונעמען דידאָזיקע אױסטערלישע ייִדישקע אונטער די פליגלען פון דעם קריסטלעכן גלױבן. ער האָט איר גלײך געענטפערט און הײס געבעטן זי, פירן מיט אים אַ שטענדיקע קאָרעספּאָנדענץ, װײל אירע װערטער זענען אים, װי אַ גוטער באַלזאַם און הײבן זײן שטימונג. דערבײ האָט ער אױך נישט פאַרפעלט צו געבן איר דעם ערשטן װאונק, אַז ס'װאָלט זיך פאַר איר בעסער געפּאַסט אַרױסצוגײן פון ענגן, פינסטערן געטאָ, װאו יעדער טאַלענט װערט דער־שטיקט, אױפן ברײטן שליאַך פון קריסטנטום...

שׂרה האָט גלײך אַרײנגעשיקט דעם קריסטלעכן דיכטער אַ טרעפלעכע תּשובה מיט אַ קאַטעגאָרישן אָפּזאָג. דאָך האָט זיך פון דעמאָלט אָן צװישן זײ אָנגעהײבן אַ בריװ-װעקסל װעגן פאַרשידענע פילאָזאָפישע און פּאָעטישע פּראָבלעמען, װאָס האָט זיך געצױגן פיר יאָר נאָכאַנאַנד. צו דער עלטער, עטלעכע חדשים פאַר זײן טױט, האָט דער דיכטער פאַרעפנטלעכט אין אַ באַזונדער זאַמלונג זײנע בריװ צו שׂרהן; שׂרהס בריװ צו אים זענען פאַרלױרן געגאַנגען, װײל די אינקװיזיטאָרישע גלחים האָבן פאַרבאָטן עס צו דרוקן.

װאָס מער דער פילאָזאָף האָט זיך איבערצײגט, אַז ער זעט פאַר זיך נישט קײן שום האָפענונג צו װירקן אױף דער „גרױסער ייִדישקע", װי ער האָט זי גערופן, זי זאָל איבערגײן צום קריסטנטום, אַלץ שטאַרקער האָט זיך אין אים פאַנאַנדערגעפלאַקערט דערדאָזיקער װאונטש. מען מוז זאָגן, אַז שׂרה אַלײן האָט אױף נישט װײניק מיט־געהאָלפן אױפצובלאָזן אין אים דאָסדאָזיקע פײער. װאָרים אָנשטאָט װאָס זי האָט געדאַרפט, באַקאַנט װערנדיק מיט זײנע געדאַנקען, נעמען און איבעררײסן מיט אים איר קאָרעספּאָנדענץ, האָט זי נישט אױפגעהערט שיקן אים כּסדר בריװ, פון װאָס זי האָט שפּעטער גע־האַט פיל חרטה און עגמת-נפש.

## II

ס׳איז אוועק אַ געוויסע צייט, און אין דעם דיכטער האָט זיך דערוועקט דער וואונטש, נישט צו באַנוגענען זיך מיט דעם בלויזן ב־יוו־ועקסל און צו באַקענען זיך מיט שרהן פּערזענלעך. ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן, ווייל אין יענער צייט האָט די אינקוויזיציע שטאַרק נאָכגעשפּיאָנירט נאָך די קאַטאָליקן, וואָס האָבן פאַרבינדונגען מיט יידן. דעריבער האָט דער דיכטער באַשלאָסן, צו שיקן קיין ווענעדיג זיין טרייען משרת מאַרקאָ, וועלכן ער האָט תמיד אָנגעטרויט אַלע זיינע סודות. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט דער דיכטער אויסגעריכט מאַרקאָן קיין ווענעדיג צו שרהן מיט אַ קאָרב פון די בעסטע פּרוכטן פון זיין געגנוער וויינגאָרטן, מיט זיינעם אַ שפּאַניש ווערק צוזאַמען מיט אַ התלהבותדיקער פּאָעמע, געשריבן ספּעציעל פאַר איר כבוד. דערזעענדיק שרהס בלענדנדע שיינקייט, איז מאַרקאָ געוואָרן ווי באַצויבערט און, צוריקקערנדיק זיך אין אַ פּאָר טעג אַרום צום דיכטער, האָט ער נישט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקן פאַר אים די באַוואונדערונג, וואָס ער האָט פאַר דערדאָזיקער יידישער פרוי, וואָס ער האָט נאָך זינט ער לעבט נישט געזען איר גלייכן.

יעדער בריוו, וואָס דער דיכטער האָט דערהאַלטן פון שרהן, האָט אַלץ מער אין אים געשטאַרקט זיין וואונדער איבער איר גרויסער און טיפער געלערנזאַמקייט, איבער איר אויסטערלישער בקיאות אין אַלע אַנדערע פילאָזאָפישע ספרים, איבער איר באַהאַוונטקייט אין אַלע צווייגן פון דער יידישער געשיכטע און ליטעראַטור. דאַן ערשט האָט דער דיכטער אָנגעהייבן פאַרשטיין, אַז דורך ויכוחים און טרוקענע דיסקוסיעס וועט ער זי נישט באַאיינפלוסן, ווייל אין פּלפּול און סאָפיסטיק איז זי שטאַרקער פאַר אים. אַרומקלערנדיק אַלזייטיק די לאַגע, איז ביי אים געבליבן, צו פּרואוון רעדן צו איר געפיל, צו איר נשמה. און אויסגעפירט דעמדאָזיקן באַשלוס האָט ער אויף צוויי פראָנטן: ערשטנס, האָט ער איר דערקלערט, אַז ער האָט זי באַקומען ליב אונטער די אויגן, און אַזוי שטאַרק, אַז ער קאָן אָן איר נישט לעבן. ער פילט זיך צוגעבונדן צו איר מיט אַלע פעדעם פון זיין נשמה, באופן, אַז זיין וויטערדיקער שיקזאַל הענגט אָפּ

נאָר פון איר. דערביי האָט ער איר פאָרגעשטעלט, ווי הויך און דערהייבן עס איז דער האַרמאָנישער צוזאַמענבונד פון צוויי דיכטע־רישע נשמות פונם עטישן שטאַנדפּונקט. פון דער צווייטער זייט האָט ער זיך ביי איר געבעטן, „זי זאָל רחמנות האָבן אויף זיך אַליין און זיך נישט אָפּזאָגן פון צו געניסן פון דער העכסטער זעלישער גליקזעליקייט, וואָס עס דערוואַרט איר אין דעם שויס פונם קאַטוילישן גלויבן".

דאָס האָט דערוועקט ביי דער יידישער דיכטערין נאָר אַ שטאַרקערע רחמנות־געפיל צו איר אומגליקלעכן קאַטוילישן קאָלעגע, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אייזנפעסטן כאַראַקטער פון אַ יידישקע, וואָס איז מיט לייב און לעבן איינגעוואָרצלט אין די טראַדיציעס פון איר פאָלק און זיין אמונה. אונטער דעם איינפלוס פונם דאָזיקן רחמנות־געפיל האָט זי ביי זיך נישט געקאָנט פועלן איבערצורייסן מיט אים איר קאָרעס־פּאָנדענץ; זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל זיך נישט אָפּרופן שלעכט אויף זיין געזונט. אויסערדעם, איז איר זייער שווער געווען אָפּצוזאָגן זיך פונם גרויסן עסטעטישן גענוס, וועלכן עס פאַרשאַפן איר זיינע בריוו. דערווייל, איידער שרה האָט געוואונען צייט זיך צו איבערלייגן, ווי אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון דערדאָזיקער, פאַר איר זייער פּיינלעכער לאַגע, האָט דער דיכטער זי נישט אויפגעהערט צו שטורמען מיט בריוו, איינער פלאַמענדיקער פאַר דעם אַנדערן. אין זיין לעצטן בריוו איז ער איר מודיע, אַז ער איז פון ערגערניש קראַנק געוואָרן, און פאַרענדיקט: „נאָר דאַן וועל איך גיין רואיק קעגן דעם טויט, ווען איך וועל וויסן אויף ריכטיק, אַז אונזערע נשמות וועלן זיין צוזאַמענגעבונדן אינם בונד פונם אייביקן לעבן אויף יענער וועלט".

שרה האָט געזומען פילן, אַז אויף איר לעבן הייבן זיך אָן צו קלויבן פינסטערע וואָלקנס. איר געפיל האָט זי נישט אָפּגענאַרט...

## III

שרה, וועלכע האָט געפירט אַן איינזאַם לעבן און איז געווען כסדר אַריינגעטאָן אין אירע ביכער, האָט זיך צווישן דער וועגעדי־גער יידישער באַפעלקערונג דערוואָרבן נישט ווייניק פיינט. איר אָפּ־געזונדערטקייט פון דער געזעלשאַפט האָבן לייט אויסגעטייטשט אַלס אַ סימן פון שטאָלץ, פון גאווה, און האָבן דערפאַר אויף איר גע־טראָגן אין האַרצן גרויס פאַרדראָס. פון ר׳ שמעונס טאָכטער האָט מען דערוואַרט, אַז זי וועט, ווי דער פאָטער, זיין אויסגעמישט מיטן פאָלק, וועט זיין, ווי ער, אַ פלייסיקע כלל־טוערקע, און וועט אויס־נוצן איר אויטאָריטעט ביי דער קריסטלעכער באַפעלקערונג לטובת דעם יידישן המון. דידאָזיקע דערוואַרטונג איז אָבער נישט דערפילט געוואָרן. שרה האָט געלעבט פאַר זיך אין אַן אָפּגעשלאָסענער וועלט. אין דער יידישער גאַס האָט מען איר קנאַפּ וואָס געזען, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט פאַרגעסן ווער זי איז און פונוואַנען זי שטאַמט. איר מאַן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער סוחר, האָט זיך כמעט קיינמאָל נישט געפונען אינדערהיים; אויסערדעם, האָט מען געוואוסט, אַז ער פאַרגעטערט שרהן אויף אַזויפיל, אַז ער וועט קיינעם נישט צולאָזן צו רעדן מיט אים וועגן איר אַ וואָסער עס איז אומאַנגענעם וואָרט. ס׳האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן אָנגעהייבן שרהן נאָכ־שפּיאָנירן, ביז זיי זענען ענדלעך דערגאַנגען דורך איר הויזמיידל וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס זי פירט מיט דעם קאַטוילישן דיכטער. דיזעלבע שפּיאָנען האָט זיך אויך איינגעגעבן איבערצונעמען שרהס אַ בריוו, אין וועלכן זי דריקט אויס דעם דיכטער איר הייסן דאַנק פאַר זיין פאָטאָגראַפיש בילד, וואָס ער האָט איר צוגעשיקט. דאָס איז שוין פאַר זיי געווען גענוג אויסצובויען אויף דעם אַ גאַנצן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן שרהן, אַז זי איז אונטער דעם שלעכטן איינפלוס פון אירע ביכער אַראָפּ פון דרך־הישר און געוואָרן אַזוי אויסגעלאַסן אַזש צו פאַרקערן אין דער שטיל מיט אַ קריסט...

די זאַך איז דערגאַנגען צום וועגעדיגער רב, וועלכער האָט פאַר־רופן צו זיך עטלעכע פון די חשובסטע מיטגלידער פון דער קהילה און זיך מיט זיי מיישב געווען וואָס צו טאָן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן,

אז כדי נישט צו באַפלעקן ר' שמעונס כבוד, זאָל מען פון דער זאַך קיין טומל נישט מאַכן, נאָר דורכרעדן זיך מיט שרהן אַליין, און אַזויפיל אויסמוסרן איר, עס זאָל איר נעמען ביים הארצן און זי זאָל תשובה טאָן. דידאַזיקע מיסיע האָט אויף זיך גענומען דער אַלטער רב אַליין, וועלכער איז אַמאָל געווען אַן אָפטער איינגייער צו ר' שמעונען אין הויז, האָט גוט געקענט שרהן נאָך פון איר קינדהייט און שפּעטער געשעצט אירע יידישע וויסנשאַפטן.

דער רב האָט געפונען פאַר פּאַסיק נישט מטריח צו זיין שרהן קומען צו אים און איז בעסער אַוועק צו איר. דאָס איז געווען אין אַ הארבסטיקן פאַרנאַכט. שרה איז דאַן געזעסן ביי זיך אין אַרבעטס-קאַבינעט, פאַרטיפט אין אַ שפּאַניש בוך. אַז מען האָט איר געמאָלדן, אַז דער רב איז געקומען, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט, און נישט אַרויסלאָזנדיק דעם ספר פון האַנט, איז זי אים תיכף געגאַנגען אַנטקעגן. אָפּגעבנדיק דעם רב אַ „גוט-אָוונט", האָט זי זיך אָפּגערופן:

— כ'בין העכסט דערשטוינט פון אייער אומגעווײנלעכן וויזיט. האָט עפּעס, חלילה, וואָס פּאַסירט אין דעם געטאָ?

— ניין; ס'האָט, אַ דאַנק גאָט, גאָרנישט פּאַסירט. אָבער וואָס האָט דאָ, ביי דיר, פּאַסירט? — האָט זי געפרעגט דער רב, אַריינקוקנדיק איר טיף אין די אויגן.

— דאָ? ביי אונז? — האָט שרה אויסגערופן גאַנץ פאַרוואונדערט.—קיין זאַך נישט!

— פאַרוואָס דערוויטערסטו זיך אַזוי פון אונז?—האָט דער רב אַרויסגערעדט מיט אַ רחמנות-קול.—פאַרוואָס שמעקסטו קיינמאָל נישט אַריין אין אונזער געטאָ? מיר האָבן דאָך שטענדיק געהאָפט, אַז דו וועסט זיין אונזער שטאָלץ! לסוף ביזטו טאַקע געוואָרן שטאָלץ און ווילסט אונז נישט קענען.

מיט ציטערנדיקע ליפּן האָט אים שרה אויף דעם געענטפערט:

— אייערע ווערטער, רבי, באַליידיקן מיך. וואָס אַזוינס האָט מען פון מיר געזען? אין וואָס באַשטייט מיין שטאָלץ? יאָ, איך שטאָלציר, אָבער נישט מיט זיך, נאָר מיט אונזער פאָלק און מיט אונזער תורה. אָט זעט, מיט וואָס איך פאַרנעם מיך איצט. אָט האָט מען מיר אַריינגעשיקט אַ ספר פון אַ שפּאַנישן גייסטלעכן, וועלכער מאַכט צו אַש און בלאָטע אונזער אמונה און איך געפין, אַז מען

טאָר אים נישט פאַרשווייגן, און שרייב איצט אַ ווערק, מבטל צו זיין אַלע זיינע טענות און אויפצווייזן פאַר דער וועלט זיינע שקרים.

און תיכף האָט זי מוסיף געווען:

— אָבער גוט, רבי, וואָס איר זענט געקומען. דער שפּאַנישער גייסטלעכער שטיצט זיך, צווישן אַנדערן, אויף אַ מימרה פון דער גמרא. אויף וויפל איך געדענק אָבער, איז די מימרה אַ געפעלשטע; די גמרא זאָגט גראָד פאַרקערט. אָט גוט, וואָס איר זענט געקומען; איר וועט מיר געוויס די זאַך אויפקלערן.

דערביי האָט שרה איבערגעגעבן אויספירלעך דעם רב וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. דער רב איז געבליבן שטיין גאַנץ איבער-ראַשט. ער וואָלט זיך גאָר קיינמאָל נישט פאַרגעשטעלט, אַז אין שרהס זכרון זאָל פאַרבלייבן אַזוי טיף איינגעקריצט איר „גירסא דינקותא". זעענדיק מיט וואָס פאַר אַ ברען זי רעדט וועגן דער יידישער אמונה און ווי זי שיט פעך און שוועבל אויף אירע קעג-נער, איז דער רב געוואָרן פעסט איבערצייגט, אַז דאָס האָבן נאָר בייזע צינגער געקענט פאַרשפּרייטן וועגן איר אַזעלכע רכילותן און ער האָט שוין נישט געפונען פאַר נייטיק צו דערקלערן איר דעם צוועק פון זיין באַזוך. ערשט נאָכדעם ווי שרה איז צו אים צוגע-שטאַנען, ער זאָל איר זאָגן, וואָס פאַר אַן אויסטערלישער צופאַל ס'האָט אים געבראַכט צו איר, — האָט ער איר דערציילט דעם גאַנצן אמת.

אויף שרהן האָט דעם רבס דערציילונג געמאַכט אַ דערשיטערנ-דיקן איינדרוק. עטלעכע סעקונדן איז זי געבליבן זיצן ווי געפּלעפט. נאָכדעם האָט זי זיך געפאַסט און געזאָגט:

— גוט; דער המון באַשולדיקט מיך, און פאַר אים וויל איך מיך פאַרענטפערן. רופט צונויף מאָרגן אונזער גאַנצע עדה יידן אויפן שולהויף, און דאָרט וועל איך זיי אָפּגעבן די נייטיקע דער-קלערונגען. וועלן זיי מיך נאָכדעם וועלן משפטן, איז מהיכא תיתי.

אין אַ לאַנגער פייערדיקער רעדע האָט שרה אויף מאָרגן באַ-לויכטן פאַרן גאַנצן צונויפגעזאַמלטן עולם אירע באַציונגען צו דעם יידישן פאָלק און צו דער יידישער רעליגיע. רעדנדיק וועגן דעם יידישן מוסר, איז זי אַריינגעקומען אין אַזאַ עקסטאַז, אַז ס'האָט זיך אין יענע מינוטן אָפּגעדאַכט דעם עולם, אַז פאַר זיי שטייט איינע

פון די פאַרצייטיקע נביאהטעס. דערביי האָט זי מיט אַ הייליקער נאַיוויטעט דערציילט וועגן איר בריוו-וועקסל מיט דעם קאַטוילישן דיכטער, וועלכער האָט זיך באַמיט זי צו געווינען פאַר זיין קאַטוילישן גלויבן, און וועלכער איז אָבער אונטער איר איינפלוס געקומען אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין ביים איבערגיין צו איר יידישן גלויבן. דער איינדרוק פון איר רעדן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט, האָט זיך אוועקגעשטעלט דער רב און געבעטן ביי איר מחילה אינם נאָמען פון אַלע וועגעדיגער יידן.

קוים זענען אָבער געוואָרן איינגעשטילט די אינעווייניקסטע מהומות, האָט זיך אַרויפגעצויגן אויף שרהן אַ נייער וואָלקן פון דרויסן. איינער אַ העכסט-פאַנאַטישער קאַטוילישער גייסטלעכער, בלשצר בוניפאַציאַ פון דער איטאַליענישער שטאָט ראַוועגא, וועלכער האָט זיך אויסגעמישט מיטן יידישן עולם אויפן שולהויף, בעת שרה האָט געהאַלטן איר רעדע, האָט אויף איר אַריינגעשיקט אַ מסירה צו דער אינקוויזיציע, אַז זי האָט, אויפהייבנדיק צום הימל די יידישע אמונה, אָפּגעשפּאָט פון דעם קריסטלעכן גלויבן. דערביי האָט דער מסור פאַלסיפיצירט עטלעכע שטעלן פון איר רעדע און איר פאַרמסרט, אַז זי גלויבט נישט אין „השארת הנפש". דאָס ערגסטע איז אָבער געווען דאָס, וואָס זי האָט אַליין דערציילט, אַז זי האָט אַ גלויביקן קאַטאָליק געווינען פאַרן יידנטום.

די מסירה האָט געהאַט אַ ווירקונג, און עס האָט שוין געהאַלטן נאָענט דערביי, אַז שרה זאָל אוועקגעשטעלט ווערן פאַר דעם בית-דין פון דער אינקוויזיציע, און דאַן וואָלט זי זיך געפינען אין גרויס געפאַר פאַרמשפּט צו ווערן צום פאַרברענען. צו איר גליק, האָט זי זיך וועגן דערדאָזיקער מסירה דערוואוסט באַצייטנס, און איידער וואָס, ווען, האָט זי באַוויזן צו פאַרעפנטלעכן עטלעכע בראָשורן איינע נאָך דער אַנדערער, אין וועלכע זי האָט זיך ריינגעוואַשן פון אַלע באַשולדיקונגען. אַ באַזונדער פּוראַר האָט אַרויסגערופן ביי די קריסטלעכע טעאָלאָגן איר אָפּהאַנדלונג וועגן „השארת הנפש", אין וועלכער זי האָט אַרויסגעזאָגט אַ מאַסע נייע אויסטערלישע געדאַנקען. דער סוף איז געווען, אַז דעם גלחס מסירה איז דערקלערט געוואָרן אַלס אומבאַגרינדעט, און אַלס שטראָף האָט דער העכסטער טריבונאַל אים באַפוילן דורכצוטועכהן זיך מיט שרהן עפנטלעך.

שרהס עפנטלעכער אַרויסטריט, מיט וועלכן ס'האָט געקלונגען

גאַנץ איטאַליע, איז געווען פאַר דעם גלח אַ טויטקלאַפּ. פון דעמאָלט אָן איז ער פאַרשוווּנדן געוואָרן פון האָריזאָנט.

שרה איז געשטאָרבן אין יאָר 1641. די איטאַליענישע ליטע־ראַטור־היסטאָריקער, ווי צינעלי און אַנדערע, באַצייכענען זי אַלס גרעסטע פּאָעטעסע פון איר צייט. דער באַוואוסטער ר׳ יהודה אריה (ליאון) די מודינה האָט איר אָנדענקען געווידמעט זיין פּאָעמע „אסתר".

# עמא לאצארוס.

## I

אַ באַוואוסטע אַמעריקאַנער דיכטערין. געבוירן איז זי אין יאָר 1849 אין ניו־יאָרק ביי זייער רייכע עלטערן, וואָס האָבן געשטאַמט פון פּאָרטוגאַל. זיי האָבן באַזעסן גרויסע צוקער־פּלאַנטאַציעס, וועלכע האָבן אַריינגעטראָגן אומגעהייערע הכנסות. עמאַ, וועלכע האָט זיך נאָך קינדווייז אַרויסגעוויזן פאַר אויסטערליש באַגאַבט, האָט גענאָסן אַ הויזלעכע בילדונג דורך פּריוואַט־לערער. אירע עלטערן האָבן זיך באַצויגן סקעפּטיש צו דער השפּעה פון דער שול־סביבה, און דעריבער האָבן זיי זי געהאַלטן אינדערהיים, וואו זי האָט באַקומען זייער אַ גוטע וועלטלעכע דערציִונג. אירע יידישע ידיעות זענען געווען זייער באַגרענעצט, כמעט נישטיקע, ווייל אירע עלטערן האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט פון יידן, זענען געשטאַנען ווייט פון יידישע אינטערעסן און האָבן קיינמאָל קיין שול נישט באַזוכט.

נאָך זייענדיק גאַנץ יונג, האָט זיך אין עמאַן אַנטוויקלט אַ שטאַרקע נייגונג צו פּאָעזיע. צו 14 יאָר האָט זי שוין אָנגעהייבן שרייבן לידער, וואָס האָבן ביי מבינים זייער אויסגענומען. פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן דער ענגלישער ליטעראַטור, האָט געפּרוּווט פאַרעפנטלעכן אין פאַרשידענע זשורנאַלן אייניקע פון אירע לידער, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ביים לעזער־עולם גרויס התפּעלות.

אַלס ערשטקלאַסיקע לירי קערין איז עמאַ געקרוינט געוואָרן אָנפאַנגס די זעכציקער יאָרן, בעת ס'האָט אויסגעבראָכן אין אַמעריקע

דער בירגער-קריג, און די צפון-שטאַטן האָבן זיך געלאָזט אין קאַמף פאַר דער באַפרייונג פון די פאַרשקלאַפטע נעגערס. דער פרייהייטס-גייסט, וועלכער האָט דעמאָלט באַהערשט דעם בעסטן און ליבעראַלסטן טייל פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, האָט אַרויסגערופן ביי דער יונגער דיכטערין גרויס באַגייסטערונג און געפונען אַ מעכטיקן אָפקלאַנג אין אירער אַ לידער-זאַמלונג, וואָס איז געוואָרן פאַרעפנט-לעכט אין יאָר 1867. זי איז דעמאָלט אַלט געווען קוים 18 יאָר, און שוין דעמאָלט האָט מען זי באַטראַכט אַלס נייעם אויפגייענדיקן שטערן אין דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע.

אין יענער צייט האָט זיך עמאַ דורך בריוו באַקענט מיט דעם באַרימטן אַמעריקאַנער פילאָזאָף און דיכטער עמערסאָן, וועלכער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן איינפלוס אויף איר גאַנצער ווייטערדיקער דענקונגס-אַרט און אויף דער אַנטוויקלונג פון איר פּאָעטישן טאַלענט. אין דער שטילער דיכטערין האָט זיך דערוועקט אַ קעמפנדיקע נאַ-טור; זי האָט שוין נישט געקאָנט רואיק איינזיצן אין די ד׳ אמות פון איר ליטעראַרישער שאַפונג, און זי האָט זיך גענומען רייסן צו דער גאַס, און פון דאָרט אין די פינסטערע קעלערס פון די עלנטע, פאַרהושכטע אַרבעטער, וועמענס מאַרך און בלוט עס ווערט אויסגע-זויגן דורך באַלעבאַטים עקספּלואַטאַטאָרן. עמאַ איז געוואָרן סאָציאַ-ליסטיש געשטימט, און דידאָזיקע שטימונג האָט אירע לידער ניי באַ-פאַרבט און באַטאָנט. אינגיכן האָט זי שוין אָבער דער סאָציאַליזם נישט באַפרידיקט. אין אירע נשמה-זוכענישן האָט זי זיך דערקליבן ביז צום אַנאַרכיזם. די טאָכטער פון דעם יידישן מולטי-מיליאָנער מאָזעס לאַצאַרוס איז געוואָרן אַן אַנאַרכיסטקע...

אין דערזעלבער צייט האָט עמאַ נישט אויפגעהערט לערנען און באַרייכערן אירע ידיעות. זי האָט געלערנט שפּראַכן, היסטאָריע און פילאָזאָפיע, און האָט זיך אַזויאַרום דערוואָרבן זייער אַ גרויסע ווויסנשאַפטלעכע ערודיציע, וועלכע זי האָט אויסגענוצט צו אירע אייגענע שאַפונגען. זי האָט שוין איצט געשאַפן אויך אין פּראָזע. זי האָט אָנגעשריבן צווישן אַנדערן די ביאָגראַפיע פון די גרויסע דייטשע דיכטער געטע און היינע. אירע איבערזעצונגען פון היינעס גע-קליבענע לידער זענען אין זייער צייט באַטראַכט געוואָרן פון זאַך-קענער אַלס די געלונגענסטע אין דער ענגלישער שפּראַך. בלויז יידן און יידישקייט זענען איר נאָך געבליבן פרעמד. די באַגריפן, וועלכע זי האָט וועגן

זיי באַקומען פאַרבייוועס, דורך די פאַרשידענע ווערק פון דער וועלט-ליטעראַטור, זענען געווען גאַנץ מטושטש. איר האָט אויך קיינ-מאָל נישט אינטערעסירט די נעפּלדיקייט דורכצורייסן, און דעם טונקל קלערער צו מאַכן.

## II

אַזוי האָט זיך געצויגן ביזן יאָר 1882.

דאַן, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען, בעת ס'האָט זיך אָנגעהייבן אַ גרויסע מאַסן-איינוואַנדערונג פון די רוסישע יידן קיין אַמעריקע, איז פאָרגעקומען אין עמאַן אַ שטאַרקער איבערברוך בנוגע אירע באַציונגען צו דעם פאָלק, וועמענס טאָכטער זי איז. אָנלייענענדיק זיך פריער אין די צייטונגען וועגן די שרעקענישן פון די פּאָגראָמען, וועלכע די רוסישע יידן האָבן איבערגעלעבט, און קומענדיק שפּעטער אין פערזענלעכער באַרירונג מיט די אומגליקלעכע קרבנות, האָט זיך אין איר גאַנץ אומבאַוואוסטזיניק דערוועקט דאָס פינטעלע ייד, דער-וועקט און זיך אויך באַלד פאַנאַנדערגעפלאַקערט. די טעמפּעראַמענט-פולע, עקספּאַנסיווע דיכטערין, וועלכע האָט ערשט נעכטן באַוויינט דעם ביטערן שיקזאַל פונם פאַרשקלאַפטן נעגער מיט דעם עקספּלוי-אַטירטן אַרבעטער, איז היינט געוואָרן די באַקלאָגערין פון די יידישע צרות, פון דער יידישער פיל טויזנטיאָריקער מאַרטיראָלאָגיע. זי איז דאַן אַרויס אין די גרעסטע אַמעריקאַנער זשורנאַלן מיט שאַרפע פּראָטעסט-אַרטיקלען קעגן די יידישע רדיפות אין רוסלאַנד. נאָכהער האָט זי אָנגעשריבן עטלעכע דערציילונגען פונם יידישן לעבן, און באַזונדערס פון די עמיגראַנטישע קרייזן. דידאָזיקע דערציילונגען האָבן געאָטעמט מיט גרויס ליבע צום יידישן פאָלק.

און עמאַ לאַצאַרוס הייבט אָן מיט גרויס חשק זיך צו באַ-קענען מיט די קולטור-היסטאָרישע גיטער פונם יידישן פאָלק. קודם-כל, פאַרטיפט זי זיך אין דעם מהות פון דער יידישער רעליגיע. זי בעמט לייענען דעם תנ״ך, און באַקומט גרויס התפּעלות פון דער

היכבער פּאָעזיע און פון דעם אַמאָליקן אַלטן יידישן לעבן. מיט גרויס פלייס דערלערנט זי די העברעישע שפּראַך, און באַלד דער־לאַנגען שוין אירע קענטעניש אַזוי ווייט, אַז זי איז שוין ביכולת צו דערגרייכן אירע ידיעות וועגן יידן און יידנטום פון די ערשטע קוועלן. דאָס ג׳ט איר די מעגלעכקייט אָנצוהייבן שאַפן ליטעראַריש אויף יידישע טעמעס. זי גיט אַרויס אַ לידער-זאַמלונג אין פּראָזע, וועלכע זענען געשריבן אונטער דעם איינדרוק פון די נביאים. אויסער אירע אָריגינעלע ווערק וועגן יידן, האָט זי אויך איבערגעזעצט אין ענגליש די שאַפונגען פון די שפּאַנישע יידישע דיכטער אין מיטלאַלטער.

און ווי תמיד, האָט זיך עמאַ לאַצאַרוס אויך דאָסמאָל נישט באַשרענקט בלויז אויף ליטעראַרישער טעטיקייט. זי נעמט אונטער אַ גרויסע אַקציע לטובת די רוסישע יידן, וועלכע דער גורל האָט פאַר־וואָרפן קיין אַמעריקע. זי פירט אָן אַן אינטענסיווע עפנטלעכע אַגי־טאַציע צווישן דער אַלטגעזעסענער יידישער און נישט יידישער באַ־פעלקערונג אין אַמעריקע, איינצואָרדענען די עמיגראַנטן מאַטעריאַל און גייסטיק, צו עפענען פאַר זיי אַרבעטספּלעצער און מוסטערשולן. מיט דעם גאַנצן פייער פון איר שטענדיק יונגער נשמה האָט זי זיך אָפּגעגעבן צו דערדאָזיקער אַרבעט, האָט כסדר געדרוקט אין די אָנ־געזעענסטע אַמעריקאַנער צייטונגען אַרטיקלען וועגן פאַרשידענע יידישע אָנגעלעגנהייטן, און ווען עס האָט זיך פון דער דעמאָלטיקער מאַסן־איינוואַנדערונג אויסגעבילדעט דער היינטיקער אַזוי עקאָנאָמיש-פעסטער יידישער מיליאָנען-קיבוץ אין אַמעריקע, האָט מען דערפאַר גרעסטנ־טיילס צו פאַרדאַנקען דער מסירת-נפשדיקער אַרבעט פון עמאַ לאַצאַרוס.

עמאַ לאַצאַרוס איז נאָך אָבער אַוועק ווייטער. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זי איבערראַשט די וועלט מיט אַן אַרטיקל, וועלכן זי האָט פאַרעפנטלעכט אין אַן אַמעריקאַנער צייטשריפט, און אין וועלכן זי האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ הייסער יידישער נאַציאָנאַ־ליסטין און פאַר אַ גרויסער אָנהענגערין פון חבת-ציון-געדאַנק. אויף מאָרגן האָבן אַלע ניו-יאָרקער בלעטער געבראַכט אויסצוגן פון איר דערמאָנטן אַרטיקל אַלס סענסאַציע. די נעכטיקע אַנאַרכיסטין איז גאָר מיט־אַמאָל געוואָרן אַ פאַרברענטע ציוניסטין! אויף דערדאָזיקער טעמע איז דעמאָלט אין דער אַמעריקאַנער יידישער און אַלגעמיינער פּרעסע פיל געשריבן געוואָרן, און דערווייל האָט עס אַ סך מיטגעהאָלפן צו פּאָפּולאַריזירן דעם חבת-ציון-געדאַנק אין אַמעריקע.

פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן אינם לעבן פון עמא לאַצאַרוס אַ נייע תקופה, וועלכע זי אַליין האָט באַצייכנט אַלס תקופה פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ און נאַציאָנאַלן אומאָפּהענגיקייטס-שטרעבן. די ווידער אויפלעבונג פונם יידישן פאָלק אויף זיין אַלטן היסטאָרישן באָדן אין ארץ-ישראל ווערט פון איצט אָן איר אידעאַל, וועלכן זי גיט אָפּ איר פעדער מיט אירע בעסטע כוחות. זי שטייט אויף דער וואַך און רופט אַרויס כסדר הייסע ויכוחים וועגן אַן אייגענער יידישער מלוכה אין ארץ-ישראל. מיט איר שאַרפער, בייסנדיקער פעדער לאָזט זי די עפנטלעכע מיינונג נישט צורו. נישט אַנדערש, אַז זי מוז זיך אָפּרופן אויף דער פראַגע, און דער עולם האָט זיך ווירקלעך אָפּגערופן. אין ניו-יאָרק און אין אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט האָבן זיך דאַן געגרינדעט די ערשטע חברות פאַר ישוב ארץ-ישראל.

עמא לאַצאַרוס איז אינגאַנצן פאַרשלונגען געוואָרן אין דער ציוניסטישער אַרבעט. זי איז אָבער אין איר אויך פאַרברענט געוואָרן. אין איר בליענדן עלטער, צו 38 יאָר, האָט זי באַקומען גאַלאָפּירנדיקע שווינדזוכט און איז געשטאָרבן.

# רחל מאָרפּורגאָ.

## I

אַ באַרימטע העברעישע דיכטערין אין איטאַליע סוף אַכצנטן יאָרהונדערט, וועלכע האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער דעמאָלטיקער יידישער וועלט אויך מיט איר גרויסער תלמודישער און פילאָזאָפישער ערודיציע.

רחל מאָרפּורגאָ איז געווען אַ געבוירענע לוצאטו — די עלטסטע העכסט אַריסטאָקראַטישע יידישע פאַמיליע אין איטאַליע, וועלכע האָט, אָנהייבנדיק פונם זיבעצעטן יאָרהונדערט, אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי גרויסע געלערנטע, דענקער-פילאָזאָפן, דאָקטוירים, פּאָעטן און פּאָליטיקער. עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם וועלטבאַרימטן פילאָזאָף, מקובל און דיכטער ר' משה חיים לוצאטו, דעם אויסטערלישן פילאָלאָג, ביבלפאָרשער, היסטאָריקער און פּאָעט ר' שמואל דוד לוצאטו (שד"ל), וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט אָנגעפירט מיט דעם פּאַדוער יידיש-טעאָלאָגישן סעמינאַר, אָדער דעם היינטיקן באַקאַנטן פּאָליטיקער, דער געוועזענער איטאַליענישער פּרעמיער-מיניסטער לואי-דזשי לוצאטו. די לוצאטוס האָבן פון תמיד אָן געשמט פאַר דעם אדל פונם איטאַליענישן יינדטום.

רחלס פאָטער, ברוך, אַ זון פונם דאָקטאָר און דיכטער יצחק לוצאטו, איז אפילו נישט געשטאַנען אַזוי הויך אין וועלטלעכער בילדונג, ווי זיינע עלטערן; דערפאַר האָט ער אָבער באַזעסן פיל יידישע קענטענישן. דערנערט האָט ער זיך פון דרעקסלעריי, און דעם גרעסטן טייל פון זיינע פאַרדינסטן האָט ער פאַרווענדעט אויף דער אויסבילדונג פון זיינע קינדער, באַזונדערס פון די זין.

רחל איז געבוירן געוואָרן אין טריעסט אין יאָר 1789. נאָך אַלס יונג קינד האָט דער פאָטער מיט איר אַליין געלערנט תנ"ך. נישט האָבנדיק געגוג צייט זיך אָפּצוגעבן מיט איר, פלעגט אים גאַנץ אָפט פאַרבייטן זיין שוואָגער, דער פרוים ברודער, חזקיה לוצאטו, דער פאָטער פון אויבנדערמאָנטן הויכגעלערנטן ש"דל, וועלכער האָט מיט איר געלערנט רש"י און התחלת גמרא. דאָס מיידל האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ גרעאַטענע, און פלייסיק ווי זי איז געווען, און וויפל זי האָט געלערנט, האָט איר נאָך אַלץ נישט צופרידנגעשטעלט; איר האָט זיך געוואָלט קענען און וויסן וואָס מער און מער. זי האָט זיך געכאַפּט צו אַלץ: צו תלמוד בבלי און ירושלמי, צו די מיטלאַלטערלעכע יידישע פילאָזאָפישע ספרים, ווי אַ „כוזרי", אַ „חובת-הלבבות" און אַנדערע. צו פערצן יאָר האָט זי געקאָנט אויף אויסעווייניק עטלעכע מסכתות פון גמ״א. גאַנץ פרי האָט זיך אין איר אַנטוויקלט אַ נייגונג צו פּאָעזיע אין דער העברעישער שפּראַך, וועלכע זי האָט מייסטערהאַפט באַהערשט. די, וואָס האָבן געלייענט אירע שירים, פלעגן זאָגן, אַז צו איר איז איבערגעגאַנגען בירושה דער גרויסער דיכטערישער גייסט פון איר עלטערזיידן ר׳ משה חיים לוצאטי. ווי ווייט ס׳האָט שוין דעמאָלט דערגרייכט רחלס פּאָפּולאַריטעט, באַווייזט פאָלגנדער פאַקט: אין יענער צייט איז געקומען קיין טריעסט אויף גאַסטראָלן די באַוואוסטע יידישע טראַגישע שפּילערין ראשעל. איינער אַ דיכטער, וועלכער האָט אויסגעדריקט אין אַ שיר זיין גרויס התפעלות איבער דעם אויסטערלישן שפּילן פון דער אַרטיסטין, וועלכע דינט אַלס צירונג פאַרן יידישן פאָלק, האָט דערביי געפונען פאַר נייטיק מוסיף צו זיין, אַז נישט ווייניקער קאָן דאָס יידנטום שטאָלצירן אויך מיט זיין צווייטער רחלען,—רחל לוצאטו.

רחל האָט קיינמאָל קיין שול נישט באַזוכט; אַלע אירע קענטענישן האָט זי דערוואָרבן אינדערהיים. אָפּגעבנדיק זיך כסדר מיט אירע לימודים, האָט זי נאָך געפונען צייט אויסצולערנען זיך די דרעקסלעריי-פּראָפעסיע, און האָט מיטגעהאָלפן דעם פאָטער אין דער אַרבעט. זי האָט זיך אויסגעצייכנט אויך אַלס טיכטיקע שניידערין, און האָט אַליין גענייט אַלע בייטיקע קליידער פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע. צו דעם אַלעם האָט זי נאָך אָנגעפירט מיט דער הויזווירטשאַפט.

בעת רחל איז אַלט געוואָרן אַ יאָר פופצן, האָט זי באַקומען אַ חבר, מיט וועלכן זי האָט צוזאַמען געלערנט. דאָס איז געווען איר צוועלפיאָריק שוועסטערקינד, דער שפּעטערדיקער גרויסער געלערנטער שד"ל (שמואל דוד לוצאטו). ביידע פלעגן זיי אָפּזיצן שעהן־לאַנג ביי זייערן אַ פעטער, דוד לוצאטו, וועלכער האָט געהאַט זייער אַ רייכע ביבליאָטעק פון אַלטע יידישע ספרים. טאָג־טעגלעך פלעגן זיי ביידע פאַרברענגען אין דער ביבליאָטעק, וואו זיי פלעגן זיך מתווכח זיין וועגן פאַרשידענע תנ"ך־פראַגן און רעליגיעזע פּראָבלעמען. וועגן יענער צייט פון זייער צוזאַמענלערנען גיט איבער שד"ל פאָלגנדיקן עפּיזאָד: „פיל מאָל האָט מיך רחל געבעטן, איך זאָל פאַר איר זען באַקומען אַ ספר, וואָס איז פאַר איר זייער טייער, דאָס איז דער „זוהר". אין אַ געוויסן טאָג — דאָס איז געווען אין יאָר 1827 — האָב איך ערגעץ באַקומען צו קויפן דעם „זוהר", און האָב עס איר געבראַכט. נאָכדעם, ווי זי האָט מיר באַצאָלט דאָס געלט, וואָס דער ספר האָט מיר געקאָסט, האָט זי מיך אַ פרעג געטאָן: „און מיט וואָס קאָן איך דיר, מיין פריינט, אָפּדאַנקען פאַר דיין טרחה?" אויף דעם האָב איך איר געענטפערט: „איך פאַרלאַנג פון דיר נאָר איין זאַך, אַז דו זאָלסט נישט גלויבן אין קיין איינציק וואָרט פון דעמדאָזיקן ספר". זי האָט אים באַלד אָפּגעענטפערט מיט דעם תנ"כישן אויסדרוק: „הקשית לשאול" (ד. ה. דיין פאַרלאַנג איז אַ צו שווערער).

II

צו אַכצן יאָר האָט זיך רחל שטאַרק פאַרליבט אין אַ באַקאַנטן יונגן בחור, יעקב מארפורגאָ, און האָט מיט אים געוואָלט חתונה האָבן. אירע עלטערן, וועלכע האָבן פאַנטאַזירט אויסצוגעבן זי פאַר אַ הויכגעשטעלטער פערזענלעכקייט, האָבן אָבער צו דעמדאָזיקן שידוך נישט מסכים געווען, ווייל דער דערמאָנטער יונגערמאַן האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מסחר. זיי האָבן פאַר איר געקלאָגט און געוויינט, זי

זאָל זיך אויסקלייבן אַן אַנדער חתן, אַ מער פּאַסיקן פֿאַר איר. זי האָט אָבער נישט געוואָלט זען און הערן, און האָט זיי קאַטעגאָריש געמאָלדן, אַז אויב נישט מיט איר געליבטן יעקב מאַרפּורגא, האָט זי באַשלאָסן צו פֿאַרבלייבן אַ מיידל לעבנסלאַנג. שד״ל, וועלכער האָט זיך תּמיד מיט רחלען זייער אינטערעסירט, האָט פֿון דער זאַך געהאַט גרויס עגמת-נפש, און האָט איר געפּרוּווט אויסמוסרן אין אַ שיר, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט די פּאַלגנדיקע ווערטער: „ווען דו וועסט אַזוי וואַרטן אויף דעם, וואָס איז דיר ווערט, וועט דערווייל קומען משיח". זי האָט אים תּיכּף געענטפֿערט און אויך אין אַ שיר, אין וועלכן זי זאָגט צום סוף: „איך וועל וואַרטן און וואַרטן און נישט חתונה האָבן אפילו מיט משיחן אַליין"... שד״ל איז אַזוי אַנטציקט געווען פֿון איר געדיכט, אַז ער האָט עס אָן איר ידיעה פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם אין יענער צייט באַרימט געוועזענעם העבּ-רעיִשן זשורנאַל „כּוכבי-יצחק". דער שיר האָט דאַן אויפֿן העבּרעיִשן לעזער-עולם געמאַכט אַן אומגעהייער שטאַרקן איינדרוק, און פֿיל זענען געווען מסופּק, אַז דאָס זאָל האָבן געשריבן אַ יונג יידיש מיידל. פֿון דעמאָלט אָן האָט רחל אָנגעהייבן אָפֿטער צו דרוקן אירע שירים אין „כּוכבי-יצחק", און איז אַזוי אַרום געוואָרן זייער פּאָפּולער נישט בלויז אין איטאַליע, נאָר אויך אומעטום, וווּ ס׳האָט נאָר דערגרייכט דער קלאַנג פֿון אַ העבּרעיִש וואָרט.

עס זענען אַוועק נאָך עטלעכע יאָר, און רחלס עלטערן האָבן, נישט קאָנענדיק צוזען דעם צער פֿון זייער טאָכטער, געגעבן סוף כּל סוף זייער הסכּמה צו דעם שידוך מיט יעקב מאַרפּורגא. רחל האָט זיך דערפֿילט איבערגליקלעך, און האָט אירע געפֿילן אויסגעגאָסן אין אַ גלענצנדן שיר, וועלכער איז אויך באַלד אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „כּוכבי-יצחק" מיט אַן ענטוזיאַסטישער באַגריסונג פֿון שד״לן.

ס׳זענען אַוועקגעגאַנגען יאָרן. רחל איז געוואָרן אַ מוטער פֿון דריי זין מיט אַ טאָכטער, וועלכע זי האָט אָפּגעגעבן די גאַנצע צייט. דעם גאַנצן טאָג איז זי געווען באַשעפֿטיקט מיט די קינדער, און נאָר שפּעט אין אָוונט, ווען זי האָט אַלץ געהאַט אָפּגעטאָן, האָט זי זיך גענומען צו דער פֿעדער און צום בוך, אויף וועלכן זי פֿלעגט אָפּזיצן גאַנצע נעכט. אויף דעם באָדן זענען אָפֿט פֿאָרגעקומען סכסוכים צווישן איר מיטן מאַן, וועלכער האָט נישט געקאָנט צוזען, ווי זי פּטרט איר געזונט. זי האָט אָבער ביי זיך בשום אופן נישט

געקאַנט פועלן אָפּצורייסן זיך פון איר ליטעראַרישער טעטיקייט, וועלכע האָט זיך ביי איר צו דער עלטער אַנטוויקלט אַלץ מער אינטענסיווער און גלאַנצפולער, וואָס עס האָט דערוועקט די אַלגע־מיינע באַוואונדערונג.

אין דערזעלבער צייט האָט רחל געפירט אַ גרויסע קאָרעספּאָנ־דענץ מיט פאַרשידענע געלערנטע און ליטעראַרישע קאָריפייען פון דער גאַנצער וועלט, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען דער דיכטער יוסף אלמנצי, זלמן שטערן, אלכסנדר לאַנגבאַנק, יוסף הלוי און אַנדערע אַזעלכע באַרימטע פּערזענלעכקייטן. ווער פון זיי ס'האָט געהאַט ספקות וועגן דער אויסטייטשונג פון אַ שווערן פסוק אין תנ"ך, ווער פון זיי ס'האָט געוואָלט וויסן, וואו עס געפינט זיך אַ געוויסע מימרה, אין וועלכן עס איז ספר פון דער אַלטער העב־רעישער ליטעראַטור, ווער עס האָט זיך אינטערעסירט צו הערן אַ ריכ־טיקע, אויטאָריטעטע מיינונג וועגן יענעם און יענעם דיכטער, וועגן יענעם און יענעם דענקער, — אַלע האָבן זיי זיך געווענדעט שריפט־לעך אָדער מונדלעך צו רחלען, און זי איז קיינעם נישט געבליבן שולדיק קיין ענטפער. האָבנדיק אַזאַ קלינגענדיקן נאָמען אין דער וועלט, האָט זי זיך פונדעסטוועגן תמיד געהאַלטן אין שאָטן און איז געווען זייער באַשיידן. אין אַלע אירע בריוו פלעגט זי זיך אַליין אָנרופן „רמה" (אַ וואָרעם, איניציאַלן פון די ווערטער: „רחל מאר־פורגאָ הקטנה"), און אונטערגעשריבן האָט זי זיך געוויינלעך: „שפחתך" (דייז דינסט).

גאַנץ אָפט פלעגט זיך רחל אָפּרופן אין אירע שירים אויף די פּאָליטישע געשעענישן אין פאַרשידענע לענדער און באַזונדערס אויף די, מיט וועלכע עס איז פאַרבונדן דער גורל פונם יידישן פאָלק. אַזוי געפינען מיר ביי איר אַ געדיכט, געשריבן אונטער דעם איינ־דרוק פון די פרייהייטס־קאַמפן אין מיטל־אייראָפּע אין יאָר 1848; אין אַ צווייט ליד באַדויערט זי די טרויעריקע לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד, וואו זיי ווערן פאַרפאָלגט פון דעם „באַרבאַרישן צאַריזם" (לויט איר אויסדרוק). אויף אַ מערקווירדיקן אופן געפינט זיך דער־ביי אַ שיר, אין וועלכן עס קלינגט אָפּ אַ שטאַרקע בענקעניש נאָך ארץ־ישראל, דער איינציקער אָרט, וואו דאָס יידישע פאָלק קאָן און וועט אויפגעבויט ווערן. דערהאַלטנדיק די ידיעה, אַז ר' משה מאָנ־טיפיאָרע קלייבט זיך צו מאַכן אַ רייזע מיט זיין פרוי קיין ארץ־

ישראל, שרייבט זי אין אַ שיר: „איך וואָלט געוואָלט מיטפאָרן מיט דער באַראָנעסע כאָטש אַלס דינסט, נאָר אַבי צו האָבן די מעגלעכ־קייט צו פאַרברענגען מיינע לעצטע יאָרן אינם הייליקן לאַנד פון אונזערע אבות". זי האָט זיך ווירקלעך וועגן דעם משתדל געווען, און האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס דאָס האָט זיך איר נישט איינגעגעבן.

אַ זקנה פון איינאונאַכציק יאָר איז רחל געשטאָרבן. אויף איר קבר געפינט זיך אַ מצבה, וועלכע זי האָט אַליין אָנגעשריבן פאַר איר לעבן, און איז שוין דעמאָלט פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך ש"דלן אין „כוכבי־יצחק".

אין יאָר 1890 זענען אירע שירים אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן פּראָפעסאָר יצחק קאַסטעליאַני אין אַ באַזונדער בוך אונטער דעם נאָמען „עוגב־רחל" (רחלס האַרף).

# ר אַ ש ע ל.

## I

כמעט אין דערזעלבער צייט, ווען די טעכטער פון דער העכ־סטער יידישער אַריסטאָקראַטיע אין דייטשלאַנד האָבן, פאַרשיכורט פון זייערע דערפאָלגן ביי דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, אַזוי לייכטזי־ניק פאַרראַטן דעם גלויבן פון זייער פאָלק, האָט אין פראַנקרייך אַ יידיש מיידל, וואָס האָט דאָרט דערגרייכט צום העכסטן שטאַפּל פון כבוד און באַרימטקייט, מיט אַן אויסטערלישער האַרטנעקיקייט גובר געווען אַלע פּרוואון, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן פון פאַרשידענע זייטן צו געווינען זי פאַר דער הערשנדער קאַטוילישער אמונה, און איז ביז איר טויט פאַרבליבן שטאָלץ אויף איר יידישער אָפּשטאַ־מונג. מיר רעדן דאָ וועגן דער וועלטבאַרימטער אַרטיסטין ראַשעל.

ראַשעל איז געבוירן סוף פעברואַר 1821 אינם דאָרף מומפּ, אין דער שווייץ. איר פאָטער, יעקב פעליקס, וועלכער האָט געשטאַמט פון מעץ, איז געווען אַ קאַראַבעלניק, וועלכער פלעגט אַרומפירן זיינע סחורות איבער די יארידים אין דרום־דייטשלאַנד און אין דער שווייץ. ביי דידאָזיקע נסיעות פלעגט אים באַגלייטן זיין פאַמיליע.

אין יענער צייט זענען נאָך יידן אין די דערמאָנטע לענדער געוואָרן שטאַרק גערודפט, און עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז ראַשעל האָט זיך אין איר קינדהייט געגנוג אָנגעהערט וועגן דידאָ־זיקע רדיפות. בעת די פאַמיליע האָט זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן איז איר שוין געוואָרן אוממעגלעך אַרומצווואַנדערן איבער די שטעטלעך און דערפער. דאַן האָט זיך יעקב פעליקס געפּרוואווט איינאָרדענען צוערשט

אין ליאָן, און שפּעטער, אין יאָר 1831—אין פּאַריז. ראַשעל איז דע־מאָלט געווען אַ מיידל פון אַ יאָר צען.

די אומגאַנגס־שפּראַך אין דער פאַמיליע איז געווען יידיש. דער פאָטער האָט געגעבן דייטשע לעקציעס, אָבער זיין הויפּט־פּרנסה האָט ער נאָך אַלץ געצויגן, ווי פריער, פון קליינהאַנדל. זיין הכנסה האָט אים אָבער נישט געקלעקט אויף חיונה, און דאָס האָט אים גע־צוואונגען צו זוכן פאַרדינסט אויך פאַר זיינע צוויי עלטערע טעכטער. דער פאָטער אַליין, וועלכער האָט, קענטיק, באַזעסן אַרטיסטישע פעאיקייטן, האָט זיי געלערנט זינגען די מאָדישע פּאַריזער לידער; דערביי האָט ער פון זיי געפאָדערט, אַריינצולייגן אין זייער זינגען וואָס מער געפיל. די מיידלעך האָבן געדאַרפט אַרומגיין איבער די פּאַריזער קאַפע־הייזער מיט קערב פּאָמעראַנצן און זינגען מיט זייערע קינדערשע קלינגענדיקע קולעכלעך מאָדישע לידלעך, גאַרנישט פאַר־שטייענדיק, געוויינלעך, זייער וואָוגאַרן אינהאַלט. דער פאָטער האָט פון זיי פאַרלאַנגט וואָס מער צו פאַרדינען, און טאָמער האָבן זיי אים נישט געבראַכט די סומע געלט, וואָס ער האָט דערוואַרט, האָבן זיי פון אים געהאַט „קאַלט און וואַרעם".

דורך אַ גליקלעכן צופאַל האָט זיך אַ געוויסער לערער פון געזאַנג פאַראינטערעסירט מיט ראַשעלן און זיך אָנגעשלאָגן צו לער־נען איר מוזיק. אָבער באַלד האָט דער לערער איינגעזונען, אַז לויט איר זעלטענער דיקציע און שטים פּאַסט זי גיכער פאַר דעקלאַמאַציע. און ער האָט זי איבערגעגעבן זיינעם אַ פריינט, אַן אַרטיסט, וועל־כער האָט אָנגעפירט מיט אַ דראַמאַטישער שול. דאָ האָט ראַשעל געלערנט עטלעכע יאָר. אין דערזעלבער צייט האָט זי געדאַרפט פירן די הויזלעכעווירטשאַפט און זאָרגן פאַר אירע יינגערע שוועסטער־לעך. ביי דער פליטע פלעגט זי איינחזרן די שטיק פון קאָרנעל און ראַסין. אַ גאַנצע וואָך פלעגן די שילער איינלערנען אַ פּיעסע, באַ־זונדערס פון דעם קלאַסישן פראַנצויזישן רעפּערטואַר, און זונטיק ביי־טאָג פלעגן זיי עס פאָרשטעלן פאַר ליבהאָבער און צושויער פון זייער קוואַרטאַל. די ידיעה וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן טאַלענט פון דער יונגער ראַשעל האָט זיך באַלד פאַנאַנדערגעטראָגן איבער די גרענעצן פון די זונטיקדיקע צושויער. די ספּעקטאַקלען מיט איר אָנ־טייל האָבן אָנגעהייבן באַזוכט צו ווערן פון אַרטיסטן און טעאַטער־דירעקטאָרן. אויף דעם אופן האָט זיך מיט איר פאַראינטערעסירט

דער באַוואוסטער אַרטיסט סאַמסאָן, וועלכער האָט זיך אַליין גענומען פאַר איר סצענישער אויסבילדונג און האָט מיט אַ זאָרגזאַם פּאַטערלעך אויג באַוואַכט די ערשטע טריט פון איר טעאַטראַלישער קאַריערע.

צו זעכצן יאָר איז ראַשעל געוואָרן אַנגאַזשירט אין טעאַטער ז'ימנאַז, און צו זיבעצן יאָר — אין דער „פראַנצויזישער קאָמעדיע", און באַלד, ביים ערשטן אָנפאַנג, אויף די הויפּט-ראָלן. דער קריטיקער פון „זשורנאַל דע דעבאַ", וועלכער האָט דאַן געשמט אַלס די איינפלוסרייכסטע פּאַריזער צייטונג, זשול זשאַנען, דערזעענדיק דאָס ערשטע מאָל ראַשעלן, האָט פאַרעפנטלעכט וועגן איר שפּילן אַ זייער ענטוזיאַסטיש אַרטיקל. אין דעמדאָזיקן אַרטיקל רופט ער אָן ראַשעלן דאָס „וואונדערבאַרסטע קינד, וואָס דער איצטיקער דור האָט געזען אויף די ברעטער פון טעאַטער". דאָס האָט שוין געקלעקט, אַז גאַנץ פּאַריז, און אפילו דער קעניג און די קעניגן, זאָלן לויפן אין טעאַטער אָנקוקן דאָס גרויסע וואונדער. די בילעטן האָט מען געריסן פון די הענט, און כדי איינצוהאַלטן די אָרדענונג פאַר דער קאַסע, האָט מען געמוזט מאָביליזירן אַ גאַנצע אָפּטיילונג פּאָליציאַנטן.

ביי איר זיבעצעטן יאָר איז נאָך ראַשעל געווען ווייניק פיזיש אַנטוויקלט, און האָט גיכער אויסגעזען נישט שיין, אַלס שיין, אָבער דער בליק פון אירע גרויסע קאַרשן-אויגן האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק. אויף דער בינע איז זי אינגאַנצן געוואָרן אַנדערש, איז ווי אויסגעוואַקסן, אירע זשעסטן און איר מימיק האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גראַציעזער איינגעהאַלטנקייט, און צוזאַמען מיט איר קלינגענדיקער, מעטאַלישער שטים האָט עס די גאַנצע צייט פון איר שפּילן געהאַלטן דעם צושויער, ווי געפאַנגען.

ראַשעל האָט געשפּילט כמעט אויסשליסלעך דעם קלאַסישן פראַנצויזישן רעפּערטואַר, וועלכער איז אין יענער צייט געווען אינגאַנצן פאַרגעסן. דעריבער האָט זי באַקומען אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור דעם נאָמען „מחיה מתים", און איינער פון ראַשעלס ביאָגראַפן דריקט אויס זיין גרויס וואונדער איבער דעם, וואָס כדי אויפצולעבן דאָס טעאַטער פון קאָרנעל און ראַסין האָט געדאַרפט קומען אַ „קליין אומוויסנד מיידל, די טאָכטער פון אַן אָרעמען יידישן קאַראבעלניק".

ראַשעלס אויסטערלישער גלאַנץ האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט בלויז אין דעם צושויער-זאַל, נאָר אויך אין לעבן. נישט בלויז די-

סאַלאָנען פון דער פּאַריזער הויך-בורזשואַזיע, נאָר אויך די שטרענג-קאַטוילישע און אַריסטאָקראַטישע סאַלאָנען האָבן אַלץ אָנגעווענדט, אום צוצוציען צו זיך די טרייע יידישע טאָכטער. אַלע באַרימטהייטן פון פּאַריז, דער דיכטער אַלפרעד מוסיע, דער שריפטשטעלער עמיל זשיראַרדען, דער פּירשט זשנאַגוויל, פּרינץ נאַפּאָלעאָן און נאַפּאָלעאָן דער דריטער אַליין, — האָבן געזוכט צו געווינען איר פריינטשאַפט. אירע באַזוכן אין פּאַרלאַמענט און אין סענאַט פלעגן אַרויסרופן אַ סענסאַציע. אַלע דעפּוטאַטן האָבן געהייבן זייערע בליקן נאָר אויף איר.

## II

דערגרייכנדיק דעם אַפּאָגיי פון איר באַרימטהייט, איז ראַשעל פאַרבליבן אַ טרייע טאָכטער פון אירע עלטערן. איר איינציקער הייסער פאַרלאַנג איז געווען, אַרויסצופירן „אין דער גרויסער וועלט" אירע שוועסטער און ברידער. אויף דעם האָט זי געדאַרפט האָבן אַ סך געלט, און דערייבער האָט זי כסדר בעהאָרעוועט, נישט קוקנדיק אויף איר שוואַכן געזונט. דערצו האָט זיך איר נאָך געוואָלט אויפבויען אַן אייגן זיכער פאַמיליע-לעבן; דאָס האָט זיך איר אָבער נישט איינגעגעבן. די הויפּט-מניעה אין דעם איז געווען דאָס, וואָס זי האָט זיך דערצו געדאַרפט שמדן. מיט איר אָנגעהעריקייט צום יידנטום האָט זי שטאָלצירט, אומעטום און ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי עס אַפּישירט. דער רעיון וועגן שמד האָט זיך ביי איר קיינמאָל אויפן זינען נישט געלייגט. נישט קוקנדיק אויף די פיל פאַרשלאַגן מצד איר גלענצנדע סביבה, האָט זי נישט געטאָן אַזאַ טריט נישט צוליב איר קאַריערע און נישט צוליב איר פּערזענלעך גליק.

פון מוטערשאַפט האָט זי זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט. זי האָט געהאַט איין קינד פונם גראַף וואַלעווסקי, אַ זון פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, און אַ צווייט קינד פון אַ זון פון דעם גענעראַל בערטראַן, דער איינציקער גענעראַל, וואָס האָט באַגלייט נאַפּאָלעאָנען אויף דער אינזל סט. העלענאַ.

אייניקע פון ראַשעלס ביאָגראַפן ווילן דערקלערן אירע שטענדיקע אַרומפאָרענישן און איר אומאויסשעפּלעכע אַרבעטס-ענערגיע מיט דעם, וואָס זי זאָל זיין געווען אַ געלטגייציקע. געוויס האָט זי געוואוסט דעם ווערט פון געלט, וועלנדיק פאַרזאָרגן די פאַמיליע מיט

מיטלען. אָבער עס איז נאָך גאָר קיין ראיה נישט, אַז די אויסער־געוויינלעכע אָנשטרענגונגען פון איר טעאַטראַלישער טעטיקייט האָבן געשטאַמט נאָר פון געלטגייציקייט.

ראַשעל האָט דערגרייכט די העכסטע פּאַרערונג, וואָס אַן אַרטיסטקע קאָן נאָר באַגערן. דאָס אָבער, וואָס פאַר איר בויגן זיך דאָס טעאַטער, די ליטעראַטור, די הערשנדיקע וועלט, איז נאָך איר אַלץ צו ווייניק. עפּעס ווי איר וואָלט זיך נאָך געוואָלט איינגעמען מיט איר טאַלענט אייראָפּע און אַפילו אַמעריקע. אין די פּעריען־חדשים באַרייזט זי אין אַ קאַרעטע (אייזנבאַנען זענען נאָך דאַן געווען זייער זעלטן) גאַנץ פראַנקרייך. דעם טאָג פאַרברענגט זי אין פּאַרן, און ביינאַכט שפּילט זי. אַזוי איז זי אַרומגעפאָרן איבער אַלע הויפּט־רעזידענצן פון אייראָפּע. אירע נסיעות זענען געווען אַ קייט פון טריומף־צוגן. אומעטום האָט מען זי באַגעגנט ווי אַ קעניגין. אין די קבלת־פּנימס, וועלכע זענען פאַר איר געמאַכט געוואָרן, האָבן זיך באַטייליקט נישט בלויז די פּראָמינענטסטע פאָרשטייער פון ליטעראַטור און קונסט, נאָר אויך פון די העכערע רעגירונגס־ספערן. דערביי האָבן אַלע געוואוסט, אַז ראַשעל איז נישט בלויז אַ יידיש קינד, נאָר אויך אַ טריי איבערגעגעבענע טאָכטער פון איר פאָלק, אָבער ביי איר אָנבליק זענען פאַרווישט געוואָרן אַלע אַנטיסעמיטישע געפילן. מ'האָט גאָר געזען פאַר זיך די גרויסע און די אומפאַרגלייכלעכע קינסטלערין, וועלכע מאַכט אויפּברויזן מענטשלעכע הערצער מיט איר אויסטערלישן שפּילן, און וואו נאָר אַ האַרץ מיט געפיל, האָט עס זיך פאַר איר געבויגן.

## III

באַזונדערס וואַרעם זענען די יידישע אַרטיסטן אויפגענומען געוואָרן אין רוסלאַנד. אין הויף פון ניקאָלאַי דעם ערשטן האָט מען מיט איר נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ניקאָלאַי אַליין האָט איר אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע. יעדן אָוונט איז זי אַרויסגעטראָטן אין קייזערלעכן טעאַטער, וואו דער עולם האָט איר געמאַכט שטורמישע אָוואַציעס. איינמאָל האָט מיט איר אָבער געטראָפן אין פּעטערבורג אַ טרויעריקער אינצידענט: ביי אַ באַל, וועלכער איז פאָרגעקומען אין דעם ענגן קרייז פון די הויף־מיטגלידער, איז ראַשעל נישט געווען גענוג פּאָרזיכטיק און האָט געזונגען „די מאַרסעליעזע”. ניקאָלאַי איז

געוואָרן העכסט אויפגערעגט, האָט געוואָרפן אויף דער קינסטלערין אַ צאָרניקן בליק, און איז אַוועק אינמיטן באַל. אויף מאָרגן האָט ראַשעל באַקומען אַ באַפעל צו פאַרלאָזן פעטערבורג און רוסלאַנד בכלל.

ראַשעל האָט זיך דאָס זייער שטאַרק גענומען צום האַרצן. אָבער אירע ווייטערדיקע גרויסע דערפאָלגן אין די אַנדערע קייזער־לעכע הויפן האָבן איר אינגיכן געמאַכט פאַרגעסן דעם פעטערבורגער פאַרפאַל. עס איז אָבער אַוועק אַ געוויסע צייט, און דער מעכטיקער רוסישער צאַר האָט זיך געפונען געצייטיקט צו קאַפּיטולירן פאַר דער יידישער שוישפּילערין, וועלכע ער האָט כמעט ווי אַרויסגעטריבן פון זיין לאַנד.

דידאָזיקע קאַפּיטולאַציע איז פאָרגעקומען ביי פאָלגנדיקע אומ־שטענדן:

דאָס איז געווען זומער 1852. ראַשעל איז דאַן געקומען אויף גאַסטראָלן קיין בערלין, וואו זי האָט, ווי געוויינלעך, אַרויסגערופן ביים פּובליקום גרויס פוראָר. זי איז געשטאַנען אויף דער בינע איבערן האַלז אין בלומען־קרענץ. יענעם זומער האָט דער דייטשער קעניג פרידריך ווילהעלם דער פערטער פאַרבראַכט אין זיין פּרעכטיקן שלאָס אין פּאָטסדאַם, ביי בערלין. אין אָוונט פלעגט דער קעניג מיט אייניקע פון זיינע מקורבים אַרויספאָרן אין קליינע שיפלעך צו דער דערבייאיקער פּפויען־אינזל; דאָרט פלעגן זיי טרינקען טיי און אָפּזיצן ביי פאַרשידענע פאַרוויילונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. האָט גראָד געדאַרפט פּאַסירן, אַז ניקאָלאַי דער ערשטער זאָל דעמאָלט קומען אָפּשטאַטן אַ וויזיט דעם דייטשן קעניג און איינשטיין ביי אים אין זיין פּאָטסדאַמער פּאַלאַץ. פרידריך, וועמען ס'האָט זיך זייער גע־וואָלט אונטערחנפענען זיך צו ניקאָלאַיען, האָט אים אַמאָל אין אַן אָוונט איינגעלאַדן אויף דער פּפויען־אינזל, וואו ער זאָל אים האָבן צוגע־גרייט אַן אָנגענעמען סיורפּריז. ער האָט דורך איינעם פון זיינע הויפ־ראַטן אַנגאַזשירט ראַשעלן צו געבן אין יענעם אָוונט אַ פאָרשטעלונג אויף דער פּפויען־אינזל. מ'האָט אָבער תחילת ראַשעלן נישט מודיע געווען, וואו די פאָרשטעלונג וועט פאָרקומען, און דעריבער האָט זי גערעכנט, אַז זי וועט אויפטרעטן אין דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, און האָט די איינלאַדונג אָנגענומען.

אין דעם טאָג, אויף וועלכן עס איז געווען באַשטימט איר פאָרשטעלונג — אַזוי ווערט איבערגעגעבן לויט דער שילדערונג פונם

דיכטער טעאָדאָר פאָנטאַנע — איז ראַשעל אָנגעקומען אויף דעם פּאָטסדאַמער וואָקזאַל אין דער באַגלייטונג פון איר ברודער רפאל. אויפן באַנהויף האָט זי מקבל פּנים געווען דער קעניגלעכער הויפּ־ראַט, דורך וועלכן זי האָט באַקומען די קעניגלעכע איינלאַדונג. ראַשעלן האָט אינטערעסירט צו וויסן, וועלכע פּאָרבערייטונגען מ׳האָט געמאַכט צו איר פאָרשטעלונג. דער הויפראַט האָט איר אָבער אויף דעם נישט געקאָנט געבן קיין קלאָרע תשובה, ווייל באמת האָט מען פאַר איר קיין זאַך נישט צוגעגרייט. צום סוף האָט ער איר דער־קלערט, אַז אַלץ הענגט אָפּ פון איר טאַלענט, זשעני און אימפּראָווי־זאַציע. הערנדיק דאָס, איז ראַשעל געוואָרן זייער אויפגערעגט און געזאָגט, אַז בײַ אַזאַ מין מצב רייסט זי איבער די אונטערהאַנדלונגען און פאָרט צוריק קיין בערלין. איר ברודער איז אויך געוואָרן בייז און האָט זיך פאַנאַנדערגעשריען אויפן קול: „מיין שוועסטער איז נישט קיין גאַסן־זינגערין! זי איז נישט קיין זאַל־טענצערין! זי וועט נישט אויפטרעטן! מיר פאָרן אַהיים!”

עס האָט געדראָט מיט אַ גרויסן סקאַנדאַל. ניקאָלאַי דער ערשטער איז געוואָרן איינגעלאַדן, פרידריך ווילהעלם האָט צוגעזאָגט אַ פאָרשטעלונג מיט ראַשעלן. וואָס טוט מען דאָ?

דער הויפראַט איז דאַן געפאַלן אויף אַן המצאה. ער האָט גע־וואוסט וועגן דעם סקאַנדאַל, וואָס איז אין יאָר 1848 אַרויסגעקומען מיט ראַשעלן בײַם הויף פונם רוסישן קייזער, צוליב וועלכן עס איז איר פאַרבאָטן געוואָרן צו גאַסטראָלירן אין די רוסישע רעזידענץ־טעאַטערן. אים איז אויך געווען באַקאַנט, אַז ראַשעל האָט שטאַרק חשק צו פאָרן קיין רוסלאַנד. דאָס האָט ער בײַ דער געלעגנהייט אויסגענוצט, און האָט איר דערציילט, אַז ניקאָלאַי געפינט זיך איצט צו גאַסט בײַם דייטשן קעניג אין פּאָטסדאַם, און אַזוי ווי איר שפּילן וועט אויף אים געוויס מאַכן דעם בעסטן איינדרוק, וועט ער איר מוחל זיין איר חטא, און דאַן וועט זי ווידער קאָנען באַזוכן רוסלאַנד. דערבײַ האָט ער איר געשילדערט, וואָס פאַר אַ פּנים פרידריך וועט האָבן, ווען מען וועט אים מודיע זיין, אַז „מאַדמואַזעל ראַשעל האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דערשיינען”.

ראַשעל האָט געגעבן איר הסכמה. אוןווירקלעך האָבן זיך אַרויסגעוויזן מניעות. מ׳האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. ס׳איז אויס־געקומען שווער מיט איר קאָסטיום. מ׳האָט נישט צוגעגרייט קיין

איינציק פאַסנד קלייד. ראַשעל האָט געמוזט אויפטרעטן אין איר גע־זעלשאַפטס־קלייד, וועלכעס זי האָט אויפן אָרט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּאַנישן קאָסטיום, צוגעשפּילעט אַ בלוט־רויטע ראָזע, אָנגעטאָן אַ שוואַרצן שלייער, און דער טואַלעט איז פאַרטיק געוואָרן.

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין, בעת זיי זענען אָנגעקומען אויף דער פּפויען־אינזל. ראַשעל האָט נאָך נישט באַוויזן אַ פרעג צו טאָג: „וואו שפּיל איך?" און זי איז געבליבן שטיין שטום. זי האָט דערזען פאַר זיך אינדרויסן אויפן גרינעם גראָז דעם גאַנצן קעניגלעכן הויף, דעם דייטשן קעניג, דעם רוסישן צאַר, די גלענצנדיקע הויף־דאַמען, אַלע אין אַ קרייז און אין אַ פּאָזע פון דערוואַרטונג. ראַשעלן איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן. ס'איז פאַר איר קלאָר געוואָרן, אַז זי וועט אויפטרעטן נישט אינעווייניק אין טעאַטער, נאָר אינדרויסן, אין פּאַרק, אונטערן פרייען הימל.

עס איז געוואָרן טונקל. ראַשעלס ברודער האָט אַרײַנגעשטעקט אַ ליכט אין אַ פלאַש און האָט זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דער שוועסטער. אין אַ ווײַלע אַרום איז געוואָרן נאָך פינסטערער, אַזוי, אַז בשעת דער דעקלאַמאַציע האָט ראַשעל געמוזט נעמען דאָס ליכט ביי רפאלן פון דער האַנט, כדי זיך אַליין צו מאַכן ליכטיק. מבינים פון יענער צייט דערציילן, אַז אין ד ע ם אויפדערנאַכט האָט ראַשעל דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון איר קונסט. זי האָט דעקלאַמירט און אָטעמען באַצויבערט. דעקאָראַציעס און בינע האָבן זיך ווירקלעך אַרויסגעוויזן פאַר איבעריק. אַרום און אַרום האָבן געשלאָגן די פאָנ־טאַנען. די שטימונג איז געווען אַ געוואַלדיקע. פרידריך ווילהעלם האָט נישט אויפגעהערט דאַנקען ראַשעלן, און ניקאָלאַי דער ערשטער איז צו איר שטייף צוגעגאַנגען און אַ זאָג געטאָן:

— איך האָף אייך צו זען אין פּעטערבורג.

— טויזנט דאַנקען, אייער מאַיעסטעט, אָבער... אייער מאַיעסטעט... איר ווייסט דאָך...

— איך לאַד אייך איין, א י ך !...

דער רוסישער צאַר האָט אַרויסגערעדט דאָס נייטיקע וואָרט. ראַשעל האָט איר ציל דערגרייכט. זי האָט באַקומען פאַרן אָוונט דעם גרעסטן פּרייז, וועלכן זי האָט זיך נאָר געקאָנט פאָרשטעלן.

אין אַ פערטל שעה אַרום האָבן די הויף־מיטגלידער, וועלכע

האָבן אויף אַ ווײַלע באַלעבט די פּפויען-אינזל, זיך צוריקגעקערט אויף באַלויכטענע שיפֿעך קיין פּאָטסדאַם.

אינטערעסאַנט איז, אַז אויף דעם אָרט, וואו ראַשעל האָט אין יענעם אָוונט דעקלאַמירט און געהאַט גרויס דערפֿאָלג, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער קינסטלערין אַ דענקמאָל מיט דער אויפֿשריפֿט:

„15 יולי 1852".

עס איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז העכער זיבעציק יאָר איז דער דענקמאָל פֿון דער גרויסער יידישער קינסטלערין געשטאַנען אויף זיין אָרט און ס'האָט מיט אים גאָרנישט פּאַסירט. אינם משך פֿון דערדאָזיקער צייט זענען אין דעם מאָנאַרכיסטישן דייטשלאַנד פֿאָרגעקומען אַלערליי פּאָליטישע סיטואַציעס, פֿאָלקסבאַוועגונגען און מלחמות, און קיינער האָט זיך נישט דערקויבט צו פֿאַרשוועכן די קונסט-הייליקייט, וואָס האָט באַשטראַלט די פּפויען-אינזל. גראָד נאָכדעם, ווי דייטשלאַנד אין געוואָרן אַ רעפּובליק, האָט מען ראַשעלס דענקמאָל צוגענומען פֿון זיין פֿריערדיקן אָרט און אַוועקגעשטעלט ערגעץ אין פּאַלאַץ. אין פּאַרק איז געבליבן בלויז די קאָלאָנע מיט דער היסטאָרישער דאַטע:

„15 יולי 1852".

ראַשעל איז באַלד ווידער געקומען קיין רוסלאַנד, וואו זי האָט פֿאַרבראַכט אַ האַלב יאָר, שפּילנדיק נישט בלויז אין פּעטערבורג, נאָר אויך אין מאָסקווע. צוריקקערנדיק זיך פֿון רוסלאַנד, האָט זי נאָך געמאַכט אַ נסיעה קיין ענגלאַנד און אַמעריקע. די דאָזיקע צוויי נסיעות האָבן איינגאַנצן אונטערגעגראָבן איר שוואַכן געזונט. דער טובערקולאָז, אויף וועלכן זי האָט, ווי עס ווייזט אויס, געליטן שוין לאַנג, האָט אָנגענומען אַ שאַרפֿע פֿאָרם, און דאָס האָט איר געצוואונגען איבעררייסן איר טור איבער אַמעריקע. זי איז געלאָפֿן תּחילת קיין קובאַ מיט דער האָפֿענונג, אַז דער דאָרטיקער וואַרעמער קלימאַט וועט אָפּפֿרישן אירע כּוחות. דערנאָך האָט זי זיך צוריקגעקערט קיין פּאַריז, אָבער שפּילן האָט זי שוין נישט געקאָנט. זי האָט געמוזט אָפּפֿאָרן אויפֿן דרום—קיין מצרים, און קומענדיק פֿון דאָרט, האָט זי זיך באַזעצט אין דרום-פֿראַנקרייך. זי האָט שוין אָבער נאָכדעם לאַנג נישט געלעבט.

פֿאַרן טויט האָט ראַשעל געבעטן, מ'זאָל זי ברענגען צו קבר ישראל. מיט די ווערטער פֿון „שמע ישראל" אויף די ליפּן איז זי געשטאָרבן לעבן ניצע אין עלטער פֿון 37 יאָר. ביי איר אָרון האָט מען געזאָגט „קדוש".

# פאני לעוואלד.

## I

א באַרימטע דייטשישע בעלעטריסטין, וועלכע איז אין איר פריסטער יוגנט אַוועק פונם יידישן פאָלק, און האָט דורכדעם גייסטיק געליטן איר גאַנץ לעבן. אירע שמערצלעכע איבערלעבענישן, אַרויסגערופן פון אַ שטאַרקן חרטה-געפיל, האָט זי שפּעטער פאַרפיקסירט אין אירע קלענערע און גרעסערע ראָמאַנען, וועלכע זענען אין זייער צייט אויפגענומען געוואָרן פון דעם לעזע-פובליקום מיט זייער אַ לעבהאַפטן אינטערעס.

פאני לעוואַלד איז געבוירן געוואָרן אין קעניגסבערג דעם 24-טן מערץ 1811. איר פאָטער איז געווען אַ גרויסער און אָנגעזעענער סוחר, וועלכער האָט געשמט פאַר אַ קלוגן און ענערגישן מענטשן. צוויי מאָל האָט ער פאַרלאָרן זיין קאַפּיטאַל אין שלעכטע געשעפטן, און ביידע מאָל האָט ער זיינע עסקים צוריק אויפגעבויט, און איז ווידער רייך געוואָרן. ער האָט אָנגעפירט מיטן גאַנצן הויז און איז געווען אַן אומבאַגרענעצטער הערשער אין זיין פאַמיליע. פון דער שול, אין וועלכער ער האָט יונגערהייט געלערנט, האָט ער אַרויסגעטראָגן קנאַפּע בילדונג. אָבער כל ימיו האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט דאָס בוך, און תמיד האָט ער ליב געהאַט צו לייענען נאָר וויסנשאַפטלעכע ספרים. ער האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק, און באַזונדערס מיט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך. בכלל האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַן אָנהענגער פון ליבעראַלע אידעען. ביי זיך אין הויז האָט ער זיך אָבער געפירט „ביד רמה", אַלץ האָט געמוזט געטאָן ווערן נאָר לויט זיין

באַפעל. ער האָט זיך קיינמאָל נישט מיישב געווען מיט דער פאַמיליע, און ביי קיינעם פון די שטוביקע קיין עצות נישט געפרעגט, אַפילו נישט בנוגע דער דערציונג פון זיינע קינדער.

מיט דער דערציונג פון זיין עלטערער טאָכטער פאַניען האָט ער קיין סך זאָרג נישט געהאַט. נאָר אַלס יונג קינד האָט זי זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ גערעטענע. שוין דאַן האָבן לייט באַוואונדערט אירע זעלטענע פעאיקייטן. די פיל קאָמפּלימענטן, וועלכע זי פלעגט באַקומען פון אַלע זייטן, האָבן איר געמאַכט ביי זיך פאַרריסן און אַזוי קאַפּריזנע, אַז איר שול-לערער האָט געפונען פאַר נייטיק צו דערמאָנען איר, אַז עס זענען דאָ נאָך פעאיקערע קינדער פון איר, און אַלס ביישפּיל האָט ער איר אָנגעגעבן אַן אַנדער יידיש קינד, וועלכעס איז פיל שפּעטער פאַר איר אַריינגעטראָטן אין דער שול, און האָט איר שוין באַוויזן אַריבערצואָגן. געמיינט האָט ער דערמיט דאָס יידישע יינגל עדוואַרד שמשון, וועלכער איז שפּעטער געווען אַ דעפּוטאַט פונם ערשטן דייטשן פּאַרלאַמענט, און איז נאָכהער געוואָרן פּאַרזיצער פון דעם אויבערשטן געריכט פאַר גאַנץ דייטשלאַנד און לייפּציג.

אין איר עלטערן-הויז האָט פאַני קיינמאָל נישט געוואוסט פון קיין אמונה, און האָט קיינמאָל נישט געהערט רעדן וועגן אַ וועלכן עס איז רעליגיעזן ענין. אַז פאַני האָט אַמאָל געבעטן דעם פאָטער, ער זאָל איר דערקלערן אַ געוויסן יידישן מנהג, וועגן וועלכן זי האָט געהערט פון אַנדערע, האָט ער איר בקשה נישט דערפילט, און בעת דאָס מיידל האָט פון אים אַמאָל פאַרלאַנגט, ער זאָל איר זאָגן קלאָר און דייטלעך: „זענען מיר יידן אָדער נישט?”—האָט איר אויף דעם דער פאָטער געענטפערט: „דו ביזט אונזער טאָכטער, און מער ווי דאָס דאַרפסטו נישט וויסן”.

אָט אַזוי האָט זיך פאַני געהאָדעוועט אָן אַ שום ידיעה וועגן דער יידישער אמונה. זי האָט נישט געהאַט קיין שום באַגריף פונם יידישן פאָלק און פון זיין געשיכטע. דערפאַר האָט מען זי אָבער געלערנט אין שול אַ פרעמדן גלויבן, און מען האָט זי באַקאַנט געמאַכט מיט דער היסטאָריע פון אַן אַנדער פאָלק, פונם דייטשן.

## II

אין אזא גייסט האָט זיך פאַני דערצויגן. צו זיבעצן יאָר איז זי געווען אַ בילד־שיין און אַ העכסט געבילדעט פריילן, מיט אַ גרויסער ערודיציע אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור. גאַנץ קעניגסבערג, וועלכע איז שוין דאַן געווען אַ שטאָט פון וועלטבארימטע געלערנטע, האָט געקלונגען מיט דער טאָכטער פונם יידישן גרויסהענדלער מ אַ ר ק ו ס (לויט איר מיידלשער פאַמיליע). באַלד האָבן זיך געפונען אַ סך בעלנים, וואָס האָבן זיך גענומען שדכענען צו איר. צווישן זיי האָט אויף איר געוואָרפן אַן אויג אַ יונגער קריסט, אַ תלמיד פונם פּראָטעסטאַנטישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, וועלכער איז געווען זייער אַ שיינער און אַ באַרעדזאַמער און האָט פארשטאַנען צו פאַנגען פאַניס האַרץ. זי האָט זיך אין אים פאַרליבט, און מיטן פאָטערס הסכם איז זי צו אים געוואָרן פאַרקנסט. אין יענער צייט האָט נאָך אין פּרייסן די אינסטיטוציע פון „געמישטע חתונות" נישט עקזיסטירט, און דעריבער האָט זיך פאַני באַלד נאָך די „תנאים" געמוזט באַקערן צו דעם לוטעראַנישן גלויבן פון איר חתן. לויט דעם דעמאָלטיקן געזעץ האָט זי געדאַרפט, איידער זי גייט חתונה האָבן פאַר דעם קריסטלעכן געליבטן, נעמען אונטעררייכט ביי אַ לוטעראַנער פּאַסטאָר אין דער נייער רעליגיע. צו איר גרויס שרעק האָט זי אָבער דערזען, אַז מיט בלויזע ווערטער קויפט מען זיך נישט קיין גלויבן. פאַני מאַרקוס, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין אַ יידיש הויז, האָט נישט געקענט פאַרשטיין די דאָגמען פון נייעם גלויבן, און איז נישט געווען ביכולת צו צווינגען איר האַרץ און איר מוח צו גלויבן אין דעם, וואָס מען וויל איר איינרעדן. דערווייל האָט די פּראָטעסטאַנטישע קאָנסיסטאָריע פון איר געפאָדערט, זי זאָל אָפּגעבן אַ שריפטלעכע דערקלערונג וועגן אירע נייגונגען צום קריסטנטום, כדי מ'זאָל זען, צי זי מיינט ערנסט מיט דער זאַך. פאַני האָט דאַן איבערגעלעבט אַ שווערע אינערלעכע מלחמה. איר ערלעכע נאַטור האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט זיך צו דער נייער אמונה נישט צוגעקלעבט און גלויבט נישט אין אירע יסודות; פון דער צווייטער זייט אָבער האָט איר די ליבע צום קריסטלעכן יונגנמאַן געהייסן זיך פאַרמאַסקירן און זאָגן: איך גלויב. נאָכדעם, ווי

זי האָט אַ געוויסע צייט שרעקלעך געליטן פון אינעווייניקסטן קאַמף. האָט איר ליבע צום חתן באַזיגט איר ליבע צום אמת. זי האָט אַריינגעשיקט אין קאָנסיסטאָריע אַ צווײדייטיקן, אָדער, ווי זי האָט זיך שפּעטער אַליין אויסגעדריקט, אַ „יעזואיטישן" בריוו, אין וועלכן זי האָט פאַרמרשט אָנערקענט איר אָנגעהעריקייט צום קריסטנטום. די גלחים האָבן אירע נישט ערנסטע ווערטער אָנגענומען פאַר „גוט געלט" און דאָס יידישע מיידל אַרונטערגענומען אונטער די פליגלען פון זייער אמונה. דער פאָטער האָט איר געגעבן צום שמד אַ קורצע ברכה און געזאָגט: הלוואי זאָל עס דיר זיין צום גליק. פאַני איז אָבער אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקע און אַ פאַרצאָגטע און זייער אויפגערעגט, אַזוי ווי דאָס הארץ וואָלט איר עפּעס געזאָגט, אַז דער שמד וועט איר קיין גוטס נישט ברענגען. און עס האָט זיך ווירקלעך אַזוי אויסגעלאָזט. אונטער דעם דרוק פון אירע זעלישע וואַקלענישן האָט זיך איר ליבע צום חתן גענומען אָפּקילן, ביז זי איז אין איר אינגאַנצן געוואָרן אויסגעלאָשן. דער חתן האָט זיך עס שטאַרק גענומען צום האַרצן, און אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז ער געשטאָרבן.

אַזוי איז אַריבער איר יוגנט אין איר עלטערן-הויז, ביז זי איז אַלט געוואָרן איינאונצוואַנציק יאָר. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט איר דער פאָטער איבערראַשט מיט דער אָנגענעמער בשורה, אַז ער דאַרף צוליב זיינע געשעפטן באַזוכן עטלעכע גרויסע דייטשע שטעט, און אַז ער וועט זי מיטנעמען מיט זיך. פאַניען האָט עס זייער דערפרייט, ווייל זי האָט שוין פון לאַנג אָן געהאַט גרויס חשק צו קענען לערנען דאָס פילפאַרביקע לעבן, באַטראַכטן פאַרשידענע מענטשן און דערשיינונגען. עטלעכע וואָכן האָט דער פאָטער מיט איר פאַרבראַכט אין בערלין, פון דאָרט איז ער אַריבער קיין דרעזדען, און צו לעצט קיין ברעסלוי, וואו עס האָבן געוואוינט זיינע קרובים און די קרובים פון זיין פרוי, צווישן זיי אויך די פאַמיליע זימאָן. איינער פון דערדאָזיקער פאַמיליע, היינריך זימאָן, איז אין יאָר 1849 געווען אַ מיטגליד פון ערשטן דייטשן פּאַרלאַמענט, וועלכער האָט זיך געגרינדעט נאָך דער רעוואָלוציע. נאָכדעם, ווי לויט דעם פאַרשלאַג פון קאַרל פאָגט האָט זיך דער פּאַרלאַמענט אַריבערגעקליבן פון פראַנקפורט קיין שטוטגאַרט, וואו די דעפּוטאַטן האָבן אויסגעוויילט פון צווישן זיך פינף „דייטשע מושלים" אָנשטאָט דעם אַרצידוכס יאָאַן, וועלכער האָט ביז דאַן אָנגעפירט מיט די אָנגעלעגנ-

הייטן פון גאַנץ דייטשלאַנד, איז זימאָן געוואָרן באַשטימט אַלס פינאַנץ-און יוסטיץ-מיניסטער. דידאָזיקע „רעגירונג" האָט אָבער לאַנג נישט עקזיסטירט. און ענדלעך האָט זימאָן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַנטלויפן אין דער שווייץ. בעת פאַני האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַקענט מיט זימאָנען, איז ער נאָך געווען יונג, בלענדנד-שיין, זייער געבילדעט און טעמפּעראַמענטפול. באַלד די ערשטע מינוט איז פאַני געוואָרן געפאַנגען פון איר שוועסטערקינד און האָט זיך אין אים פאַרליבט ביז „איבער די אויערן".

# III

פינף יאָר האָט פאַני געטראָגן ביי זיך אין געהיים איר ליבע צו זימאָנען. די גאַנצע צייט האָט זי מיט אים כּסדר קאָרעספּאָנדירט. שטענדיק האָט זי געשוועבט צווישן האָפענונג און צווייפל. אָפט פלעגט זי זיך פרעגן: וואָס וועט זיין, אויב איך האָב אַ טעות, און זימאָן ליבט מיך נישט? ערשט אין פינף יאָר אַרום האָט זי באַקומען אַ קלאָרן ענטפער, וואָס האָט זי אינגאַנצן נידערגעשלאָגן. ער האָט איר אַנטפּלעקט, אַז ער ליבט אַ צווייטע...

פאַר פאַניען איז דאָס געווען אַ טויטקלאַפּ, דורך וועלכן עס איז אָבער געוואָרן געלייטערט איר נשמה. נאָכדעם, ווי זי איז אַ געוויסע צייט אַרומגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן, פאַרטרויערט און פאַרזאָרגט, עפּעס ווי פאַר איר וואָלט זיך שוין געענדיקט די וועלט, האָט זי געגומען זוכן טרייסט אין דער ליטעראַטור, וועלכע זי האָט תּמיד הייס געליבט. נאָך מיידלווייז האָט זי געפירט אַ טאָגבוך, אין וועלכן זי האָט כּמעט טעגלעך פאַרצייכנט אירע איבערלעבענישן און איינ-דרוקן. אירע אומגליקלעכע ליבעס האָבן איר אויף אַ צייט אָפּגעריסן פונם טאָגביכל, וועלכן זי האָט כּמעט ווי פאַרגעסן. איצט, פילנדיק זיך פאַראיינזאַמט, האָט זי עס ווידער אויפגעזוכט, האָט אָנגעהייבן אויסגיסן אין אים איר האַרץ, כּדי זיך לייכטער צו מאַכן. ביי אַ געלעגנהייט האָט זי אַמאָל איבערגעלייענט עטלעכע בלעטלעך פון איר

טאָגביכל פאַר אירן אַ קוזין, אויגוסט לעוואַלד, אַ באַוואוסטער דייטשער שריפטשטעלער, דער רעדאַקטאָר פונם זאַמלבוך „אייראָפּא". לעוואַלד האָט באַלד דערקענט אין פאַניען פונקען פון אַ גרויסן ליטעראַרישן טאַלענט, באַזונדערס צו בעלעטריסטיק, און האָט אויף איר גוזר געווען, צוווידמען זיך אינגאַנצן דער ליטעראַטור, צוליב דעם, וואָס זי קען אַזוי גוט דאָס לעבן און די מענטשן. פאַניען זענען לעבנס־וועלדס ווערטער אַריין אין קאָפּ און אין קורצן האָט זי באַוויזן אָנצושרייבן אַ קליינע נאָוועלע אונטערן נאָמען „דער שטעלפאַרטרעטער", וועלכע לעוואַלד האָט באַלד אָפּגעדרוקט אין זיין זשורנאַל און האָט אַרויסגערופן ביים לעזע־פּובליקום גרויס אַנטציקונג. אַלס סיוזשעט צו איר דערציילונג האָט פאַני גענומען איר ערשטע ליבע מיט דעם פּראָטעסטאַנטישן גלח־קאַנדידאַט מיט איר אינעווייניקסן קאַמף, וועל־כער האָט געשטאַמט פון איר אומקלאָרן יידישן באַוואוסטזיין. נישט אַרויסטראָגנדיק פון איר עלטערן־הויז קיין שום ידיעה וועגן יידן און יידישקייט, האָט זי דאָך ווי אינסטינקטיוו דערפילט אין זיך די באַזונדערע קראַפט פון איר אָפּשטאַמונג, און איז שוין אויף איר גאַנץ לעבן באַהערשט געוואָרן פון דעמדאָזיקן געפיל.

דער הייסער קבלת פנים, מיט וועלכן די דייטשע לעזער־וועלט האָט אויפגענומען פאַניעס ערשטן ליטעראַרישן אַרויסטריט, האָט איר דערמונטערט פאָרטצוזעצן איר שאַפונגסאַרבעט אויפן דיכטערישן גע־ביט. און זי האָט אָנגעהייבן אַרויסגעבן איין ראָמאַן נאָך דעם אַנ־דערן, אין וועלכע ס'האָט זיך אַלץ מער בולטער אַרויסגעוויזן איר אויסטערלישער טאַלענט.

אַ גרויסן איינדרוק האָט געמאַכט איר ראָמאַן „קלעמענטינע". וועלכער האָט באַהאַנדלט די הייראַטס־פראַגע, וואָס איז געווען אין יענער צייט איינס פון די ברענענדסטע פּראָבלעמען אין דייטשלאַנד, און איז געוואָרן דיסקוטירט כמעט אויף יעדן שריט און טריט. פיל שריפטשטעלער האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דערדאָזיקער פראַגע, אָבער פאַני האָט עס געלעזט גאָר אויף אַ גאַנץ נייעם שטייגער. בעת אַלע אַנדערע האָבן איינגעפונען, אַז דער וויכטיקסטער יסוד פון דער הייראַט איז די ליבע, האָט פאַני העכער פון דער ליבע געשטעלט די פליכט, וועלכע זי האָט געהאַלטן פאַר דעם פונדאַמענט פון יעדן גליק.

כמעט איינשטימיק האָט זיך אַרויסגעזאָגט די קריטיק, אַז

פֿאַני פֿאַרמאָגט אַ קלאָרן, שאַרפֿן גייסט מיט אַ שטאַרקער באַאָבאַכ־טונגס־קראַפֿט. ווי טיף און וואַרעם זי האָט געפֿילט, איז זי דאָך קיינמאָל נישט געווען געשטימט ראָמאַנטיש־סענטימענטאַל. סענטימענ־טאַליטעט באַמערקט זיך אין איר בלויז, ווען זי רעדט וועגן יידן, באַזונדערס וועגן דעם פּראָגרעסיוון ייד, וועלכן זי האַלט פֿאַר אַן אידעאַל, פֿאַר אַ מוסטער פֿונם ראַפֿינירטן יידנטום. ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט פֿלאַקערט אין איר אויף אַ פֿייערל, וואָס דערוואַרעמט און באַשטראַלט דעם לעזערס נשמה.

# IV

אין איינעם פֿון אירע ראָמאַנען שילדערט פֿאַני אַ העכסט שיין און געבילדעט יידיש מיידל, וואָס ווערט, אַלס אויסנאַם, אויפֿגע־נומען אין דער הויכגעשטעלטער דייטשער אַריסטאָקראַטישער געזעל־שאַפֿט. האָט אַמאָל געדאַרפֿט פּאַסירן, אַז דאָסדאָזיקע פֿרייליין איז געוואָרן איינגעלאַדן אויף אַ באַל, וואו זי האָט זיך צוזאַמענגעטראָפֿן מיט גראַפֿן און פֿירשטן. פֿון אַ חברטע האָבן זיך די געסט דער־וואוסט, אַז דאָס יידישע מיידל זינגט און שפּילט וואונדערבאַר. איז מען צו איר צוגעשטאַנען פֿון אַלע זייטן, זי זאָל ווייזן איר קונסט. דאָס יידישע מיידל מיט די שאַרפֿע דורכדרינגנדע בליקן האָט אָבער גלייך באַמערקט, אַז דער צוזאַמענגעקליבענער עולם באַשטייט פֿון די, וואָס באַציען זיך צו אַ געוויינלעכן ייד מיט פֿאַראַכטונג, און טראַכטן איצט געוויס ביי זיך אין האַרצן: ווי קומט דאָ עפּעס צווישן אונז אַ יידיש קינד? און דעריבער האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו זינגען. איר חברטע האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזט, נישט אַנדערש, אַז זי מוז זינגען. דאַן האָט ביי דעם מיידל פֿלוצלונג אויפֿגעבליצט אַ געדאַנק: זי איז צוגעגאַנגען צום קלאַוויר און האָט אָנגעהייבן שפּילן און צו זינגען איינע פֿון בייראָנס יידישע מעלאָדיעס. איר שטים איז דאָס־מאָל געווען באַזונדערס מעכטיק און קלינגענדיק, און אַלץ, וואָס ס'האָט אויפֿגעקאָכט אין איר יידיש האַרץ, אַלע אירע געפֿילן, אַלע

אירע פארלאָרענע האָפענונגען, אַלע אירע איבערגעלעבטע ליידן און פארדרוסן אַלס יידישקע האָבן זיך אויסגעגאָסן אין איר געזאַנג. בעת זי האָט זיך פאַנאַנדערגעזונגען מיט די ווערטער:

„אַך, מיין טייער לאַנד, מיין וויסט לאַנד,

ווען וועט דיין דערלייזער ווערן א גאָט פון נקמה?"

זענען אַלע געסט געבליבן שטיין אויף זייערע ערטער, ווי פארשטיינערט. קיינער פון זיי האָט נישט אויפגעהייבן דעם קאָפּ, האָט קיין ריר נישט געטאָן מיט א גליד. א מעכטיקע קראַפט האָט אָפּגעקלונגען פון איר געבעט צום גאָט פון נקמה, ער זאָל זיך אָפּרעכענען מיט די פיינט פון זיין פאָלק און מיט זיינע באַדריקער. נאָכדעם האָט א ציטער געטאָן איר שטאַרקע שטים, און אויסרופנדיק מיט דעם דיכטער:

„ישראל איז געוואָרן צו רויב און זיין כבוד צו שאַנד",—

איז זי געוואָרן געשטימט טרויעריק-מעלאַנכאָליש, און נערוועזוויברירנדיק האָט זי פארענדיקט:

„אָ, מיין טייער לאַנד, פארוויסט לאַנד, דו ביזט מיין לעבן,
פארחתמעט אין מיין הארץ.
צי מיך, בינד מיך צו צו דיר,
בינד מיך, און אפילו מיט די שטריק פון טויט!"

די ראָזע רויטקייט, וועלכע האָט באַגאָסן דעם מיידלס געזיכט זינגענדיק, איז פארשוואונדן, און איר שיין פנים איז געוואָרן טויטבלאַס. קיינער האָט נישט אויסגעדריקט קיין דאַנק דער זינגערין, אין אַלעמענס אויגן האָבן זיך אָבער געשטעלט טרערן. די געסט האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט דערשטוינט: אָנשטאָט די אָנגענעמע זיסע געשפּרעכן, וועלכע זיי האָבן דאָ געהאָפט צו הערן, האָבן זיי גאָר געהערט דעם ביטערן אמת, אן אמת, וואָס האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

אַן אמתער פוראָר האָט אַרויסגערופן אין זיין צייט פּאַניעס צוויי־טער ראָמאַן „זשעניע". אינם דאָזיקן ראָמאַן, וועלכער נעמט ארום א היפּשן טייל פון איר אייגענעם לעבנסשיקזאַל, האָט פאַניע אַריינגעבראַכט גאָר אַן אַנדער געשיכטע, וואָס ווארפט א שיין אויף איר צאַרטער נשמה: א טאַלענטפולער און זייער געאַכפּערטער יידישער דאָקטאָר-מעדיצין האָט זיך פארליבט אין דער טאָכטער פון א רייכן קריסטלעכן באַנקיר, וועלכע ענטפערט אים מיט ליבע. אָבער ווי־

ריין און ווי הייס עס איז געווען זיין ליבע צו איר, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט אַנטשליסן צו שמדן זיך און מיט איר חתונה צו האָבן. ער האָט געהאַלטן אַלס זיין העכסטן און הייליקסטן חוב צו קעמפן פאַר דער פּאָליטישער און סאָציאַלער גלייכשטעלונג פון זיינע פאָלקס-גענאָסען, און דאָס האָט אים באַוואויגן מקריב צו זיין זיינע הייסע ליבעס-געפילן פאַר די אינטערעסן פון זיין פאָלק.

אין דעם דערמאָנטן ראָמאַן האָט פאַני לעוואַלד פאָרטרעפלעך געמאָלט דאָס יידישע לעבן צווישן די פעלקער, און האָט אַנטוויקלט אַ פּרעכטיק בילד פון דעם שיינעם יידישן פאַמיליע-לעבן. אין יענער צייט איז דער ראָמאַן שטאַרק געלעזן געוואָרן פון אַלע פאָלקס-שיכטן און האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צו דיסקרעדיטירן פיל פאָראור-טיילן קעגן יידן.

דאָס מערקווירדיקסטע פון אַלע פאַני לעוואַלדס דיכטערישע שאַפונגען איז איר זעקס-בענדיקע „לעבנסגעשיכטע”; דאָס איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע און גייסטרייכסטע באַשרייבונגען פון זיך אַליין, אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך פאַרן לעזער די גרויסע נשמה פון דערדאָזיקער אינגאַנצן אַסימילירטער יידישער פרוי, וועלכע האָט אינסטינקטיוו געליטן און געווייטיקט פאַר איר פאָלק און געפילט דעם אייביק-יידישן „צער און צאָרן”...

# חנה-רחל ווערבערמאַכער.

## („די לודמירער מויד“).

### I

ביי די חסידים שפּילט די פרוי, געוויינלעך, אַ באַשיידענע, פּאַסיווע ראָלע: פון צייט צו צייט קאָן זי צוגיין צום „צדיק“, אויסגיסן פאַר אים דאָס האַרץ און באַקומען פון אים עצות און ברכות. זייער זעלטן באַגעגענען מיר אין דער געשיכטע פון דעם חסידיזם אַקטיווע פרויען-נאַטורן, וואָס האָבן אַ השפּעה אויף זייער סביבה. צו דער ריי פון אַזעלכע הייליקע פרויען, וואָס זענען דערגאַנגען אַזש צו דער מדרגה פון אַ „צדיק“, געהער אָן די רעטזלהאַפטע פּערזענלעכקייט, וועלכע איז אַרויפגעשוואומען אין דער עפנטלעכקייט אינם צווייטן פערטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט, און איז געוואָרן פאַראייביקט אין די פאָלקס-לעגענדן אונטערן נאָמען „די לודמירער מויד“.

זי איז געבוירן אין דער שטאָט לודמיר (וולאַדימיר-וואָלינסק) אין יאָר 1815 בערך, און האָט געהייסן חנה-רחל. זי איז געווען די איינציקע טאָכטער פון אַ געוויסן ר׳ מאָניש ווערבערמאַכער, אַ פאַרמעגלעכער מענטש און אַ שטיקל למדן; איר מוטער האָט אויך געשמט אַלס וואוילגעלערנטע און אַלס שטאַרק באַהאַוונט אין דער רעליגיעזער ווייבערישער ליטעראַטור. נאָך פון איר פריסטער יוגנט אָן האָט דאָס מיידל אויף זיך געצויגן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט מיט איר שיינקייט און מיט אירע זעלטענע פעאיקייטן. נאָך אַלס קינד האָט זי געלערנט דעם חומש אין אָריגינאַל, און זיך אויסגעלערנט

שרייבן העברעיש; שפעטער איז זי געוואָרן קלאָר אין אַ סך אַגדות פון תלמוד און מדרש און פון פאַרשידענע מוסר-ספרים. דאָס מיידל האָט געדאַוונט, ווי אַ מאַנסביל, דריי מאָל טעגלעך, און געדאַוונט מיט אַזאַ התלהבות און מיט אַזאַ עקסטאַז, פון וועלכע קיינער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן. די אָרטיקע אייגוואוינער פלעגן זאָגן, אַז ר׳ מאָנישעס טאָכטער איז ווערט צו ווערן אַ „צדיק״.

די אויסערגעוויינלעכע מעלות פון דעם מיידל, און צוזאַמען דערמיט די גרויסע עשירות פון איר פאָטער, האָבן געבראַכט דערצו, אַז ווי זי איז נאָר אַ ביסל עלטער געוואָרן, האָבן זיך צו איר פון אַלע זייטן אַ לאָז געטאָן שדכנים מיט שידוכים. מען האָט איר פאָרגעלייגט די גלענצנדסטע פּאַרטיעס פון אַנדערע שטעט, אָבער דער אַלטער ר׳ מאָניש, וועלכער איז געווען אַ ייד אַ קמצן, און האָט זיין טאָכטער קיין פיל נדן נישט געוואָלט געבן, האָט דידאָזיקע שידוכים נישט אָנגענומען. אינגיכן איז חנה-רחל פאַרקנסט געוואָרן צו אַ בחור פון דער אייגענער שטאָט. דאָסדאָזיקע געשעעניש האָט אַרויסגערופן אַן איבערקערעניש אין איר גייסטיקן לעבן. קענענדיק איר חתן נאָך פון קינדוויַיז אָן, האָט איס דאָס יונגע מיידל געליבט מיט איר גאַנצן ברען פון איר פייערדיקער נשמה; זי האָט זיך געריסן זען מיט אים, רעדן מיט אים ביחידות, אויסגיסן פאַר אים דאָס האַרץ; אָבער לויט די מנהגים פון יענער צייט זענען אַזעלכע זאַכן געווען אוממעגלעך: ביז דער חתונה האָבן זיך חתן-כלה נישט געטאָרט זען. פון גרויס בענקעניש נאָך דעם געליבטן יונגנמאַן איז דאָס מיידל געוואָרן קראַנק. מ׳האָט עס אָבער נישט גענומען אין אַכט. דער פאָטער איז געווען שטענדיק פאַרנומען אין זיינע געשעפטן, און די מוטער, וועלכע האָט דאָס מיידל זייער געליבט, איז אין יענער צייט געשטאָרבן. דאַן האָט דאָס מיידל אָנגעהייבן זיך צו דערווייטערן פון מענטשן און צו לעבן איינזאַם. גאַנצע טעג איז זי אָפּגעזעסן אין איר צימער, און פלעגט אַרויסגיין פון שטוב נאָר, כדי צו באַזוכן איר מוטערס קבר און אויסצוויינען איבער אים איר שווער, ביטער האַרץ.

איינמאָל—אַזוי דערציילט די לעגענדע—בעת חנה-רחל איז געזעסן אויף איר מוטערס קבר, איז אויף איר אָנגעפאַלן אַ שלאָף. בעת זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען אָוונט, און אַרום, אויפן בית-עולם, האָט מען נישט געזען קיין איין לעבעדיקן מענטשן.

דעם מיידל איז געוואָרן זייער באַנג צווישן די קברים. איר איז באַפאַלן אַ גרויסע שרעק, און זי האָט זיך געלאָזט לויפן אַהיים דורך דעם אַלטן בית-עלמין, וואו עס זענען געלעגן די גרעסטע צדיקים פון די לעצטע דורות. אויפן וועג האָט זי זיך אָנגעשטויסן אָן אַ שטיין, און איז אַרויפגעפאַלן אויף איינעם פון דידאָזיקע הייליקע קברים. זי האָט אָנגעהייבן שרייען, און איז געפאַלן אין חלשות. דער וועכטער פונם אַלטן בית-עלמין, וועלכער האָט דערהערט דאָס געשריי, איז צוגעגאַנגען צום מיידל, און נאָכדעם, ווי זי איז געקומען צו זיך, האָט ער זי אָפּגעפירט אַהיים. אַ משך פון עטלעכע וואָכן נאָכדעם איז זי געווען געפערלעך קראַנק; זי האָט פאַרלוירן די שפראַך, און האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. די דאָקטוירים האָבן שוין אָנגעוואָרן יעדע האָפענונג אויסצוהייקן דאָס קראַנקע מיידל. נאָר איינמאָל האָט זי פּלוצלונג אַ רוף געטאָן צו זיך דעם פאָטער און צו אים געזאָגט:

— נאָר וואָס בין איך געווען אין הימל, וואו איך האָב בייגעוואוינט אַ זיצונג פון בית-דין של מעלה, און דאָרט האָט מען מיר געגעבן אַ נייע, זייער אַ הויכע נשמה.

אין עטלעכע טעג אַרום איז זי געוואָרן געזונט.

פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך אָנגעהייבן פירן, ווי אַ מאַנסביל: האָט אָנגעטאָן אַ טלית-קטן מיט ציצית, האָט געדאַוונט אין טלית און תפלין, און פאַרבראַכט גאַנצע טעג „על התורה ועל העבודה". זי האָט די „תנאים" אָפּגעשיקט דעם חתן צוריק; זי האָט באַשלאָסן, קיינמאָל קיין חתונה נישט צו האָבן, ווייל זי האָט זיך דערהייבן איבער דעם עולם הגופני מיט זיינע פיזישע תאוות.

II

דערווייל איז אָפּגעשטאָרבן דער פאָטער פון דער הייליקער „מויד", און האָט איר איבערגעלאָזט אַ גרויס פאַרמעגן. זי האָט דאַן

אויסגעבויט אַ נייעם בית־המדרש, מיט אַ באַזונדער חדר דערביי *). אינם דאָזיקן צימער איז זי שטענדיק געזעסן און האָט געדאַוונט און זיך עוסק געווען אין תורה.

מיט דער „לומדישער מויד" האָט גענומען קלינגען אין דער גאַנצער געגנט, אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך און דערפער, און מאַסן מענטשן, מאַנסביל און ווייבער, פלעגן גיין צו איר בענטשן זיך, אַזוי ווי צו א היילִיקער. צו איר פלעגן פאָרן אויך לומדים און רבנים. זי האָט אָבער נאָענט צו זיך קיינעם נישט צוגעלאָזט. דאָס רוב איז זי געזעסן אין איר חדר, ביי אָפענע טירן, און דער המון, וועלכער איז געווען פאַרזאַמלט אין דעם זאַל פון נאָענטן בית־מדרש, האָט געהערט אירע דרשות דורך די אָפענע טירן.

אינגיכן האָט זי באַקומען אַ שם פאַר אַ וואונדערמאַכערין. מ'האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט די סודות פון הימל און ערד, און זי קאָן אויסהיילן קראַנקע. די חולאים, וועלכע פלעגן זיך ווענדן צו איר, האָט זי וויִרקלעך געהיילט מיט פאַרשידענע גראָזן און אַלערליי קרייטעכצער.

ביסלעכווייז האָט זיך אַרום איר קאָנצענטרירט אַ באַזונדער גרופּע חסידים, וועלכע מ'האָט גערופן „די חסידים פון דער לודמי־רער מויד". זיי האָבן געדאַוונט אין איר בית־מדרש, און שבת צו „שלוש סעודות" פלעגן זיי זיך צוזאַמענקומען, אום צו הערן אירע דרשות. די ווערטער פון דער דרשנטע פלעגן זיך דערטראָגן צום עולם, וועלכער איז געזעסן אין בית־מדרש, פון דעם נאָענטן חדר, וואו דאָס מיידל האָט זיך תּמיד מתבודד געווען.

די באַקאַנטע צדיקים פון יענער צייט פלעגן זיך נישט קאָנען אָפּוואונדערן איבער זייער נייעם חבר אין די ווייבערישע מלבושים. אַנדערע זענען צו איר אַראָפּגעפאָרן צוליב נייגעריקייט, אָנצוקוקן די־דאָזיקע וואונדערפרוי; נישט קענענדיק דידאָזיקע באַזוכער, האָט זי פונדעסטוועגן געוואוסט אָנצורופן יעדערן פון זיי ביי זיין נאָמען. אָבער סוף כּל סוף האָבן פיל צדיקים אָנגעהייבן מסופק זיין, צי עס רעדט נישט מיט די ליפּן פון דעמדאָזיקן מערקווירדיקן מיידל אַ „רוח־הטומאה"? מ'האָט איר גענומען איינרעדן, זי זאָל אומבייטן איר

*) דער מחבר, פון וועלכן מיר נעמען די ידיעות, באַמערקט דערביי, אַז דער־דאָזיקער בית־מדרש עקזיסטירט נאָך אין וולאַדימיר־וואָלינסק עד־היום אונטערן נאָמען: „גרינשטיבל". עס דאַווענען אין אים די ראַכמיסטראָווקער חסידים.

לעבנסשטייגער און זאָל חתונה האָבן? זי האָט אָבער וועגן דעם אפילו הערן נישט געוואָלט. נאָר אין אַ געוויסער צייט אַרום, בעת דער באַוואוסטער צדיק ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער האָט מיט איר גענומען אַריינטענהן וועגן דעם, האָט זי נאָכגעגעבן, און האָט חתונה געהאַט מיט אַ רב.

מען דערציילט, אַז דערזעלבער ר׳ מאָטל האָט זיך אַרויסגע-זאָגט וועגן דער „לודמירער מויד" אויף פאָלגנדיקן אופן:

— מיר ווייסן נישט, ווער עס איז געווען יענער גרויסער צדיק, וועמענס נשמה ס'האָט זיך באַזעצט אין דערדאָזיקער פרוי; ס'איז אָבער שווער פונדעסטוועגן דעם צדיקס נשמה צו געפינען רו אין דעם גוף פון אַ פרוי.

דעריבער האָט ער, ר׳ מאָטל, געוואָלט ברענגען די נשמה פון דערדאָזיקער פרוי אין אַ נידעריקערן, נאָרמאַלן צושטאַנד דורכדעם, וואָס זי וועט חתונה האָבן און עס וועלן זיך אין איר דערוועקן די נאַטירלעכע פרויאישע געפילן און פאַרלאַנגען. דאָס האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן. דער מאַן פון דער „לודמירער מויד" האָט מורא געהאַט צו האָבן נאָענטע באַציונגען מיט אַזאַ צדיקת, און האָט זיך באַלד מיט איר געגט. זי האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט, און אויך דאָסמאָל האָט זיך עס פאַרענדיקט מיט אַ גט. אַזוי איז די לודמירער צדיקת פאַרבליבן אַ מויד ביז איר טויט.

אָבער נאָך איר ערשטער, אפילו בלויז פיקטיווער, חתונה, האָט זיך דער צוזבער פון דער „לודמירער מויד" אָנגעהייבן צו פאַרמי-נערן. מ'האָט שוין אויפגעהערט צו קומען צו איר נאָך „מופתים", און מ'האָט זי גערעכנט בלויז פאַר אַ צדיקת, וועלכע איז געווען באַשאָנקען מיט געוויסע ניצוצות פון „רוח הקודש", — לויט ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט איינער פון די, וועלכע האָבן זי געקענט פערזענלעך.

אויף אירע עלטערע יאָרן איז די „לודמירער מויד" אַוועקגע-פאָרן קיין ארץ-ישראל, און דאָרט איז זי געשטאָרבן.

# יהודית מאָנטיפיאָרע.

## I

יהודית איז געווען אַ טאָכטער פון אַן אַמסטערדאַמער סוחר,
לוי בארענט קאָהען, וועלכער האָט זיך שפּעטער באַזעצט אין לאָנדאָן,
וואו ער האָט אָנגעפירט מיט גרויסע געשעפטן, און איז געוואָרן אַ
באַדייטנדיקער גביר. ער האָט געשמט אַלס העכסט אָרנטלעכער און
רעליגיעז-געזאָנענער מאַן, האָט געגעבן פיל צדקה, פריינטלעך אויפ-
גענומען יעדן נויטבאַדערפטיקן און מקיים געווען די מצווה פון
הכנסת-אורחים מיט דער פולער האַנט. זיינע טעכטער האָט ער אויס-
געגעבן פאַר די גרעסטע ענגלישע יידן. זיין עלטערע טאָכטער חנה
האָט חתונה געהאַט מיטן שעף פונם לאָנדאָנער ראָטשילד-הויז און די
יינגערע, יהודית, איז געוואָרן די פרוי פון ר׳ משה מאָנטיפיאָרע.
יהודית איז געבוירן דעם 20-טן פעברואַר 1784. נאָך קינדווייז
האָט זי זיך אויסגעצייכנט מיט זעלטענע אייגנשאַפטן, און באַזונדערס
מיט געדולט און אויסגעהאַלטנקייט. בעת אַלע שטוב-מענטשן פלעגן
ווערן אויסער זיך און צעשראָקן דורך אַ וועלכן עס איז שמערצלעכן
צופאַל, פלעגט יהודית בלייבן רואיק און ביים בעסטן מוט. ביי
אַזעלכע צופאַלן פלעגט זי זיך באַמיען אויפצומונטערן די אָפּהענגיק
געוואָרענע, אראָפּוואַרפן פון די פנימער די אַרויפגעצויגענע וואָלקנס.
אַמאָל פלעגט זי עס טאָן דורך אַ וויץ און אַמאָל מיט אַ טרייסט-
וואָרט. זייענדיק אַ קינד פון אַ יאָר דריי, פיר, איז זי אַמאָל אראָפּ-
געפאַלן פון אַ הויכן גאַניק. די דערבייאיקע האָבן געמיינט, אַז זי
וועט שוין קיין לעבעדיקע נישט אויפשטיין. ווי פריידיק דערשטוינט

זענען זיי אָבער געוואָרן, דערזעענדיק, אַז זי זיצט זיך גאַנץ רואיק אויף דער ערד, פּונקט ווי מיט איר וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

יהודית האָט פון איר פריסטער יוגנט באַקומען אַ זעלטענע דערציונג. אַ באַזונדער דערפאָלג האָט זי געהאַט אין דעם למוד פון פרעמדע שפּראַכן. אויסער ענגליש האָט זי גערעדט ווי מוטערשפּראַך פראַנצויזיש, דייטש און איטאַליעניש. אויך אין העברעיש האָט זי געהאַט אַ גענוגנדיקע ידיעה: זי האָט פאַרשטאַנען דעם פירוש המלות פון די תפילות און פון די סדרות-חומש, וואָס ווערן געלייענט שבת און יום-טוב.

זי האָט גענומען אנטייל אויך אין שפּילן און זינגען, און אפילו אין מאַלעריי. בכלל האָט מען נישט פאַרפעלט אין איר דערציונג קיין זאַך, וועלכע האָט זיך געפאָדערט פאַר אַן אַריסטאָקראַטיש מיידל אין יענער צייט. באַזונדערס אַכט האָט מען געלייגט אויף דער אַנטוויקלונג פון אירע רעליגיעזע געפילן. די פרומיקע ספרדישע מוטער איר שטרן-הויז האָט אַ סך מיטגעהאָלפן איינצוואָרצלען דידאָזיקע געפילן טיף אין איר האַרצן.

ווי שטאַרק זי איז געווען אָנגעהאַנגען אָן די רעליגיעזע מנהגים נאָך פון איר יוגנט, — דאָס באַווייזט פאָלגנדיקער עפּיזאָד, וועלכן יהודית האָט אַמאָל דערציילט דעם דאָקטאָר לעווי, מאָנטיפיאָרעס סעקרעטאַר:

„איינמאָל — דאָס איז געווען תשעה-באב — בעת איך מיט מיינע שוועסטער זענען געזעסן אין אונזער צימער אָנגעטאָן אין שוואַרצן אויף נידעריקע בענקלעך, און האָבן געזאָגט „קינות", לויט דעם יידישן מנהג, האָט זיך פּלוצלונג געעפנט די טיר, און עס איז אַריין אונזער דינסט, און גלייך נאָך איר דער אַדמיראַל טיר סידני סמיט צוזאַמען מיט אייניקע הויכגעשטעלטע שררות (סידני סמיט איז געווען איינער פון די גרעסטע ענגלישע גענעראַלן אין יענער צייט, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען דורך זיינע גלענצנדיקע נצחונות בשעת דעם קאַמף פון די ענגלענדער מיט נאַפּאָלעאָנס מיליטער אין מצרים און סיריע). מיינע שוועסטער זענען אַ ביסל צעמישט געוואָרן, ווייל זיי האָבן זיך געשעמט צו באַווייזן פאַר די געסט אין אַזאַ משונהדיקער פּאָזע. נאָר איך אַליין בין מיר געבליבן זיצן גאַנץ רואיק אויף מיין אָרט. אַדמיראַל סמיט האָט אונז אַ פרעג געטאָן גאַנץ דערשטוינט, פאַרוואָס מיר זיצן אַזוי ני-

דעריק? אויף דעם האָב איך אים געענטפֿערט פֿאָלגנדיקעס: „היינט איז דער אנדענקונגס-טאָג פֿון חורבן-ירושלים און איז ביי אַלע רעליגיעזע יידן אַ טאָג פֿון טרויער און פֿאַסטן. דער הער אַדמיראַל מיט זיינע חשובֿע חברים, וואָס געפֿינען זיך דאָ, ווייסן געוויס גאַנץ גוט וועגן די אויסטערלישע גבֿורות, וועלכע די יידן האָבן אַרויסגעוויזן אין קאַמף מיט די רוימער, און דעריבער בין איך זיכער, אַז איר וועט פֿאַרשטיין און מיטפֿילן אונזער גרויסן טרויער איבער דעם, וואָס ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן אונזערע עלטערן צו ראַטעווען מיט זייער גבֿורה די הייליקע שטאָט מיט דעם בית-המקדש. מיר וועלן אָבער דידאָזיקע גבֿורות געדענקען אייביק".

יהודית איז איר גאַנצן לעבן פֿאַרבליבן דאַנקבאַר אירע עלטערן פֿאַר דער גוטער דערציִונג, וואָס זיי האָבן איר געגעבן, און פֿלעגט דערמאָנען שטענדיק מיט ליבע און גרויס דאַנק די אַלע מענטשן, וואָס האָבן איר אונטערריכט אין איר יוגנט, און זייענדיק שוין פֿרוי מאָנטיפֿיאָרע, האָט זי זיי פֿון צייט צו צייט געשיקט פֿאַרשידענע מתנות, און אַנדערע האָבן פֿון איר באַקומען שטענדיקע פּענסיעס.

יהודיתעס ביאָגראַף באַצייכנט נאָך אַ באַזונדערע אייגנשאַפֿט, מיט וועלכער זי האָט זיך אויסגעצייכנט מיידלווייז, און וואָס איז „זייער אַ זעלטענע דערשיינונג ביי טעכטער פֿון גרויסע גבֿירים. מיידלעך פֿון רייכע עלטערן ווייסן על-פּי-רובֿ נישט דעם ווערט פֿון געלט, און געפֿינען נישט פֿאַר נייטיק צו פֿאַרנאָטירן קליינע הוצאות אין דעם הויזווירטשאַפֿטס-בוך. בעת ס'איז אָנגעשטאַנען פֿאַר יהודיתן די צייט צו פֿירן די הויזווירטשאַפֿט אין עלטערן-הויז, האָט זי אָפּגעהיט צו פֿאַרצייכענען אין איר חשבונות-ביכל די קלענסטע הוצאה, און אַזוי ווי זי האָט תּמיד געהאַט אַן אָפֿענע האַנט פֿאַר יעדן אָרעמאַן און נויטבאַדערפֿטיקן, וועלכער האָט זיך צו איר געווענדט נאָך הילף, אַזוי האָט זי קיינמאָל נישט אויסגעגעבן קיין איבעריקן גראָשן".

„שפּעטער — אַזוי פֿאַרענדיקט איר ביאָגראַף — בעת יהודית איז שוין געוואָרן אַ באַרימטע כּלל-טוערן, זענען אַלע אירע מעלות און די איידעלע שטריכן פֿון איר כאַראַקטער געווען אַ קוואַל פֿון ברכה פֿאַר די פֿיל פּערזאָנען, וואָס זי מיט איר מאַן האָבן זיי אַרויסגעהאָלפֿן פֿון דער נויט און געשטעלט זיי אויף די פֿיס."

## [illegible]

בעת מאָנטיפיאָרע האָט שוין געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער ענגלישער פינאַנץ-וועלט, איז געווען אַ שותּף מיט די ראָטשילדס און געפירט צוזאַמען וועלטגעשעפטן, האָט שוין אויך פאַרענדיקט דינען אין מיליטער און איז אַרויס מיט דעם ראַנג „קאַפּיטאַן", — ערשט דאַן האָט ער זיך באַקענט מיט יהודיתן, וועלכע האָט אויף אים באַלד געמאַכט אַן אומגעהויער שטאַרקן איינדרוק. ער האָט אין איר געפונען יענעם אידעאַל פון אַ יידישער פרוי, וועגן וועלכן ער האָט תּמיד געטרוימט און נישט געקענט געפינען. אָנפאַנגס האָט זיך דער שידוך אָנגעשטויסן אויף אַ שוועריקייט. ביז דעמאָלט האָבן ספרדישע יידן אויסגעמיטן ווי ווייט מעגלעך זיך משדך צו זיין מיט אשכנזים. דאָ האָט אָבער די ליבע געזאָגט איר וואָרט, און דער שידוך איז געוואָרן.

אָנהייב זומער 1813 האָט מאָנטיפיאָרע געפייערט זיין האָכצייט מיט יהודיתן. פון דעמאָלט אָן איז ביי אים דערדאָזיקער טאָג פאַרבליבן טייער און הויכגעשעצט ביז זיין לעצטן מאָמענט. אין דעם שטענדיקן באַוואוסטזיין, אַז יענער טאָג האָט אים געבראַכט ברכה און גליק, האָט מאָנטיפיאָרע פאַרבונדן דעם אָנדענקען פון זיין חתונה מיט יעדער שמחה, וואָס איז אים אויסגעקומען צו האָבן אויף זיין לעבנסוועג. וואָס פאַר אַ גוטע זאַך מאָנטיפיאָרע זאָל נישט האָבן אויפגעטאָן לטובת דעם כלל און דעם פּרט: האָט ער געבויט אַ שול, געגרינדעט אַ צדקה-אַנשטאַלט, געעפנט אַ דערציערישע אינסטיטוציע,— תּמיד האָט ער אויסגערעכנט אָנצוהייבן די זאַך, אַוועקצולייגן דעם פונדאַמענט וכדומה, נאָר אין דעם אָנדענקונגסטאָג פון זיין חתונה. ווען ער פלעגט זיך אַמאָל צוגרייטן צו מאַכן אַ נסיעה וועגן אַ וויכטיקן ענין, פלעגט ער באַשטימען דעם אָפּפאָר אויפן טאָג, ווען ער איז געגאַנגען צו דער חופּה מיט יהודיתן. ער האָט אַזוי געטאָן, כּדי צו פאַרבינדן יעדעס וויכטיקע געשעעניש אין זיין לעבן מיט דעם זכרון פון זיין חתונה-טאָג, — יענער טאָג, וועלכער האָט אים, לויט זיין אויסדרוק, „פאַרוואַנדלט די ערד אין אַ גן-עדן אויף זיין גאַנצן לעבן".

אַ ריכטיקן באַגריף וועגן די קעגנזייטיקע באַציונגען, וועלכע האָבן געהערשט צווישן יהודיתן מיט איר גרויסן מאַן אין פאַרלויף פון זייער גאַנצן לעבן, גיבן אונז די פאָלגנדיקע וואַרעמע און ענטוזיאַסטישע ווערטער, אין וועלכע מאָנטיפיאָרע האָט אויסגעגאָסן זיינע געפילן וועגן זיין חתונה אין זיין מעמואַרן-בוך פונם יאָר 1845, דאָס הייסט, אין צוויי־און־דרייסיק יאָר אַרום:

„היינט זענען געוואָרן צוויי־און־דרייסיק יאָר זינט דער אַלמעכטיקער גאָט, דער גאָט פון ישראל, האָט מיר מיט זיין גרויסער גנאָד מזכה געווען צו געבן מיר די טייערע יהודית פאַר אַ פרוי. איך האַלט פאַר מיין חוב, אָפּצודאַנקען גאָט פאַר דעם דאָזיקן גרויסן חסד, וועלכער איז מיר געוואָרן אַ קוואַל פון גליק אין מיין לעבן. פון דעם ערשטן טאָג אָן נאָך אונזער פאַרבינדונג ביז אויף דעם היינטיקן טאָג האָב איך תמיד געפונען נייע אורזאַכן צו ליבן און צו שעצן מיין פרוי אַלץ מער און מער. יעדעס נייע יאָר האָט מיר געבראַכט נייע באַווייזן פון איר וואונדערלעך איידעלן כאַראַקטער. ס׳איז נאָך נישט געווען אויף דער וועלט אַזאַ גוטע און וואוילע פרוי, ווי זי, וואָס אַלע אירע געדאַנקען און מעשים זענען געווענדט נאָר צו איין תכלית: צו מאַכן איר מאַן העכסט גליקלעך אין לעבן. זאָל איר גאָט בענטשן מיט אריכות ימים און מיט אַלדאָס גוטס. אמן.“

און באמת האָט מאָנטיפיאָרע געהאַט פאַרוואָס אַזוי דאַנקבאַר צו זיין יהודיתן. אויב מאָנטיפיאָרע איז אַזוי באַרימט געוואָרן ביי יידן און ביי דער גאַנצער וועלט דורך זיינע אויסטערלישע אויפטועכצן, איז די איינציקע טרייבקראַפט, וועלכע האָט אים צו אַלץ אָנגעפייערט, נישט געווען קיין אַנדערע, ווי בלויז יהודית, וועלכע האָט אים באַגלייט, ווי אַ לייכטנדיקער שטערן אויף יעדן שריט און טריט, און האָט מיט אים מיטגעמאַכט די שווערסטע און די געפערלעכסטע נסיעות, ווען ס׳האָט זיך נאָר געהאַנדלט אום אַ וועלכער־עס־איז רעטונגס־אַקציע לטובה דעם יידישן פאָלק.

## III

קמעט פון דער ערשטער מינוט אָן נאָך זייער חתונה האָט יהודית באַקומען אַ שטאַרקע השפּעה אויף מאָנטיפיאָרען. לויט ווי מיר געפינען אין זייערע מעמואַרן, האָט זיך יהודית גענומען קודם-כל פאַר זייער ביידנס ווייטערדיקער אויסבילדונג. זיי האָבן צוזאַמען געלערנט פראַנצויזיש און העברעיש. אונטערנעמענדיק מיט אים פאַרשידענע לוסטרייזעס, האָט מאָנטיפיאָרע, געפירט פון איר, באַזוכט נישט בלויז טעאַטערס און מוזייען, נאָר אויך די שולן און די וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס. אומעטום האָט יהודית אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו דער לאַגע פון די דאָרטיקע יידן. אין יעדן אָרט האָט זי באַטראַכט די איינריכטונגען און די אָרדענונגען פון דער קהילה, האָט אויפגענומען חשבונות און באַלאַנסן פון דער פילאַנטראָפּישער טעטיקייט, און האָט עס אויסגענוצט שפּעטער, צוריקקערנדיק זיך פון זייערע נסיעות, בעת זי מיט איר מאַן האָבן זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון דער לאָנדאָנער יידישער געמיינדע. באַזיצנדיק אַ הייס יידיש האַרץ, האָט יהודית אין דעם זין תמיד געווירקט אויף איר מאַן. מאָנטיפיאָרע אַליין באַטאָנט אין כמה שטעלן פון זיינע זכרונות, אַז דעם שטויס צו אַלע הילפס-אַקציעס לטובת דעם יידישן פאָלק, וואָס ער האָט פאַרווירקלעכט אין זיין לעבן, האָט געגעבן יהודית. פון אַ פּאַרצווייגטער כלל-טועריי אין דער לאָנדאָנער קהילה האָט יהודית דערפירט מאָנטיפיאָרען צו וואוילטעטיקע אונטערנעמונגען פון גרעסערע מאַסשטאַבן, און צו אַזעלכע מעשים, וועלכע באַגרענעצן זיך נישט בלויז אין דעם אָרטיקן תחום, נאָר זיי האָבן אַ פאָלקסבאַדייטונג. דערפון וואַקסן די אָפטע נסיעות, וואָס זי האָט מיט אים געמאַכט אין פאַרשידענע לענדער.

זעענדיק איבעריאָכט פון אַרבעט צוליב די קאָלאָסאַלע געשעפטן, וועלכע ער האָט געפירט מיט דער גאַנצער וועלט, האָט זיך מאָנטיפיאָרע, אונטער דער השפּעה פון זיין פרוי, דאָך אָפּגעריסן פון זיינע עסקים, און זיך געלאָזט מיט איר אין ווייטע, און אַמאָל אויך גאַנץ געפערלעכע, וועגן, אום אויסצופועלן טובות פאַר יידן ביי די העכסטע שררות. קיין איינאייינציקער פון זיינע

פּילצײַידיקע נסיעות האָט מאָנטיפיאָרע נישט געמאַכט אָן דער באַגלײַטונג פון יהודיתן, וועלכע האָט מיט אים געטײַלט צוגלײַך אַלע שוועריקייטן און מאַטערנישן, און אַפילו סכנות.

אַ גרויס אינטערעס האָט יהודית תמיד געהאַט פאַר ארץ־ישראל און פאַר אירע יידישע אײַנוואוינער. לויט איר איניציאַטיוו האָט זי מיט מאָנטיפיאָרען געמאַכט אין יאָר 1826 די ערשטע רײַזע קיין ארץ־ישראל. עס איז דאַן געווען קריגסצײַט: רוסלאַנד, פראַנקרײַך און ענגלאַנד האָבן געקעמפט קעגן דער טערקיי פאַר דער באַפרײַונג פון די גריכן. פונדעסטוועגן האָט עס מאָנטיפיאָרע נישט גענומען אין אַכט, און דעם 27־טן מאַי איז ער מיט יהודיתן אַרויס אין וועג. אינטערעסאַנט איז, אונטער אַנדערן, דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד, וועלכן מאָנטיפיאָרע גיט איבער אין זײַנע ערינערונגען וועגן דערדאָזיקער נסיעה. „אָנקומענדיק אויף דער ענגלישער אינזל מאַלטאַ, האָט דער גענעראַל פון דער דאָרטיקער פעסטונג אויפגענומען מיך מיט מײַן פרוי זייער פײַערלעך. אָבער עס איז אין יענעם טאָג גראָד אויסגעפאַלן תשעה־באָב, און אינמיטן פון גרויסן פאַראַד, וואָס מען האָט געמאַכט פון אונזער כבוד וועגן, האָבן מיר נישט פאַרגעסן צו פאַסטן און צו קלאָגן. דער טאָג איז פאַר אונז, אַ דאַנק גאָט, אַריבער בשלום און מיר האָבן ביידע אָפּגעפאַסט ביז אין אָוונט. די זון האָט זייער געבערנט, און מיר האָבן דערפון שרעקלעך געליטן. באַזונדערס איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן מײַן פרוי, און וואָס איך האָב מיך בײַ איר נישט צו בעטן, אַז זי זאָל פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג אָנבײַסן, האָט זי מיר אויף קיין פאַל נישט געוואָלט הערן“.

וואָס ווײַטער, איז אַלץ זייער וועג געוואָרן אומזיכערער. אין גאַנץ סיריע האָט געפלאַקערט אַ בונט צווישן דער באַפעלקערונג. די קריסטן זענען אַנטלאָפן אין די בערג צו באַהאַלטן זיך פאַר די ווילדע אַראַבער. די דאָרטיקע מאַכט האָט געוואָרנט מאָנטיפיאָרען, ער זאָל בלײַבן שטיין און נישט פאָרן ווײַטער. יהודיתן האָט זיך אָבער אַזוי שטאַרק געוואָלט באַטרעטן די ערד פון ארץ־ישראל, דאָס, נישט נעמענדיק אין אַכט די געפאַר, האָט זי געווירקט אויף מאָנטיפיאָרען פאָרצוזעצן די רײַזע קיין יפו. פון יענער נסיעה האָט יהודית אַרויסגעטראָגן נאָך אַ הייסערע ליבע צום הייליקן לאַנד, און די־דאָזיקע ליבע האָט זי געוואוסט צו דערוועקן אויך בײַ מאָנטיפיאָרען.

## IV

יהודית, וועלכע פלעגט מיט מאַנטיפיאָרען אָפט באַזוכן די הייזער פונם העכסטן ענגלישן אַדל, און אויך אין קעניגלעכן הויף, האָט ביי אַלעמען געניאָסן גרויס אַכטונג פאַר איר רייכער בילדונג, פּקחות און טאַקטפולן האַלטן זיך אין דערדאָזיקער סביבה. צוליב דעם, וואָס איר פלעגט זיך אַמאָל אויסקומען צו באַגעגענען מיט הויכגעשטעלטע פרעמד־שפּראַכיקע פּערזענלעכקייטן, האָט זיך איר פאַרוואָלט אויסצולערנען וואָס מער אויסלענדישע לשונות. מאַנטיפיאָרעס סעקרעטאַר ד״ר לעווי דערציילט דעם פאָלגנדיקן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד: „איינמאָל האָט זיך מאַנטיפיאָרע געוועט מיט זיין פרוי אין הונדערט פונט שטערלינג, אויב זי וועט ביז אַ געוויסן טערמין גוט באַהאַוונט ווערן אין דער איטאַליענישער גראַמאַטיק. צום באַשטימטן טאָג האָט יהודית גלענצנד אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און געוואונען ביי מאַנטיפיאָרען די אויבנדערמאַנטע סומע. דאָס האָט יהודיתן זייער געפרייט, און דעם מאַן האָט אויך שטאַרק הנאה געטאָן, זעענדיק די אויסטערלישע פעאיקייטן פון זיין פרוי צו דערלערנען פרעמדע שפּראַכן. ביי אַ געשפּרעך האָט יהודית אויסגעדריקט איר וואונטש דעם ד״ר לעווי, ער זאָל איר געבן אונטעררעכט אין די אָריענטאַלישע שפּראַכן, און באַזונדערס אין אַראַביש און טערקיש. ד״ר לעווי האָט מיט איר אָנגעהייבן צו לערנען אַראַביש, און איז געווען זייער דערשטוינט איבער די גלענצנדע פאָרשריט, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט בערך. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז יהודית איז שוין דאַן אַלט געווען 51 יאָר״.

אַ גרונטשטריך אין יהודיתעס כאַראַקטער איז געווען דאָס נישט אָפּשטעלן די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון איר און פון איר מאַן אפילו אויף איין סעקונדע. איר שטאַרקע נייגונג צו קהלשער וואוילטעטיקייט האָט איר נישט געלאָזט זיצן רואיק. ווי נאָר ס׳איז אָפּגעטאָן געוואָרן איין הילפאַקציע, האָט זי שוין גענומען קלערן וועגן אַ נייער אַקציע; אָט ערשט האָט מען זיך צוריקגעקערט פון איין נסיעה לטובת הכלל, האָט מען שוין גענומען מאַכן הכנות צו אַ צווייטער נסיעה.

אַזוי איז יהודיתס לעבן, צוזאַמענגעפלאָכטן מיט דעם לעבן פון איר מאַן, געווען אַ לאַנגע קייט פון אויסטערלישע מעשים לטובת דעם גאַנצן יידישן כּלל. פונוואַנען עס האָט נאָר אָפּגעקלונגען אַ יידיש וויי-געשריי, אַהין זענען תּיכּף געלאָפן יהודית מיט מאָנטיפיאָרען. וואוהין ער האָט זיך נאָר געווענדט נאָך הילף פאַר יידן, איז זי פון אים נישט אָפּגעטרעטן אויף אַ מינוט. זי האָט אים באַגלייט אויף אַלע זיינע אוידיענצן ביי די גרעסטע וועלט-מושלים, האָט אָנטייל גענומען אין אַלע באַראַטונגען און קאָנפערענצן, אין וועלכע עס איז געשטאַנען אויפן סדר-היום וואָסער עס איז פראַגע וועגן דער פאַרבעסערונג פון דער יידישער לאַגע דאָ און דאָרטן. אין יאָר 1840, בעת די יידן פון דמשק האָבן געהאַט אויסצושטיין געברענטע ליידן צוליב אַ בלוט-בלבול, און מאָנטיפיאָרע צוזאַמען מיט דעם פראַנצויזישן יידישן יוסטיץ-מיניסטער אַדאָלף קרעמיאָ זענען אַהין אַראָפּגעפאָרן משתדל צו זיין זיך לטובת זייערע געפייניקטע ברידער, האָט יהודית אויך מיטגעמאַכט מיט זיי יענע שווערע נסיעה. דער שרעקלעכער מצב פון די טערקישע יידן האָט איר אַזוי גערירט, דאָס זי איז דאָרטן פון גרויס עגמת-נפש געפערלעך קראַנק געוואָרן. ערשט נאָך דעם גרויסן דערפאָלג פון מאָנטיפיאָרעס מיסיע, בעת די אַרעסטירטע יידן זענען באַפרייט געוואָרן, האָט איר די ידיעה אויף אַזויפיל דערמונטערט, דאָס זי האָט זיך פון יענעם טאָג אָן אָנגעהייבן צו פילן בעסער אין געזונט.

קרוב צו יענער צייט האָט מאָנטיפיאָרע באַקומען טרויעריקע ידיעות וועגן דעם געדריקטן מצב פון די רוסישע יידן. נישט פיל טראַכטנדיק, האָט מאָנטיפיאָרע באַשלאָסן צו פאָרן קיין רוסלאַנד אום איבערצוגעבן פערזענלעך ניקאָלאַי דעם ערשטן אַ בקשה, צו פאַרלייכטערן דעם יידישן מצב. דרויסן איז דעמאָלט געשטאַנען זייער אַ שטרענגער ווינטער, באַזונדערס אין רוסלאַנד האָבן געהערשט גרויסע קעלטן און שטאַרקע פרעסט, און מאָנטיפיאָרען איז אויסגעקומען צו פאָרן אין שליטנס. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן יהודיתן פון צו באַגלייטן אים אויף דערדאָזיקער שווערער רייזע. עס האָט איר נישט אָפּגעהאַלטן פון דער נסיעה אויך דער טרויער, אין וועלכן זי האָט זיך דעמאָלט געפונען צוליב דעם טויט פון איר עלטערן ברודער יצחק קאָהען. אין אַלע צייטונגס-אַרטיקלען און בראָשורן, וועלכע

זענען אין יענער צייט געוואָרן פאַרעפנטלעכט דורך יידן און קריסטן וועגן מאָנטיפיאָרעס באַזוך אין רוסלאַנד, ווערט באַזונדערס באַטאָנט די גרויסע אויסטערלישע פערזענלעכקייט פון יהודיתן, וועלכע האָט יעדן ממש באַצויבערט.

אַ באַזונדערס הייסן אנטייל האָט יהודית גענומען אין מאָנטי־פיאָרעס באַמיונגען צו באַזעצן יידן אויף ערד אין ארץ־ישראל. זעקס מאָל האָט זי צוזאַמען מיט מאָנטיפיאָרען באַזוכט ארץ־ישראל, און יעדעס מאָל האָט זי דאָרטן שטאַרק אַגיטירט פאַר דער דערהייבונג פון דעם קולטורעלן ניוואָ פון דער יידישער פרוי.

זומער 1862 האָט מאָנטיפיאָרע געפייערט זיין גאָלדענע חתונה, און ווי זיין שטייגער, האָט ער מיט דערדאָזיקער געשעעניש פאַרבונדן נאָך אַ יום־יוב: ער האָט געפייערט אַ סיום התורה. יהודית, וועלכע איז דעמאָלט געלעגן קראַנק, האָט זיך מיט אירע לעצטע כוחות אויפגעהייבן פון אָרט און איז אַריין אין זאַל, אום צו זען, ווי מאָנטיפיאָרע וועט אַריינשרייבן די לעצטע אותיות אין דער תורה.

פון דעמאָלט אָן איז זי שוין נישט אַראָפּ פון בעט, און דעם ערשטן טאָג ראש־השנה איז זי געשטאָרבן אכטאונזיבעציק יאָר אַלט.

יהודיתעס טויט האָט מאָנטיפיאָרען אַזוי דערשיטערט, דאָס אייניקע חדשים נאָכאַנאַנד איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעדולטער, האָט פאַרנאַכלעסיקט זיינע געשעפטן, האָט זיך אַרויסגעטאָן אויך פון די פאָלקס־אינטערעסן, און האָט זיך אינגאַנצן פאַרטיפט נאָר אין זיינע טרויער־געדאַנקען. ערשט אין אַ געוויסער צייט אַרום איז אים אַרויף דער געדאַנק, אַז אַ טרייסט נאָך יהודיתן וועט ער קענען געפינען נאָר אין דער פאָרטזעצונג פון זיין כלל־אַרבעט, וועלכע איז איר געווען אַזוי ליב און טייער. ווייסנדיק, אַז יהודיתעס הייסעסטער וואונטש איז געווען, אַז ער זאָל נאָכאַמאָל מאַכן אַ נסיעה קיין ארץ־ישראל, כדי אויסצופועלן ביים סולטאַן הנחות פאַר די דאָרטיקע יידן, האָט מאָנטיפיאָרע באַשלאָסן נישט נעמען אין אַכט זיין פיזישע שוואַכקייט, און ממלא צו זיין איר לעצטן פאַרלאַנג.

זייענדיק שוין אַ זקן פון ניינאונזיבעציק יאָר האָט מאָנטיפיאָרע פאַרצייכנט אין זיינע זכרונות פאָלגנדיקעס:

„ביי אַלץ, וואָס איך האָב געטאָן פאַר זיך אליין און פאַר זיעם פאָלק, איז פאַר מיר געשטאַנען דער אָנדענקען פון מיין זעליקער

פרוי, און זייענדיק אָפּט מסופק, ווי אויסצופירן דאָס אָדער יענץ, פלעג איך טראַכטן:

— וואָס פאַר אַן עצה וואָלט מיר מיין טייערע פרוי געקאָנט געבן אין דעם ענין?...

Free Public Library, Newark, N. J.